STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07440

# DER GROYSER POYERIM-OYFSHTAND IN DAYTSHLAND

Esther Vilenska

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אסתר ווילענסקא

# דער גרויסער פויערים־אויפשטאנד אין דייטשלאנד־ פארגייער פון סאציאלע רעוואלוציעס

תל־אביב 1972

ESTHER VILENSKA

# THE GREAT PEASANT'S INSURRECTION IN GERMANY
# FORERUNNER OF SOCIAL REVOLUTIONS

©
Printed in Israel
1972

Copyright by the Author
E. Vilenska, Kiriat Shalom, Dik St. 6, Tel-Aviv, Israel

דפוס „אורלי", תל־אביב

דעם אָנדענק

פון מיין מ ו ט ע ר

סאָניע טראַקעניסקי-נאָוואַק

וועלכע איז אומגעבראַכט געוואָרן
דורך די נאַצי־מערדער אין פּאָנאַר (ווילנע)
אין חודש יוני, 1942 יאָר.

זי האָט געגלויבט אין מענטשן,
אין זייער שעפערישער מי
און אַלעמאָל געטרוימט וועגן אַ וועלט
פון יושר און שלום.

אַ פויער טראָגט די פאָן פון פרייהייט

# פאָרוואָרט צו דער יידישער אויסגאַבע

די ערשטע גרויסע אַנטי־פעאָדאַלע רעוואָלוציע אין אייראָפּע פון אָנהייב 16־טן יאָרהונדערט, איז דעם יידישן לייענער ניט גענוג באַקאַנט, צוליבן מאַנגל אין מאַטעריאַלן און מקורות וועגן דער דאָזיקער טעמע אין דער יידישער שפּראַך. מיין בוך „דער גרויסער פּויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד — פאָרגייער פון סאָציאַלע רעוואָלוציעס" איז דערשינען אין עברית אין יוני 1971, אין תל־אביב, אין די ראַמען פון מיין געשיכט־לעכן שטודיום אין העברעישן אוניווערזיטעט אין ירושלים. נאָכן דערשיינען פון דער דאָזיקער אַרבעט, האָב איך באַקומען אַ ריי ווענדונגען און פאָרשלאָגן פון פריינט אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך אין יידיש. די יידישע אויסגאַבע דערשיינט אין יאָר 1972. זי איז ניט בלויז אַן איבערזעצונג נאָר, אין אַ באַשטימטער מאָס, אויך אַן אויסגעברייטערטע אויפלאַגע. אייניקע קאַפּיטלען זענען אויסגעברייטערט געוואָרן, ספּעציעל דאָס קאַפּיטל וועגן דער באַציונג פון דער פּויערים־באַוועגונג צו דער יידישער באַפעלקערונג און די פּאָזיטיווע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגע־קומען אין דער הינזיכט אין גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פונעם אַנטי־פעאָדאַלן פּויערים־קאַמף.

פאַר דער יידישער אויסגאַבע האָב איך זיך באַנוצט מיט נאָך אייניקע מקורות פון יענער עפּאָכע ווי, למשל, דאָס דאָקומענטאַרע בוך פון יוסף איש ראָסהיים און די באַשרייבונג פון שאול פּנחס ראַבינאָוויטש וועגן אים, אָפּשאַצונגען פון יידישע היסטאָריקער, ווי שמעון דובנאָוו און צבי גרעץ, וועגן דער באַציאונג פון דער פּויערים־באַוועגונג צו די יידן.

דאָס בוך שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּרווו צו אַנאַליזירן די ערשטע גרויסע אַנטי־פעאָדאַלע רעוואָלוציע, אַלס פאָרגייער פון די סאָציאַלע רעוואָלוציעס אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער. די רוימיש־קאַטוילישע קירך, איר שטרענגע, פאַרצווייגטע היעראַרכיע, האָבן אין יענער צייט פּרעטענדירט אויפן מאָנאָפּאָל אין אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. יעדער מין ספק אין דער אַלמעכטיקייט און אין דעם אוניווערסאַלן אויטאָריטעט פונעם פּויפּסט, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ שרעקלעכע זינד. מען האָט געדראָט מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט אַזעלכע ספקות, מיט פולן חרם. דערפאַר איז טאַקע דער קאַמף פון דער רעפאָר־מאַציע־אינטעליגענץ קעגן דער עקסקלוזיווער הערשאַפט פון דער קאַטוי־לישער קירך און די פּויערים־בונטן פאַר פרייהייט, קעגן דער פאַרשקלאַפונג

ביי די קירכלעכע און סעקולערע גוטבאַזיצער — געווען אַ גרויסע, וויכטיקע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלכע האָט געעפנט אַ נייע תקופה אין דער אַלגעמיינער געשיכטע. דער דאָזיקער אַנטיפעאָדאַלער בונט איז באַצייכנט דורך פאַרשיידענע היסטאָריקער ווי דער טויער צו דער מאָדערנער געשיכטע.

דער הערלישער פויערים־אויפשטאַנד איז ניט געווען קיין רעזולטאַט פון „העצע מצד דעם שטן", ווי רעאַקציאָנערע כראָניקער און היסטאָריקער באַמיען זיך דאָס צו שילדערן, נאָר אַ פּראָצעס פון אַנוווקס, פון רייף ווערן פון פויערים־באַוווסטזיין און פון דער אַנטוויקלונג פון לאָקאַלע בונטן — צו אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד.

עס איז געווען אויך אַ קעגנזייטיקע השפעה פון אידייאישן פּראָטעסט מצד דער פאַרגעשריטענער רעפאָרמאַציע־אינטעליגענץ קעגן דער הערשאַפט פון דער קאַטוילישער קירך און פון דעם פויערים־רעוואָלט קעגן די פאָרמען פון פעאָדאַלער פאַרשקלאַפונג.

די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמאַטיק פון דעם אַנטיפעאָדאַלן פויערים־אויפשטאַנד, שטעלט מיט זיך פאָר גאָר אַ רייכן קוואַל, פון וועלכן מ'קען שעפּן דערפאַרונג אויך אין דער הייַנטיקער צייט וועגן די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון קאַמף פאַר פּראָגרעס. דאָס איז נוגע דער סטראַטעגיע און טאַקטיק פון דעם רעאַקציאָנערן פירשטן־לאַגער, וואָס האָט געצילט צעשיידן, איזאָלירן, שפּאַלטן און שפּעטער צעברעכן די אָפּאָזיציאָנעלע כו־חות פון די פויערים און שטאָטישע בירגער. דאָס איז געקומען בולט צום אויסדרוק אין די פאַרשיידענע שטרעמונגען אין דעם אָפּאָזיציאָנעלן לאַגער גופא, אין די דיסקוסיעס וועגן דעם אופן און מיטלען צו אַנולירן די קנעכטשאַפט, צום דעראָבערן די פערזענלעכע פרייהייט, צוריקבאַקומען די ערד, א.א.וו.

ניט געקוקט אויף געוויסע דערשיינונגען פון דעמאָראַליזאַציע איז דאָס דאָמינירנדיקע אין דער פויערים־באַוועגונג דער העראָיזם, די געוואַל־דיקע איבערגעגעבנקייט פאַר דער אַלגעמיינער זאַך, גרויסע מסירת נפש בעת דעם קאַמף.

דער קאַמף פאַר דער צוזאַמענאַרבעט צווישן די אָפּאָזיציאָנעלע כוחות פון יענער צייט, צווישן די פויערים־לאַגערן גופא אין פאַרשיידענע טיילן פון דייטשלאַנד און צווישן זיי מיט די שטאָטישע בירגער איז געווען איינע פון די שליסל־פראַגן.

אין דעם מאָמענט, ווען עס איז אַנטשטאַנען, אַפילו צייטווייליק, אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן די דערמאָנטע כוחות, איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג דערגאַנגען צו איר הויך־פּונקט און האָט באַזיגט די כוחות פון די פירשטן. אַזאַ מאָמענט איז, למשל, געווען בעתן צווינגען צונויפ־צורופן דעם לאַנדטאַג אין 1514־טן יאָר — דעם עמבריאָן פון דער נאַציאָנאַלער רעפּרעזענטאַנץ, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט

פויערים און שטאָטישע פּאָרשטייער. זיי האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַ געוויילטן ראַט פון ריטער, בירגער און פויערים, ווי אויך קאָנפיסקירן די קלויסטערס און דאָס קירכלעכע אייגנטום לטובת דער מדינה.

דער אויספירלעכער אַנאַליז פון דער פּלאַטפאָרם פון דער פויערים־באַוועגונג — די „12 פּאַראַגראַפן" באַווייזט, ווי אַזוי די פּרעציזע פאָרמולירונגען פון די טאָג־טעגלעכע פויערים־פאָדערונגען אין 1525־טן יאָר, האָבן אָביעקטיוו אויסגעדריקט די אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס. די פויערים־קאַמפן, צוזאַמען מיט דעם גרויסן אידייאישן קאַמף פאַר פערזענלעכער פרייהייט, האָבן דירעקט מיטגעווירקט צום פאַרניכטן דורך די שפּעטערדיקע דורות דעם פעאָדאַלן סיסטעם. פון די קאָנקרעטע פויערים־פאָדערונגען וועגן פּראָקלאַמירן פערזענלעכע פרייהייט, צוריק אומקערן די וועלדער, טייכן און פאַשע־פעלדער, אָפשאַפן צוואַנגס־אַרבעט א.ד.גל., איז בולט צו זען, אַז די פוערים־בונטן זענען ניט געווען קיין ווילדע סטיכישע אויסברוכן אויפן ראַנד פון דער געשיכטע, נאָר אַ וועזנטלעך־וויכטיקער פאַקטאָר פון געזעלשאַפטלעכן אַלגעמיינעם פּראָגרעס. זיי האָבן בייגעטראָגן אויף אַן אומבאַשטרייטבאַרן אופן לטובת אַ העכערער פאָרם פון דער אַלזייטיקער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

מאַרטין לוטער און טאָמאַס מינצער — די צווי גרויסע פערזענלעכקייטן פון יענער תקופה, האָבן צווישן זיך געהאַט פיל בשותפותדיקס. אָבער אין גאַנג פון זייער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, זענען זיי אַוועק אין קעגנזעצלעכע ריכטונגען. מאַרטין לוטער, דער גרויסער רעפאָרמאַטאָר, האָט דרייסט אויפגעהויבן די שטימע פון פּראָטעסט קעגן דער העגעמאָניע פון דער קאַטוילישער קירך. ער האָט געשפּילט אַ גרויסע פאָרגעשריטענע ראָל אינעם ערשטן עטאַפּ פון זיין אידייאישן קאַמף קעגן דער אויבערהאַנט פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירך אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. אָבער אינעם צווייטן עטאַפּ איז ער שטופנווייז אַריבער אויף אַ פּאָזיציע פון פאַרמיטלונג צווישן די פויערים און פירשטן און אין אַ קורצער צייט שפּעטער איז ער אינגאַנצן אַריבער צום פיינטלעכן לאַגער, רופנדיק די פירשטן צו שעכטן די פויערים.

טאָמאַס מינצער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ רעוואָלוציאָנערן פירער, וועלכער איז מיט לייב און לעבן געווען פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַר פרייהייט. אַ טעאָרעטיקער און אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָר — האָט ער צעמענטירט די פויערים־באַוועגונג, גערופן אָנצוגרייפן די קלויסטערס און פּאַלאַצן פון די פעאָדאַלן. ער האָט געלערנט, ווי אַזוי צעטיילן די ערד פון די גרויסע גוטבאַזיצער און הויך געהאַלטן די פאָן פון פרייהייט און פּראָגרעס.

דערקענען די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן פון דער פאַרגאַנגענהייט, זייער פּראָבלעמאַטיק, אַנטוויקלונג, די פעלערן און דערגרייכונגען — איז וויכטיק ניט נאָר פון שטאַנדפונקט פון געשיכטלעכער פאָרשונג,

נאָר אויך צוליב אַלזייטיקע אויספירן פאַרן אַלגעמיינעם קאַמף לטובת דעם פּראָגרעס פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

לויט דער דיאַלעקטיק באַדייט דאָס געגויע דערקענען די דינאַמיק, די אַנטוויקלונג פון קאַמף פאַר פאָרגעשריטענע געזעלשאַפטלעכע פאַר־מאָציעס פאַרן ווייל פונעם מענטשן — דערקענען זיין מהות. דערשיינונגען פון צוריקגאַנג, פון דעגענעראַציע בעת דעם דויערנדיקן קאַמף פאַר פּראָגרעס, זענען געווען אין פאַרשיידענע תקופות אין דער פאַרגאַנגענהייט, פונקט ווי זיי זענען פאַראַן אויך אין דער היינטיקער צייט. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון די קאַמפן פאַר פרייהייט, פאַר געזעלשאַפטלעכן אייגנטום פון די עיקרדיקע פּראָדוציר־מיטלען, פאַר גלייכהייט צווישן מענטשן און פעלקער, פאַר נייע פרידלעכע באַציאונגען צווישן פעלקער, פאַרן זיג פון דעמאָקראַטיע און הומאַניזם, פאַרן סאָציאַליזם.

די גרויסע וויטאַליטעט פון די פאָלקס־כוחות און זייער פאַרבינ־דונג מיט דער אידייע פון פרייהייט, איז אַ מעכטיקע, אומבאַזיגבאַרע קראַפט.

די רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די שפּעטערדיקע צייטן, האָבן מיטגעווירקט צו דער ווייטערדיקער אַנטוויק־לונג פון די אידייען און קאַמפן, וועלכע זענען אויף אַן עמבריאָנעלן אופן שוין געווען בעת דעם גרויסן פּויערים־אויפשטאַנד פון 1525־טן יאָר.

דער דאָזיקער העראָישער אויפשטאַנד איז געווען דער פאָרגייער פון אַ סך און פאַרשיידענע סאָציאַלע קאַמפן. וויכטיקע פּאָליטישע און סאָציאַלע קאַמפן זענען אין אַ גרעסערן און טיפערן פאָרנעם לויט די אידייען און שטרעבונגען געקומען צום אויסדרוק אין דער „גלאָרייכער רעוואָלוציע" אין ענגלאַנד פון 1689־טן יאָר, אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789־טן יאָר, אין דער פּאַריזער קאָמונע פון 1871־טן יאָר, אין דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917־טן יאָר אין רוסלאַנד און אין די אַנדערע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציעס פון 20־טן יאָרהונדערט.

דער העלדישער פּויערים־אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן ניט בלויז דורך דער „אייגענער" רעאַקציע, נאָר אויך דורך דער צוזאַמענאַרבעט פון די פירשטן־אַרמייען מיט דער פרעמדער, אויסערלעכער, מיליטערישער אינטערווענץ. איז עס אויך אַ לערע און וואָרניש לדורות.

אין רעזולטאַט פון די בורזשואַזע רעוואָלוציעס און דער צעפאַלונג פונעם פעאָדאַליזם האָט געזיגט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. אין קעגנאַזץ צום פעאָדאַליזם זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר פיל קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער פאַרשיידענע דעמאָקראַטישע רעכט, ווי צום ביי־שפּיל, פערזענלעכע פרייהייט, גלייכהייט לגבי דעם געריכט, אַלגעמיינע שטים־רעכט, רעפּובליקאַנישער סיסטעם, רעכט צו באַנוצן פריי געוויסע פלעצער אַלס געזעלשאַפטלעך אייגנטום, א.א.וו.

די דאָזיקע רעכט זענען אָבער ניט געשענקט געוואָרן אַלס מתנה פונעם בורזשואַזן קלאַס, נאָר זענען אויסגעקעמפט געוואָרן דורך די פֿאָלקסמאַסן אין משך פֿון דורות מיט פֿיל קראַפֿט, מוט, גלויבן, קרבנות, צייטווייליקע מפּלות און ענדלעכן זיג.

דעם קאַמף פֿאַר די דאָזיקע פֿרייהייטן האָבן זייערע כּוחות, וויסן און טאַלאַנטן אָפּגעגעבן אויך פֿיל וויסנשאַפֿטלער און פּראָגרעסיווע דענקער.

דאָס בוך דערשיינט אין 1972־טן יאָר. אינעווייניק, אין דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס איז זיך שטאַרק צעוואַקסן אויף אַלע קאָנטינענטן, זענען פֿאַראַן ניט ווייניק ספֿקות, סתּירות, קריזיסן, גרויסע אידעאָלאָגישע קאַמפֿן און דאָס בײַנאַנד מיט דערפֿאָלגן און פֿאָרשריט פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטישן געדאַנק. אַרײַנבליקנדיק אין די קאַפּיטלען פֿון דער געשיכטע, וואָס זענען נוגע דעם קאַמף פֿאַר פּראָגרעס, קען מען לערנען, ווי אַזוי די מעכטיקע קאַמפֿס־ענערגיע פֿון די פֿאָלקס־מאַסן איז בכּוח צו באַזײַטיקן קריזיסן און דורכלייגן דעם וועג צום נצחון פֿון הומאַניזם און מענטשלעכן פּראָגרעס.

כ׳וויל האָפֿן, אַז דער אַנאַליז פֿון די קאַפּיטלען געשיכטע, וועלכע זענען דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרן, וועלן דינען אַלס באַשיידענער בײַטראַג צום איבערגעבן דעם לעזער אַ ברייטערע דערפֿאַרונג און אַ בולטערע פּערספּעקטיוו פֿון אַ בעסערער צוקונפֿט.

א ו י ט א ר

ערשטער טייל

# דער גרויסער פויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד

דער גרויסער פויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד, אינעם יאָר 1525, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ דרייסטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער פעאָדאַלער אָרדענונג. ער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער שפּעטערדיקער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג. דאָס איז געווען אַן אַנטוויקלונג, אָנהייבנדיק פון קליינע, לאָקאַלע בונטן, ביז צו אַ גרויסן אויפשטאַנד, צו אַ רעוואָלוציאָנערן מאַסן־קאַמף פון ברייטן פאָרנעם קעגן דער פאַרקנעכטונג פון די פויערים דורך דער פעאָדאַלער אָרדענונג.

ווילהעלם צימערמאַן, דער גרויסער היסטאָריקער פון דעם פויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד (געלעבט אין 19־טן יאָר־הונדערט), האָט כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן קאַמף אַלס אָנהייב פון די אייראָפּעישע רעוואָלוציעס.

לויט דער מיינונג פון פרידריך ענגעלסן איז צו זען אין דעם דאָזיקן אויפשטאַנד דעם עמבריאָן פון יענע אַלע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, וועלכע האָבן געענדערט דעם היסטאָרישן גאַנג פון די שפּעטערדיקע דורות.

די אויפשטאַנד־באַוועגונג פון די פויערים־מאַסן אין יאָר 1525 האָט אַנטפּלעקט סיי וויכטיקע פּאָזיטיווע עלעמענטן און סיי נעגאַטיווע. אין דער אַנטוויקלונג פון דער פויערים־באַוועגונג זענען געקומען צום אויסדרוק גרויסע אידעאַלן, איידעלע קרעפטן און גרויסע פּערזענלעכקייטן. עס זענען אָבער אויך געווען דאָרט נעגאַטיווע, פינצטערע צעשטערערישע קרעפטן.

דער אידעאַל האָט געפונען זיין פאַרקערפּערונג אין דעם אַקטיוון קאַמף פון אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג צום מאַכן אַ

סוף מיט דער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון די פּויערים, קעגן דער עקסקלו־זיווער הערשאַפֿט פֿון דער רוימיש־קאַטוילישער קירך אין דעם סעקולערן לעבן, פֿאַר מענטשלעכער פֿרייהייט, פֿאַר קאָלעקטיוו־אייגנטום אויף אַלץ, וואָס דאַרף דינען דעם געזעלשאַפֿטלעכן נוצן, ווי למשל וועלדער, פֿעלדער, טייכן א.ד.גל.

אין דעם גרויסן און פֿילפֿאַרביקן לאַגער, וואָס איז געווען אַ אָפּאָזיציע צו דער הערשאַפֿט פֿון דער קירך און פֿון דעם פֿעאָדאַלן סיסטעם, זענען געווען פֿאַרשיידענע שטרעמונגען. צווישן זיי אויך אַ שטרעמונג, וואָס איז אַרויסגעקומען מיט רעוואָלוציאָנערע פֿאָדערונ־גען, וועלכע זענען, ווי פֿאַר יענער עפּאָכע, געווען ווייטגייענדיקע, למשל, די פֿאָדערונג פֿון אַ גרינטלעכער ענדערונג אין די אייגנטום־באַציאונגען, פֿאַרוואַנדלען דאָס קירכלעכע און סעקולערע אייגנטום איז אַן אַלגעמיין פֿאָלקיש אייגנטום, ווי אויך פּראָקלאַמירן אַ רעפּובליקאַנישע מלוכה־אָרדנונג.

## דער איינפלוס פון דער רעפאָרמאַציע
## אויף דער פויערים־באַוועגונג

די פויערים־באַוועגונג האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. זי איז צעמענטירט געוואָרן אין פּראָצעס פון פירן איינצלנע, סעפּאַראַטע קאַמפן, אויסוואַקסנדיק אויף זייער באַזע אין אַ מאַסן־באַוועגונג, מיט אַ דרייסטן רעוואָלוציאָנערן פליגל.

דער דאָזיקער פּראָצעס איז פאָרגעקומען איינצייטיק מיט דעם גייסטיקן בונט קעגן דער עקסקלוזיווער הערשאַפט פון דער קאַטוי־לישער קירך. די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג פון די פויערים האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אויפן אַלגעמיינעם יסוד פון דער רעפאָרמאַציע, פון איר רעוואָלוציאָנערן, אַלאיינאָפּעישן קאַמף קעגן דעם מאָנאָפּאָל פון דער רוימישער קירך אין דער געזעלשאַפט.

דער זייער וויכטיקער קאַמף פון מאַרטין לוטער קעגן דער הערשאַפט פון דער קאַטוילישער קירך, איז געפירט געוואָרן אין דער צייט, ווען ס'זענען פאָרגעקומען אַ סך דרייסטע פויערים־בונטן קעגן דער פאַרשקלאַפונג דורך די גרויסע ערד־אייגנטימער. די הויכע שטימע פון לוטערן, וועלכע האָט אָנגעזאָגט דעם בונט קעגן דער קאַטוילישער קירך, האָט אָפּגעהילכט דעמלט, ווען די פויערים האָבן גענומען אָנגרייפן די קלויסטערס, קירכעס און פעאָדאַלע פּאַלאַצן, דעמלט, ווען זיי האָבן קלאָר פאָרמולירט אין באַזונדערע פּאַראַגראַפן זייער ציל:

זיך באַפרייען פון לייבאייגנטום, פון דערדריקנדיקע אָפּצאָלן און פון פאַרשקלאַפונג ביי די פירשטן.

מאַרטין לוטער איז אין 1517־טן יאָר אַרויסגעטראָטן מיט זיינע 95 טעזיסן קעגן די אינדולגענצן. ער האָט אָפּגעוואָרפן דאָס פּרעטענדירן מצד דעם קאַטוילישן קלער צו פאַרנעמען אַ הערשנדיקע פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט. לוטער האָט עפנטלעך פאַרברענט די פויפּסטלעכע פאַראָרדנונג וועגן אויסשליסן אים פון דער קירך

און גערופן צו באַפרייען זיך פון דער פּויפּסטלעכער צוואַנגס־הערשאַפט. דאָס אַלץ האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ רעוואָלוציאָנערע ווענדונג אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון יענער צייט.

די רעפאָרמאַציע האָט זיך אַנטוויקלט אין דער צייט פון גרויסן געזעלשאַפטלעכן אויפברויז קעגן דער פעאָדאַלער אונטערדריקונג און קעגן ווילקיר פונעם קלער.

פון דער אַנדערער זייט האָבן לוטערס בונטאַרישע אַרויסטרעטונגען אומדירעקט געדינט אַלס אַרויסרוף צום קאַמף, אַלס אויפוואַכונגס־סיגנאַל פאַר אַלע אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע שיכטן. אין זיין בוך וועגן דעם פויערים־אויפשטאַנד האָט ענגעלס געשריבן, אַז די השפעה פון לוטערס לערע אויף דער אָרגאַניזירונג פון די פויערים איז געווען אַזוי ווי אַ בליץ, וואָס טרעפט אין אַ פאַס מיט ברען־שטאָף.

די רעפאָרמאַציע האָט זיך אַנטוויקלט אינעם 16־טן יאָרהונדערט, אין דער תקופה, ווען עס האָט זיך פאַרטיפט דער אַנטאַגאָניזם צווישן דער מערהייט פון דער געזעלשאַפט און דער מאַכט פון דער קירך. צוזאַמען דערמיט האָט די רעפאָרמאַציע געשטויסן שטאַרק פאָרויס אין דער ריכטונג פון דער גרויסער און שטורמישער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג פון די פויערים, פון די פלעבייאישע עלעמענטן, שטאָטישער אָפּאָזיציע, טיילן פון די אָרעמע, נידעריקע גייסטלעכע, ווי אויך אַ טייל פון דעם אַדל — קעגן די פעסטונגען פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג.

די רעליגיעזע רעוואָלוציע האָט אויף אַ דיאַלעקטישן אופן זיך צונויפגעפלאָכטן מיט אַ ריי גרויסע רעוואָלוציעס אין פאַרשיידענע געביטן, למשל, אין דעם געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן געביט.

די פאָן פון פּראָטעסט און בונט, וועלכע איז אויפגעהויבן געוואָרן דורך לוטערן, איז געווען איינע פון די בולטסטע אויסדרוקן פון יענע גרויסע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע זענען דערגאַנגען צום באַוווסטזיין וועגן דעם ווידערשפּרוך צווישן זייערע טאָג־טעגלעכע לעבנס־וויכטיקע אינטערעסן און דער מאַכט פון דער קירך.

אין דער זעלבער צייט איז דער דאָזיקער אידייאישער ווענד־

פונקט געווען אַ שטויס צום אַנטוויקלען אַ געזעלשאַפטלעכע, רעוואָ־לוציאָנערע און שטורמישע באַוועגונג.

דער בונט קעגן דער אויטאָריטעט פון דער רוימישער קירך האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן עכאָ. ער האָט דערמונטערט די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע געזעלשאַפטלעכע שיכטן אויס־צוגלייכן זייערע רוקנס. אין דער דאָזיקער לוטעראַנישער רעוואָלוציע זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע כוחות: מאַסן פּויערים, שטאָטישע מיטלשיכטן און אַ טייל פונעם אַדל.

די וואַקסנדיקע קריטיק לגבי דער קירך האָט זיך אַנטוויקלט אין אַן אַלגעמיינעם סעקולערן קאַמף קעגן דער ווילקירלעכער הערשאַפט פון די פירשטן, קעגן לייבאייגנטום, קעגן דערנידעריקן די מענטשן־ווירדע, קעגן דער גרויסער מאַטעריעלער נויט.

דאָס איז געווען אַ תקופה פון אויסערגעוויינלעכער צעטרייסלונג פון איינגעפונדעוועטע רעליגיעזע אינסטיטוציס.

די רעפאָרמאַציע־באַוועגונג האָט געדינט אַלס סטימול פאַר שאַפונגס־קרעפטן און געגעבן אַ גרויסן שטויס פאָרויס דער אַנטוויקלונג פון נייע געדאַנקען, וואָס שייך דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, דעם כאַראַקטער פון דער מאַכט, די אייגנטום באַציאונגען, די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן בכלל.

די קאָנסאָלידאַציע פון דער פּויערים־באַוועגונג איז פאָרגעקומען אויפן יסוד פון דעם טיפן קעגנזאַץ צווישן די פּויערים־מאַסן אין דייטשלאַנד און די קירכלעכע און סעקולאַרע גרויסע גוט־באַזיצער. די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע.

די דערגרייכונגען אין יענער תקופה, למשל, אינעם געביט פון דרוק־וועזן, האָבן געהאָלפן צו דער אויסברייטערונג פון דער פּויערים־באַוועגונג. די דערפינדונג פון דרוק־וועזן אין מיטן פון 15־טן יאָרהונדערט האָט געבראַכט מיט זיך אַ קאָלאָסאַלע ענדערונג. זי האָט דערמעגלעכט צו ברענגען דאָס געדרוקטע וואָרט אין ווייטע ערטער, אין פאַרוואָרפענע און פאַרוואָרלאָזטע דערפער. אין די דאָזיקע דערפער האָט זיך אַלעמאָל געפונען עמעצער, וועלכער האָט פאַרגעלייענט די ווענדונג צו די פּויערים, האָט זיי גערופן צו פאַרטיידיקן זייערע רעכט און זיך אַנטקעגנשטעלן דער מאַכט פון די קירכלעכע און סעקולערע הערשער.

# די מאַטעריעלע און סאָציאַלע באַדינגונגען פון די פויערים־מאַסן

די אָפטע פויערים־אויפשטאַנדן אין אייראָפּע, אינעם 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט, זענען געווען אַ רעזולטאַט פון די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען און פון דער געזעלשאַפטלעכער דעגראַדאַציע פון די פויערים־מאַסן אין דער פעאָדאַלער אָרדנונג.

זשאָרזש דיבי שטרייכט אונטער אין זיין בוך וועגן דער דאָרפישער ווירטשאַפט אין מיטלאַלטער, אַז די פאַרשפרייטונג פון די פויערים־אויפשטאַנדן און זייער אויסברוך אין פיל ערטער פון אייראָפּע, פאַרפליכטן צום אויספאָרשן די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון די פויערים אינעם 14־טן און 15־טן יאָרהונדערט.

דאָס אייגנטום־רעכט אויף ערד איז אין יענער צייט אָפּגענומען געוואָרן ביי די פויערים און איז איבערגעגעבן געוואָרן דער הער־שאַפט פון די פירשטן. די אָרעמע דאָרפישע מאַסן, וועלכע זענען געווען געצווונגען צו פאַרשולדיקן זיך דורך הלוואות, כדי צו באַצאָלן די גרויסע שטייערן, זענען געשטעלט געוואָרן אין זייער אַ שווערער לאַגע. אין דער זעלבער צייט האָבן די הלוואה־געבערס זיך שטאַרק באַרייכערט דורך אויסנוצן די פינאַנסיעלע שוועריקייטן פון די פויערים.

זשאָרזש דיבי האָט אין זיין אויבנדערמאָנטן בוך פאַרעפנטלעכט דאָקומענטן פון לאַטיפונדיעס און אָנקלאַגעס פון פויערים, פון וועלכע עס איז צו זען די גרויסע פּאַופּעריזאַציע פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. דאָרט ווערן געבראַכט ליסטעס פון דעם רענטע־אָפּצאָל, וועלכע עס זענען שולדיק די לייבאייגענע פויערים, אַ ראַפּאָרט וועגן דער גרויס פונעם אייגנטום, פון וועלכן עס איז צו זען דעם שטאַרקן וווקס פון די אייגנטום־אונטערשיידן, פּעטיציעס צו די מאַכט־אָרגאַנען וועגן פאַרלייכטערן די שטייערן־לאַסט, בריוו מיט אַנטשולדיקונגען פאַרן נישט באַצאָלן די חובות, אָנקלאַגעס, אַ שילדערונג פון דער גרויסער נויט און פון פאַרשיידענע אומגליקן.

דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דעם מלחמה־צושטאַנד, וועלכער איז אין יענער עפּאָכע געווען כמעט אַ שטענדיקע דערשיינונג, האָבן געווירקט צעשטערעריש אויף דער לאַנדווירטשאַפט פון די פּויערים.

אין די ווערק פון ווילהעלם צימערמאַן און פרידריך ענגעלס וועגן דעם פּויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד אין יאָר 1525, זענען זייער ברייט געשילדערט די שווערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען פון די פּויערים־מאַסן אין יענער עפּאָכע. די פּויערים זענען פאַרעכנט געוואָרן צום סאַמע נידעריקסטן סאָציאַלן שיכט. די באַציאונג פון די פירשטן, פונעם אַדל און פון די גייסטלעכע צו די פּויערים איז געווען אַזוי ווי צו אַ טויטן קעגנשטאַנד, אָדער צו אַ שטוב־בהמה, אויב נישט נאָך ערגער.

ווען דער פּויער איז געווען אַ לייבאייגענער, איז ער פולשטענדיק געווען אויפן באַראָט פון זיין גוטבאַזיצער. אויב דער פּויער האָט געהאַט בלויז טיילווייזע פליכטן, זענען זיינע דינסט־אַרבעטן פאַר די גוטבאַזיצער געווען נאָך פיל גרעסער און האָבן שווער געדריקט אויף אים. די גוטבאַזיצער פלעגן ווילקירלעך פאַרגרעסערן די פליכט פון די פּויערים, וועלכע זענען געווען מחויב צו אַרבעטן אין די לאַטיפונדיעס פון זייערע האַרן אין משך פון דעם גרעסטן טייל פון זייער צייט.

פאַר אַלץ, וואָס דעם פּויער האָט זיך איינגעגעבן אָפּצושפּאָרן פון זיין אַרבעט אין דער ווייניק־פרייער צייט, איז ער געווען געצוווּנגען אָפּצוצאָלן גאָר אַ סך. ער האָט געמוזט, למשל, צאָלן פאַר אַרענדע, פאַר ערד־רענטע פאַרגיטיקונג, מלחמה־שטייער, קייזער־שטייער א.א. אויב דער פּויער האָט געוואָלט חתונה האָבן, איז ער געווען מחויב צו באַצאָלן אַ צוגאָב צו די שטייערן דורך פיזישער אַרבעט, דורך באַאַרבעטן די ערד פונעם גוטבאַזיצער. דער פּויער איז געווען פאַרפליכטעט אַראָפּצונעמען פון די פעלדער פאַר דעם האַר שטרוי, טרוסקאַווקעס א.א.

ער איז אויך געווען פאַרפליכטעט דורכצופירן דעם געיעג בעת חיות־יאַגד, האָקן האָלץ א.ד.גל. אָבער די רעזולטאַטן פונעם יאַגד און פישפאַנג האָבן ניט געהערט צום פּויער, נאָר צו זיין האַר. כמעט אומעטום האָבן די גוטבאַזיצער מיט כח אָפּגענומען ביי די פּויערים די פּאַשע־פעלדער און געמיינדע־פעלדער.

אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט האָט געהאַט דער לייב־אייגנטימער נישט בלויז איבערן אייגנטום פונעם פויער, נאָר אויך איבער זיין קערפּער, איבער זיין פרוי און טעכטער. דער האַר האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אַרעסטירן אויף אַ ווילקירלעכן אופן דעם פויער און אים איינזעצן אין תפיסה, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין גוט. דאָרט האָבן דעם פויער דערוואַרט גרויזאַמע פּייניקונגען. דערנאָך האָט דער גוטבאַזיצער אים געצווונגען אָפּצוצאָלן אויסלייז־געלט. ווען דער פויער האָט חתונה געהאַט, האָט צו דעם גוטבאַזיצער געהערט „דאָס רעכט פון דער ערשטער נאַכט".

די פּריצישע שטראָפן פאַר נישט געהאָרכזאַמקייט מצד די פויערים זענען געווען שטאַרק אַכזריותדיקע. זיי פלעגן די פויערים שמייסן און אָפּט זיי מאַכן פאַר קאַליקעס. די גוטבאַזיצער האָבן זיך דערביי געשטיצט אויף פּאַראַגראַפן פונעם אַזוי גערופענעם „קאַראָלינע־קאָדעקס" (אויפן נאָמען פון קייזער קאַראָל דער פינפטער) און פלעגן באַשטראָפן מיט אָפּשניידן די אויערן, אויסשטעכן די אויגן, אָפּשניידן די נעזער, ברענען מיט אָנגעגליטע אייזנס, א.ד.גל. אין די געריכטן האָבן אַלס ריכטער געמשפּט די פויערים — באַראָנען, גייסטלעכע, פּאַטריציער און יוריסטן, וועלכע פלעגן באַקומען געצאָלט פאַרן אַרויסטראָגן אורטיילן אויף די פויערים. די אונטערטעניקייט פון די דאָרפישע מאַסן האָט געדויערט דורות־לאַנג.

ווען די דירעקטע שטייערן האָבן נישט באַפרידיקט די גוטבאַזיצער, האָבן זיי אַרויפגעלייגט אויף די פויערים אומדירעקטע שטייערן. זיי פלעגן זיך באַנוצן מיט שווינדלערייען כדי צו באַקומען קרעדיטן און פאַרשיידענע געלט־אָפּצאָלן, וואָס האָבן געדאַרפט אָנפילן די קאַסע פון דער ביוראָ, וועלכע האָט געהאַט די קאָנטראָל איבער די הכנסות (די פיסקאַל־קאַסע).

ווען אָבער אויך די דאָזיקע אָפּנאַרערישע מעטאָדן האָבן נישט געבראַכט די געוווּנטשענע געלט־סומעס און קיין שום פּריי־שטאַט אויפן שטח פון קייזערטום איז נישט מסכים געווען צו געבן קרעדיטן, פלעגן זיי זיך אַרויסהעלפן מיט מאַכן פאַלש געלט. זיי פלעגן גיסן פאַלשע מטבעות, אַרויפצווינגען אַן אָפּיציעלע טויש־נאָרמע — אַ הויכע אָדער נידעריקע, לויט דעם ווי עס האָט געהאַלטן מיט די פיסקאַלע הכנסות. אַן אָביעקט פון האַנדל זענען אויך

געווען די שטאַטישע און אַנדערע פּריווילעגיעס, וועלכע מען פלעגט געבן און שפּעטער אַנולירן, כדי זיי נאָכאַמאָל פאַרקויפן פאַר אַ העכערן פּרייז.

דאָס געריכט איז איבערהויפּט נישט געווען קיין גערעכטיקייט־אינסטיטוציע, נאָר האָט געדינט אין די הענט פון די פירשטן אַלס שטענדיק מיטל לטובת זייערע אינטערעסן. אויף די אונטערטעניקע פּויערים פלעגן אַרויפגעלייגט ווערן פאַרשיידענע שטייערן און אַרבעטס־פליכטן און יעדעס מאָל מיט נייע אויסריידן און מיט נייע באַצייכענונגען.

אין קעגנזאַץ צו די קאָנטראַקטן פלעגן די גוטבאַזיצער ווילקירלעך העכערן די שטייערן, וואָס זענען באַצאָלט געוואָרן מיט פיזישער אַרבעט און מיט פאַרשיידענע אָפּצאָלן, ווי למשל, אין פאַל פון טויט א.א.

דער וווּקס פון די שטייערן, וועלכער האָט דערגרייכט אַן אומדערטרעגלעכע הויך, האָט געצווונגען די פּויערים צו זוכן מזומן־געלט. די דאָזיקע באַדערפעניש אין געלט־מיטלען האָט געשטויסן די פּויערים אין די הענט פון די וווּכערער. שטאַרק געדריקט דורך די שטייערן, האָבן די פּויערים פאַרקויפט נישט בלויז זייערע פּראָדוקטן, נאָר אויך זייערע אייגענע שטוב־זאַכן און זייער אַרבעטס־קראַפט.

זשאָרזש דיבי ברענגט אין זיין בוך אַ ביישפּיל פון אַ נאָטאַר, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען סיי אַ גוטבאַזיצער, סיי אַ רענטע־צונויפנעמער, אַ דירעקטאָר, אַן אייגנטימער פון אַ פאָלוואַרק, אַ וווּכערער און אַ סוחר. אויף אַזאַ אופן האָט ער מיט זיך פאַרקערפּערט די גאַנצע עפנטלעכע מאַכט פון דער שטאָט לגבי דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

# דער אורבאַניזאַציע־פּראָצעס
# און זיין איינפלוס אויף די פּויערים־בונטן

דער אורבאַניזאַציע־פּראָצעס אין דייטשלאַנד האָט בולט געווירקט אויף דער לאַגע פון די פּויערים. אין יענער צייט זענען אויפגעקומען און זיך אַנטוויקלט נייע שטעט. גלייכצייטיק איז פאָרגעקומען אַ בויונגס־אַרבעט אין די אַלטע שטעט, מיטן ציל זיי אויסצוברייטערן. אַ סך פּויערים האָבן זיך געווענדעט מיט ביטעס זיי אָנצונעמען אַלס איינוווינער פון די נייע קוואַרטאַלן, וואָס זענען געבויט געוואָרן אין די שטעט. פאַרשיידענע פאַרשונגען באַווייזן, ווי אַזוי די פאַרגרעסערטע נאָכפראַגע אויף בוי־האָלץ, אַלס רעזולטאַט פון דער אויסגעברייטערטער בויונג אין די נייע שטאָטישע קוואַרטאַלן, האָט געשאַפן אַן אויסערגעוויינלעכע מאַטעריעלע פאַראינטערעסירונג ביי די גוטבאַזיצער אויף צו עקספּלואַטירן די וועלדער. זיי האָבן אויף אַ ווילקירלעכן אופן זיך צוגעאייגנט, אַלס זייער פּריוואַט־אייגנטום, די וועלדער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט געהערט צו די דאָרפישע געמיינדעס. דאָקומענטן וואָס שייך דער אַנטוויקלונג פון די שטעט, גיבן אַ מעגלעכקייט צו זען די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען צווישן די דאָרפישע גוטבאַזיצער און די גרויסע שטאָט. שטאָטישע רייכע מענטשן פלעגן אינוועסטירן געלט אויף איינצושאַפן זיך ערד־אייגנטום. אין די שטעט פון סוף 15־טן און אָנהייב 16־טן יאָרהונדערט, הויפּטזעכלעך אין די פּראָווינציעלע הויפּט־שטעט, וועלכע זיינען געווען די רעזידענץ פון די פּאָליטישע מאַכט־אינסטיטוציעס, האָט זיך די רייכע איינגעגעבן צוצואייגענען זיך אַ גרויסן סכום דאָרפישע פּראָדוקציע. די דאָזיקע שטעט זענען פּאַקטיש אויסגעוואַקסן צו צענטרען, אין וועלכע עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע ווירטשאַפטלעכע פּראָפיטן.

די ערד און די וועלכע זענען אויף איר געזעסן, איז אין משך פון אַ באַשטימטער צייט געוואָרן ווילקירלעך דאָס אייגנטום פון פירשט, וועלכער האָט זיך געפילט בכוח אַרויפצולייגן שטייערן.

די ביז גאָר שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען פון די פּויערים און די אויספאָרמירונג פונעם געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט צו ענדערן די לאַגע, האָט זיי געשטויסן צום צוזאַמענצוטרעפן זיך, צום באַהאַנדלען זייער לאַגע און פאָרמולירן פאָדערונגען פון יסודותדיקע ענדערונגען אין זייערע טאָג־טעגלעכע לעבנס־באַדינגונגען.

# אַנוווקס פון די פויערים־בונטן

די פאַרשונג וועגן דעם אַנוווקס פון די פויערים־בונטן, ביז זייער דערגרייכן צו אַ גרויסן אויפשטאַנד, דערמעגלעכט צו דערגיין די טיפע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע סיבות פון די בונטן. ביז גאָר ווינטיק איז צו באַקענען זיך מיט די סאָציאַלע קרעפטן פונעם גרויסן בונט, מיט דעם צייטיק־ווערן און אַנוווקס פון די פאָדערונגען, מיט זייער עפנטלעכן אויסדרוק און אַלגעמיינע צילן פון גרויסן אויפשטאַנד.

די פויערים האָבן פאַראורטיילט די ווילקירלעכקייט פון די גייסטלעכע, פון דעם אַדל, פון די פירשטן. זיי האָבן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אויב די גייסטלעכע פירן נישט קיין קריסטלעכן, באַשיי־דענעם לעבנס־שטייגער, זענען זיי ניט ראוי צו פאַרנעמען זייערע פאָסטנס.

די פויערים־באַוועגונג איז ביי אירע ערשטע שריט אַרויסגעקו־מען מיט דער פאָדערונג אומצוקערן זיך צו דער פריערדיקער לאַגע, צו דעם באַשיידענעם לעבנס־שטייגער, אומקערן צוריק דעם באָדן, אָפּגעבן דער דאָרפישער געמיינדע די וועלדער און טייכן.

אין גאַנג פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג האָט די פויערים־באַוועגונג אָנגעהויבן צו פאָרמולירן פאָדערונגען וועגן ענדערן די לאַגע. די פאָדערונגען וואָס שייך די שטייערן, דער יוריסדיקציע, דעם פערזענלעכן סטאַטוס, האָבן באַקומען אַ נייעם, אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער.

דער פויערים־אויפשטאַנד פון יאָר 1525 איז געווען דער גרעס־טער און סאַמע מאַסנהאַפטער אין פאַרגלייך מיט די פיל פויערים־בונטן, וועלכע זענען אויסגעבראָכן אין משך פון 50 יאָר.

דער ערשטער פויערים־בונט האָט געהאַט אָן אָרט אין 1476־טן יאָר, אין דעם ראַיאָן פון ווירצבורגער בישאָפּטום. דער דאָזיקער טייל לאַנד האָט נאָך פון פריער זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון סאָציאַלער יוירונג, הויפּטזעכלעך אַלס רעזולטאַט פון די מלחמות. די פויערים

האָבן געהאַלטן, אַז זייער געגנט ליידט צוליב דער שלעכטער הערשאַפט, צוליב די פיל שטייערן, צוליב צענדליקער אָנפאַלן, צוליב דער שנאה, מלחמות, שריפות, מאָרדן א.א.וו.

די העגעמאָנען — די גייסטלעכע און דער אַדל — פלעגן אָן שום אָפּהאַלט שינדן די הויט פון די פויערים.

דעמלט האָט זיך עס באַוויזן אַ יונגער פאַסטוך, וועלכער האָט געקענט זינגען און שפּילן. זיין נאָמען איז געווען האַנס בעהם פון ניקלסהאוזען. ער איז אויך געווען באַקאַנט אונטערן צונאָמען „דער פויקער" און „האַנסלי דער פייפער". ער האָט דערציילט די פויערים, אַז די יונגפרוי מרים האָט זיך אים באַוויזן, געהייסן פאַרברענען זיין פויק, ניט פאַרנעמען זיך מער מיט טענץ, ניט נאָכגעבן קיין שום פאַרברעכערישע תאוות, נאָר רופן דאָס פאָלק תשובה צו טאָן.

ער האָט גערופן צו אַן אַסקעטישן לעבנס־שטייגער, אָראָפּנעמען פון זיך דאָס צירונג און די אָרנאַמענטן און עולה רגל זיין צו „דער הייליקער מוטער" אין ניקלסהאוזן, כדי צו באַקומען מחילה פאַר די זינד.

דער רוף צו אַסקעטיזם איז אין מיטלאַלטער געווען כאַראַקטע־ריסטיש פאַר די אויפשטאַנד־באַוועגונגען, וואָס האָבן געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. אין דער נייער צייט איז אַסקעטיזם כאַראַק־טעריסטיש געווען פאַרן אָנהייב פון יעדער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. דאָס אָפּזאָגן זיך צו געניסן פון לעבן איז געווען, פון איין זייט, אַן אויסדרוק פון דעם ספּאַרטאַנער גלייכהייט־פּרינציפּ, אין קעגנזאַץ צו דעם לעבנס־שטייגער פון די הערשנדיקע קלאַסן. פון דער צווייטער זייט איז אין דעם געווען דאָס אייגנטימלעכע פאַר אַ געוויסן איבערגאַנגס־פּעריאָד, וועלכער האָט געצילט צום קאָנסאָלידירן די באַוועגונג. נאָר דורך אַ ברייטער און אָנגעשטרענגטער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט צווישן די פויערים, דורכן רופן צו אַ נייעם לעבנס־שטייגער, צום אָפּזאָגן זיך פון די אַלטע געוווינהייטן און אויסדריקן גרייטקייט צום קאַמף — איז מעגלעך געווען צו באַוויגן דעם נייעם פויערים־דור, וועלכער איז געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער דייטשלאַנד, אַז ער זאָל זיך אָרגאַניזירן אין אַ באַוועגונג צום פּראָטעסט, זיך גרייטן צו אַ סאָציאַלן קאַמף.

די רעדעס פונעם פּאַסטוך האַנס בעהם פון ניקלסהאַוזען זענען געווען דורכגעדרונגען מיטן רוף צום קאַמף קעגן די פעאָדאַלע הערשער. ער פלעגט דערציילן, אַז די „הייליקע מוטער" האָט זיך צו אים באַוויזן און געבראַכט די בשורה, אַז פון איצט און ווייטער וועלן ניט זיין מער קיין קייסער און ניט קיין פירשט, ניט קיין פויפּסט און ניט קיין שום אַנדערע אויטאָריטעטן — ניט קיין קירכלעכע און ניט קיין סעקולערע.

ער האָט גערופן צו חברישע און פריינטלעכע באַציאונגען און האָט געפּריידיקט אַ נייע צוקונפט, ווען יעדער איינער וועט דורך זיין אייגענער אַרבעט פאַרדינען זיין ברויט און וועט פאַרמאָגן אַלס אייגנס ניט מער, ווי זיין חבר. אַלע אָפּצאָלן, רענטעס, צוואַנגס־אַרבעט, פּראָצענט־צאָלונגען, שטייערן און אַנדערע פליכטן, וועלן ענדגילטיק אַנולירט ווערן. די וועלדער, וואַסערן, און פּאַשע־פעלדער וועלן אומעטום זיין פריי פאַר אַלעמענס באַנוץ.

דאָס פּרעדיקן פון דעם בונטאַרישן פּאַסטוך האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע צוציונגס־קראַפט און האָט אויף פאַרזאַמלונגען אין ניקלס־האַוזען צוגעצויגן ביז 40 טויזנט מענטשן. האַנס בעהם האָט זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיט האַלטן רעדעס, ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אַ גרויסער, פּלאַנמעסיקער, אָרגאַניזאַטאָרישער און אויפקלערונגס־אַרבעט לטובת דעם קומענדיקן בונט. ער האָט אָנגע־קניפּט געהיימע פאַרבינדונגען מיט דעם גייסטלעכן געמיינדע־עלטסטן אין ניקלסהאַוזען און מיט צוויי אַדעליקע, וועלכע האָבן געדאַרפט זיין די מיליטערישע אָנפירער פונעם פּלאַנירטן בונט.

דער אויפשטאַנד האָט געהאַט אַ רעליגיעזע באַאַרבונג. דער פירער פונעם בונט, האַנס בעהם, האָט גערופן די פויערים צו קומען באַלאַדן אין אייַן האַנט מיט אַ ליכט פון אַן עולה רגל און אין דער צווייטער האַנט מיט אַ שווערד און אַ שפּיז. לויט זיינע רייד וועט „די הייליקע יונגפרוי" ברענגען איר בשורה. זי וועט הייסן טאָן איר ווילן און זי וועט העלפן די פויערים אין זייער גערעכטן קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג.

די ידיעה וועגן די צוגרייטונגען צום בונט איז אָבער דערגאַנגען צום בישאָף. נאָך איידער די פויערים זענען אָנגעקומען אין ניקלס־האַוזען, האָט דעם בישאָפס רייטער זיך איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן

דעם פירער פונעם בונט און אים ברענגען אין ווירצבורגער שלאָס. 34 טויזנט באַוואָפנטע פויערים האָבן זיך פאַרזאַמלט לעבן שלאָס, פאָדערנדיק צו באַפרייען האַנס בעהם. דער בישאָף האָט אָבער מיט צוזאָגענישן צו באַפרידיקן זייער פאָדערונג, באַווירקט די פויערים זיך אומצוקערן אין זייערע היימען. דער בישאָף האָט זיין צוזאָג נישט געהאַלטן. ווען די פויערים האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין, זענען מיט גרויס אכזריות אויף זיי אָנגעפאַלן דעם בישאָפס רייטער. אַ סך פויערים זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. ביי צוויי פון די אָנפירער פונעם בונט זענען אָפּגעהאַקט געוואָרן די קעפּ. האַנסלי „דער פייפער” איז אכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן.

# די גרויסע קאָנספּיראַטיווע באַוועגונגען

די אונטערדריקונג פונעם אויפשטאַנד ביי זיין סאַמע אָנהויב האָט ניט אָפּגעשראָקן די פויערים צו אָרגאַניזירן זיך פון דאָסניי כדי פאָרצוזעצן דעם קאַמף. נאָך מער — אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי עס זענען אָנגעווענדעט געוואָרן די אכזריותדיקע טעראָר־מיטלען, האָבן צווישן די פויערים זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן צוויי גרויסע קאָנספּיראַטיווע באַוועגונגען. קודם כל איז עס געווען די געהיימע אָרגאַניזאַציע „בונד־שו“. נאָך דעם ווי די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז דערשטיקט געוואָרן, איז אויפגעקומען אַ צווייטע מיטן נאָמען „דער אָרעמער קאָנראַד“. דאָס זיינען געווען געהיימע, אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן פאַראייניקט די פויערים און זיי צוגעגרייט צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

אין יאָר 1493 איז אין עלזאַס אויפגעקומען אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע פון פויערים און פּלעבייער. דאָס האָט געהאַט אַן אָרט נאָך אַ גרויסער העכערונג פון די פּרייזן. אַחוץ פויערים האָבן אין דער אָרגאַניזאַציע אָנטיילגענומען אויך מענטשן פון דער בירגערלעכער אָפּאָזיציע, ווי אויך אַ טייל פון דעם נידעריקן אַדל.

די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן געפאָדערט איינפירן אַ יובל־יאָר, ווען ס'וועלן אַנולירט ווערן אַלע חובות, שטייערן, דער אָפּצאָל פאַר דורכגענג און עס וועלן אויך אָפּגעשאַפט ווערן די קירכלעכע געריכטן.

די אָרגאַניזאַציע האָט געפאָדערט, אַז דאָס רעכט צו באַשטימען שטייערן זאָלן האָבן די געמיינדעס, אַז עס זאָלן באַגרענעצט ווערן די איינקונפטן פון די גייסטלעכע ביז דער הויך פון 50—60 גולדען פאַר יעדן גייסטלעכן, עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן דאָס געהיימע מתוודא־זיין זיך און עס זאָל געשאַפן ווערן אין יעדער געמיינדע אַן אייגענער געווײלטער געריכט.

די דאָזיקע וועזנטלעך־וויכטיקע פאָדערונגען האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פונעם פּאָליטישן

לעבן. די קאָנספּיראַטאָרן האָבן זיך ניט באַגנוגנט מיט דער פאָדערונג צו פאַרלייכטערן די חובות, זיי האָבן געפאָדערט פולשטענדיק זיי צו אַנולירן.

זיי האָבן זיך ניט באַגרענעצט מיט פאָדערן אויסצובעסערן די קירכלעכע געריכטן. זיי האָבן פאַרלאַנגט פולשטענדיק זיי אָפּצושאַפן און גרינדן אין יעדער געמיינדע געוויילטע געריכטן.

די פאָן פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ פויערישער שטיוול מיט לאַנגע פאַסן. דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען „בונד־שו״.

פיל מי האָט געקאָסט דאָס שאַפן און אויספאַרמירן די געהיימע פויערים־אָרגאַניזאַציע. דאָס אָננעמען נייע מיטגלידער אין דער אָר־גאַניזאַציע איז געווען פאַרבונדן מיט אַ ספּעציעלן ריטואַל, מיט אַ מיסטישער פּראָצעדור. פאַרעטער האָט געדראָט אַ שטראָף. ניט געקוקט אויף דער קאָנספּיראַציע איז די געהיימע אָרגאַניזאַציע דאָך אויפגעדעקט געוואָרן. פיל פון אירע מיטגלידער זענען אַרעסטירט געוואָרן. מ׳האָט זיי שטאַרק געפּייניקט און זיי דערמאָרדעט. די שטראָפן זענען געווען שרעקלעך אכזריותדיקע. מען פלעגט, למשל, צעררייסן די געכאַפּטע פויערים־בונטאַרן אויף שטיקער, אָפּשניידן זיי דעם קאָפּ, אָפּהאַקן די הענט, מאַכן זיי פאַר קאַליקעס.

די אַלע שרעקלעכע פּייניקונגען זענען אָבער ניט בכוח געווען אָפּצושטעלן די אויסשפּרייטונג פון די פויערים־בונטן. פיל מוט, גרויס הערצאיזם און עקשנותדיקייט האָבן די פויערים פון דייטשלאַנד באַוויזן בעת די בונטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן העכער פופציק יאָר — פון 1476 ביז דעם גרויסן אויפשטאַנד אין יאָר 1525.

דער לעבנס־שטייגער פון די פויערים, וועלכע זענען געווען צעשפּרייט איבער גאַנץ דייטשלאַנד, איז געווען אַ שטערונג פאַר זייער קאָנצענטרירונג און קאָנסאָלידירונג. ניט געקוקט אָבער אויף דער גרויסער צעשפּרייטקייט און אויף די דורכפאַלן פון די ערשטע בונט־פּרווון, וועמענס אָנטיילנעמער האָבן באַקומען טויט־שטראָף, פלעגן די אויפשטאַנדן דאָך זיך באַנייען, ביז ס׳האָט זיך אַנטוויקלט דער גרויסער מאַסן־אויפשטאַנד פון די אונטערדריקטע. אין יאָר 1502 זענען אַנטדעקט געוואָרן שפּורן פון אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע אין דעם בייערישן בישאָפטום. זיבן טויזנט מענטשן האָבן געהערט

צו דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. איר זיץ־אָרט איז געווען אין אונטערשטן גרונבאַך. די סאַמע וויכטיקסטע טיילן פון דעם פּלאַן פון די אויפשטענדלער זענען געווען:

ניט צאָלן מער די פּירשטן, דעם אַדל און די גייסטלעכע קיין שום שטייערן, ניט קיין אַרענדע, ניט קיין צענטחלק־אָפּצאָל און ניט קיין גרענעץ־אָפּצאָל.

אָפּשאַפן דאָס לייבאייגנטום, קאָנפיסקירן די קלויסטערס און דאָס קירכלעכע אייגנטום, צעטיילן עס צווישן די פאָלקס־מאַסן, כדי ס׳זאָל ניט זיין מער קיין הערשער איבער זיי, חוץ דעם קייסער אַליין.

נאָך צוויי פאָדערונגען האָבן די פּויערים אַרויסגעשטעלט: סעקולאַריזאַציע פון קירכלעכן אייגנטום לטובת די פאָלקס־מאַסן און אַן איינהייטלעכע, ניט צעטיילטע דייטשע מאָנאַרכיע.

די ביידע פאָדערונגען פלעגן זיך איבערחזרן ביי דעם פאָרגעשריטענעם פליגל פון די פּויערים און פּלעבייער, ביז עס איז געקומען טאָמאַס מינצער.

טאָמאַס מינצער האָט דערהויבן די לאָזונג וועגן צעטיילן דעם קירכלעכן אייגנטום — צו דער פאָדערונג צו קאָנפיסקירן דאָס אייגנטום פון דער קירך לטובת דעם אַלגעמיינעם נוצן. די פאָדערונג איינצושטעלן אַן איינהייטלעכע דייטשע מאָנאַרכיע האָט ער געענדערט און פאַרביטן מיט דער פאָדערונג צו שאַפן אַן איינהייטלעכע רעפּובליק.

נאָכדעם ווי די געהיימע „בונד־שו“־אָרגאַניזאַציע איז אויפגעדעקט געוואָרן און אַ סך פון אירע מיטגלידער זענען געוואָרן אַרעסטירט און דערמאָרדעט, האָט די עקשנותדיקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון די פּויערים ווייטער אָנגעהאַלטן.

אין אָנהויב פון 16־טן יאָרהונדערט איז אויפגעקומען אַ נייע געהיימע אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „דער אָרעמער קאָנראַד“ („Der arme Konrad“). דער פּירער, וועלכער האָט געשאַפן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע אין ראַיאָן פון אויבערשטן רייך, האָט געהייסן יאָזעף פריץ, פון אונטערשטן גרונבאַך. ער איז געווען אַן אַנטלאָפענער פון יענער צייט, ווען עס איז אַנטדעקט געוואָרן די געהיימע אָרגאַניזאַציע פון יאָר 1502.

מיט זיינע גרויסע פעאיקייטן און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט דער דאָזיקער גלענצנדיקער קאָנספּיראַטאָר באַוויזן מיט דערפאָלג

אַריינצוציִען אין דער באַוועגונג אַ סך מענטשן פון פאַרשיידענע פּלעבייאישע שיכטן און קלאַסן: פּויערים, מייסטערס, בעל־מלאכהס, רייטערס, גייסטלעכע, שטאָט־בירגער און אויך אייניקע פון דעם אַדל און פון צווישן די לאַנדסקנעכט. דורך די „קעניגלעכע אַרמעע־לייט", פלעגט יאָזעף פריץ אָנהאַלטן אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט מאַסן פּויערים און באַקומען אַן איינפלוס צווישן אַ גרויסן עולם וואַגדערער, מענטשן אָן פּרנסות. די דאָזיקע „קעניגלעכע קבצנים" האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער קאָנספּיראַטיווער באַוועגונג. זיי פלעגן אַרומוואַנדערן אַלס בעטלער. אויף זיי איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט אָנצוצינדן אין איין און דער זעלבער צייט שייטערס, אַלס אַ סיגנאַל פון אויפשטאַנד.

מינדסטנס צוויי טויזנט פון די דאָזיקע מענטשן האָבן געדאַרפט זיך באַווייזן אין דער שטאָט ראַזאַן אינעם טאָג פון אַ קלויסטער־פעסט און זיך שטעלן אונטער דער אָנפירונג פון געאָרג שניידער, וועלכער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון די לאַנדסקנעכט, כדי איינצונעמען די שטאָט.

דער „בונד־שו" מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט יאָזעף פריץ האָט אָנגענומען 14 גרונט־פּרינציפּן פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע:

1. קיין שום אַנדער הערשער, חוץ דעם קייסער זאָל ניט זיין. (לויט אַ צווייטער ווערסיע — חוץ דעם פּויפּסט).

2. די קאָמפּעטענצן פון דעם קירכלעכן געריכט זאָלן באַגרע־נעצט ווערן בלויז צו רעליגיעזע ענינים.

3. אַלע פּראָצענט־אָפּצאָלן, וועלכע פלעגן ווערן אַזוי לאַנג געצאָלט, ביז זיי זענען דערגאַנגען צו דער הויך פון דער גרונט־סומע זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן.

4. באַגרענעצן דעם פּראָצענט־אָפּצאָל ביז מאַקסימום 5%.

5. פרייהייט פון יאַגד, פישפאַנג, פּאַשען פי און באַנוצן זיך מיט געהילץ פון די וועלדער.

6. באַגרענעצן די באַשטייערונג לטובת די גייסטלעכע בלויז צו קיצבה.

7. קאָנפיסקירן קירכלעכע פאַרמעגנס און ווערט־זאַכן פון די קלויסטערס לטובת דעם אויפשטאַנד־פאָנד פון דער אָרגאַניזאַציע.

8. אַנולירן אַלע שטייערן און אומבאַרעכטיקטע אָפּצאָלן.

9. איינשטעלן אַן אייביקן שלום אין דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט.

10. פירן אַן ענערגישן קאַמף קעגן אַלע שונאים פון דער אָרגאַניזאַציע.

11. איינשטעלן אַ שטייער לטובת דער אָרגאַניזאַציע.

12. באַשטימען איינע פון די פעסטונג־שטעט, פרייבורג, אַלס צענטער פון דער אָרגאַניזאַציע.

13. אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען מיטן קייסער תיכף נאָכן קאָנצענטרירן גרויסע מאַסן פון דער אָרגאַניזאַציע.

14. אונטערהאַנדלונגען מיט דער שווייץ אין פאַל, ווען דער קייסער וועט געבן אַ נעגאַטיוון ענטפער.

דאָס זענען געווען די גרונט־פאָדערונגען, אויף וועלכע די מיטגלידער האָבן געגעבן זייער הסכמה.

דער אָנגריף אויף פרייבורג איז געווען פּלאַנירט אויף הערבסט 1513, אָבער דער אויפשטאַנדס־פּלאַן איז צו פרי אויפגעדעקט געוואָרן. דער מאַרקיז, דער ראַט פון פרייבורג און די קייסערלעכע מאַכט אין אַנינסהיים האָבן געשיקט פּאָליציאַנטן און סאָלדאַטן, כדי צו אונטערדריקן די קאָנספּיראַטאָרן.

אַ טייל פון די מיטגלידער פון „בונד־שו" זענען אַרעסטירט, געפּייניקט און דערמאָרדעט געוואָרן. אַנדערע זענען אַנטלאָפן אין דער שווייץ.

די שווייצאַרישע רעגירונג האָט זיך אָבער פאַרבונדן מיט די שכנותדיקע דייטשע רעגירונגען, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט אַ געיעג נאָך די „בונד־שו"־מיטגלידער. דערמיט האָבן די שווייצאַרישע הערשער זיך געוואָלט אַנטקעגנשטעלן דעם אויפברויז צווישן די דאָרטיקע פויערים גופא.

אין 1514־טן יאָר זענען אויסגעבראָכן פויערים־אויפשטאַנדן אין בערן, סאָלאָטאָרן און לוצערן. אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיקע אויפשטאַנדן איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רייניקונג אין די אַריסטאָקראַטישע רעגירונגען אין דער שווייץ. די לאָקאַלע אויפשטאַנדן אין דער שווייץ זענען געלונגען, ווייל דאָרט איז די פּאָליטישע צענטראַליזירונג געווען שוואַכער ווי אין דייטשלאַנד. מיט די לאָקאַלע

גרונטבאַזיצער האָבן די פּויערים, אָנהויבנדיק פון יאָר 1525 זיך אַן עצה געגעבן. זיי האָבן אָבער ניט געקענט בייקומען די אָרגאַניזירטע מיליטערישע איינהייטן פון די פירשטן. אַזעלכע שטאַרקע און אָרגאַניזירטע מיליטערישע אָפּטיילן זענען אין דער שווייץ ניט געווען.

יאָזעף פריץ האַלט אַ רעדע

## די צוזאַמענאַרבעט צווישן די אַנטיפעאָדאַלע כוחות

די שווערע אונטערדריקונג מצד דער אולריך־רעגירונג און די הונגער־יאָרן, וועלכע האָבן זיך איבערגעחזרט — זענען געווען די צוויי סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צום אויסברוך פון דער פויערישער בונט־באַוועגונג אין די יאָרן 1513—1514 און האָבן געווירקט אויף דער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל פויערים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די קאָנספּיראַטיווע באַוועגונגען און אין דעם אויפשטאַנד.

די ניי־אַרויפגעלייגטע שטייערן אויף וויין און ברויט, ווי אויך דער קאַפּיטאַל־שטייער — אַ פעניג אויף יעדן גילדן, האָבן מיטגעווירקט צום אויסברוך פון דעם פויערים־בונט.

דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1514 אין טאָל ריימס. דריי טויזנט פויערים (לויט אַנדערע קוועלן פינף טויזנט), האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די פאָרשטעט. אָבער די צוזאָגן מצד די אָנגעשטעלטע פון פירשט האָבן זיי באַוויגן צוריקצוטרעטן.

דער פירשט אולריך האָט צוגעזאָגט די פויערים דורכצופירן וויכטיקע ענדערונגען: אָנולירן די נייע שטייערן, צונויפרופן אַ לאַנדטאָג, כדי צו באַטראַכטן די פאָדערונגען פון די פויערים.

די ביוראָ פון „אָרעמען קאָנראַד" האָט אַרויסגעשיקט אַן אויפרוף און איינגעלאַדן צו קומען אויפן קאָנגרעס פון דער אָרגאַני־זאַציע.

ספּעציעלע שליחים זענען אַוועק אין אַלע ריכטונגען, כדי צו באַקומען אונטערשטיצונג לטובת דעם דאָזיקן אויפרוף. דער נצחון פון דעם ערשטן אויפשטאַנד אין טאָל ריימס, האָט דערמונטערט די פויערים־באַוועגונג אין אַנדערע ערטער.

דעם 28־טן מאַי 1514 האָט זיך געעפנט דער קאָנגרעס פון דער אָרגאַניזאַציע אין אונטערשטן טירקהיים. אין דעם קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון גאַנץ ווירטעמבערג. דאָס

איז געווען אַן אמתער נצחון פון די אַנטיפּעאָדאַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, וועלכע זענען דערגאַנגען צו אַ געוויסער צוזאַמענאַרבעט, הגם אַ צייטווייליקער. אַ דאַנק דער דאָזיקער צוזאַמענאַרבעט איז דער פירשט אולריך געצוווּנגען געוואָרן נאָכצוגעבן.

די אויפשטאַנד־באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט אין אַלע זייטן. די שטעט בענאַנג, ווינענדן און מאַרקגרעניגען זענען איינגענומען געוואָרן דורך די פּויערים, וועלכע האָבן זיך פאַרבונדן מיט די פלעבייער. איבערן גאַנצן לאַנד — פון ווירצבערג ביז בלאַוהאָרן — האָט זיך אויסגעשפּרייט דער אָפענער אויפשטאַנד.

אולריך איז געווען געצוווּנגען נאָכצוגעבן. אָבער בעת ער האָט געתּפן דעם לאַנדראַט אויפן 25־טן יוני, האָט ער גלייכצייטיק אַרויסגעשיקט בריוו צו זיינע שכנים — די פירשטן פון די פרייע שטעט — בעטנדיק ביי זיי הילף קעגן דעם אויפשטאַנד. ער האָט פאַרגעשטעלט דעם אויפשטאַנד אַלס אַזעלכן, וועלכער „שטעלט אין געפאַר אַלע פירשטן, אַלע רעגירונגען און אַדעליקע אין דעם קייסערטום". ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז דער איצטיקער אויפשטאַנד דערמאָנט זייער בולט דעם אַמאָליקן „בונד־שו".

## דער „לאַנדטאַג" אין 1514 מיטן אָנטייל פון שטאָטישע און פויערים־דעלעגאַטן

אין צווישנצייט איז אין שטוטגאַרט, דעם 18־טן יוני 1514 זיך צונויפגעקומען דער לאַנד־קאָנגרעס.

פאָרשטייער פון שטעט און אַ סך פויערים־פאָרשטייער זענען געקומען אַהין צופאָרן און האָבן געפאָדערט פאַר זיך דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין דעם לאַנד־קאָנגרעס. די פּראַלאַטן האָבן נאָך נישט געהאַט באַוויזן צו קומען און די פאָרשטייער פונעם אַדל זענען בכלל נישט איינגעלאַדן געוואָרן. די שטאָטישע אָפּאָזיציע פון שטוט־גאַרט, ווי אויך צוויי פויערים־לאַגערן, וועלכע האָבן זיך קאָנצענט־רירט אין דער נאָענט, אין באַרג לעאָן און אין טאָל ריימס, האָבן געשטיצט די פויערים־פאָדערונגען. זייערע פאָרשטייער איז דערלויבט געוואָרן זיך צו באַטייליקן אין די זיצונגען פון לאַנדטאַג.

דער לאַנדטאַג האָט אָנגענומען וויכטיקע באַשלוסן: דערוויטערן און באַשטראָפן די דריי ראַטגעבער פון פירשט — לאַמפּאַרטער, טאַמב און לאָרכער. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו באַשטימען ביי דעם פירשט אַ ראַט פון 4 אַדל־לייט, 4 בירגער און 4 פויערים. דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן צו קאָנפיסקירן די קלויסטערס און קירכלעכע אינסטיטוציעס לטובת דעם אוצר פון דער מדינה, ווי אויך באַשטימען אַ געוויסע שטיצע פאַרן פירשט. דאָס זענען געווען רעוואָלוציאָנערע באַשלוסן. זיי האָבן באַדייט, אַז אויפן פירשט ווערט אַרויפגעצוווּנגען אַ געוויסע דעמאָקראַטיש־אויסגעקליבענע רעפּרעזענטאַנץ.

קעגן די דאָזיקע באַשלוסן האָט דער פירשט אולריך געענטפערט מיט אַ פּאָליטישער איבערקערעניש. דעם 21־טן יוני איז צום קאָנגרעס געקומען אולריך און נאָך אים די פּראַלאַטן. דער קאָנגרעס האָט ווייטער געפירט זיינע זיצונגען אָן דער באַטייליקונג פון די פויערים־פאָרשטייער. די בירגערלעכע קרייזן, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן אונטערן דרוק פון אַ מיליטערישן טעראָר, האָבן דעמלט פאַרלאָזן זייערע פאַרבינדעטע, די פויערים.

# דער פויערים־אויפשטאַנד אין אונגאַרן, די פּראָקלאַמירונג פון אַ רעפּובליק

דער אויפשטאַנד אין אונגאַרן אין 1514־טן יאָר איז געווען פון גאָר אַ גרויסן פּאָליטישן באַדייט. אין דעם דאָזיקן אויפשטאַנד איז געקומען צום אויסדרוק דער צוזאַמענבונד פון פויערים־קאַמף קעגן לייבאייגנטום מיטן פּראָקלאַמירן די רעפּובליק און די פֿאָלקס־סוווערעניטעט.

דער אויפשטאַנד אין אונגאַרן האָט זיך אָנגעהויבן אין פרילינג 1514. די וואָס האָבן געפּריידיקט אַ קרייץ־צוג קעגן די טערקן, האָבן צוגעזאָגט צו געבן פרייהייט די לייבאייגענע און האַלב־אָפּהענגיקע פויערים, מיטן באַדינג, אַז זיי וועלן זיך אָנשליסן אינעם קרייץ־צוג.

בערך זעכציק טויזנט פויערים זענען זיך צוזאַמענגעקומען און זיך געשטעלט אונטער דער אָנפירונג פון געאָרג דאָשאָ.

דער דאָזיקער מענטש, וועלכער האָט באַקומען אַן אדל־טיטל, האָט זיך געהאַט אויסגעצייכנט אין מלחמות קעגן די טערקן. די אַדעליקע און די גוטבאַזיצער פון אונגאַרן האָבן זיך אָבער באַצויגן נעגאַטיוו צום קרייץ־צוג, ווייל אין צוזאַמענהאַנג מיט אים האָט מען ביי זיי אָפּגענומען די לייבאייגענע פויערים. די גוטבאַזיצער האָבן ניט געוואָלט איינגיין אויף צונעמען ביי זיי די לייבאייגענע. זיי האָבן נאָכגעיאָגט די פויערים, אָפּגענומען זיי מיט כוח און אַכזריותדיק זיי צוריקגעבראַכט אין זייערע גיטער.

די דאָזיקע האַנדלונג האָט אַרויסגערופן גרויס צאָרן צווישן די פויערים. צוויי פון די פאַנאַטישע פירער פון דעם קרייץ־צוג, לאָורענטיוס און באַרנאַבאַש האָבן אין זייערע רעוואָלוציאָנערע רעדעס גערופן אויפצושטיין אין קאַמף קעגן דעם אַדל.

אויף אַזאַ אופן איז אָנגעוואַקסן די שטאַרק דראַמאַטישע אַנט־וויקלונג. דאָס מיליטער, וועלכעס האָט זיך געהאַט אָרגאַניזירט אין אָנהייב צו אַ קרייץ־צוג קעגן די טערקן, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רעוואָלוציאָנערער אַרמיי קעגן די גוטבאַזיצער.

דזשאַ אַליין, וועלכער איז געווען אַ פירער פונעם אַדל, האָט זיך געשטעלט בראש פון דער אויפשטאַנד־באַוועגונג קעגן אַדל, פאַר דער פרייהייט פון די פויערים. באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן מיט די מיטגלידער פון דער גוטבאַזיצער־פּאַרטיי האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער פאַרשטאָט פון פעשט און אין די נאָענטע דערפער. אַלע פּאַלאַצן אין דער אומגעגנט זענען אונטערגעצונדן און פאַרברענט געוואָרן. די גוטבאַזיצער און די אַדעליקע, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פויערים, זענען דערהרגעט געוואָרן. אויף אַזאַ אופן האָבן די פויערים־מאַסן גענומען נקמה פאַר זייער פאַרשקלאַפונג און דורות־לאַנגע דערנידערונג.

דזשאַ האָט אָנגעפירט מיט דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד קעגן די אַדעליקע. ער האָט איינגעטיילט די אַרמיי אין פינף טיילן. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אין פעשט צוזאַמענגעטראָפן די גוט־באַזיצער. זיי האָבן זיך געוואָנדן צום הערשער פון זיבנבירגען, יאַהאַן זאַפּאָליאַ. די אַדעליקע זענען אָנגעפאַלן אויף דער אַרמיי, וועלכע איז געווען אין ראַקאָשי, און ביי דער צוזאַמענאַרבעט פון די בירגער פון בודאַפעשט האָבן זיי זי פאַרניכטעט נאָכדעם, ווי שעלערשי איז צוזאַמען מיט ציווילע עלעמענטן פון דער פויערים־אַרמיי אַריבער אויף דער זייט פון שונא. מאַסן געפאַנגענע זענען אויף אַן אַכזריותדיקן אופן דערמאָרדעט געוואָרן. אַ סך זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אַהיים, נאָכדעם ווי מען האָט ביי זיי אָפּגעהאַקט די נעזער אָדער אויערן.

דזשאַ, וועלכער האָט געליטן אַ מפּלה אין דער שלאַכט ביי סעגעדין, האָט דעראָבערט די שטאָט טשאַנאַד, צעשמעטערט די אַרמיי פונעם אַדל, וועלכע איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון באַטאָרי אישטוואַן און דעם בישאָף טשאַקי, און האָט זיך נוקם געווען אין די געפאַנגענע. צווישן זיי איז אויך געווען דער בישאָף און פינאַנס־מיניסטער פון קעניג, טעלעקי. אין טשאַנאַד האָט דזשאַ פּראָקלאַמירט די רעפּובליק, דאָס אָפּשאַפן פון דעם אַדל און די אָנערקענונג פון דער פאָלקס־סוּווערעניטעט.

דזשאַ האָט זיך געוואָנדן צו דער שטאָט טעמעשוואַר, וווהין עס איז אַנטלאָפן באַטאָרי. ער האָט צוויי חדשים צייט באַלאַגערט די דאָזיקע פעסטונג־שטאָט. אין דער זעלבער צייט האָבן אָבער די אַדעליקע, אין שווערע קאַמפן, צעקלאַפט די פויערים־אַרמיי. די

פויערים זענען שווער אַטאַקירט און צעקלאַפּט געוואָרן דורך יאָהאַן זאַפּאָליאַ. דאָזשאַ איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט.

שרעקלעך איז געווען די נקמה אין דאָזשאַ. זיינע אַרעסטירטע מיטקעמפער האָבן די פירשטן אויסגעהונגערט אין משך פון פיל טעג. שפעטער האָט מען זיי אַרויסגענומען פון תפיסה און באַפוילן צו עסן לעבעדיקערהייט דאָס פלייש פון דאָזשאַ. דערביי האָט מען זיי צוגעזאָגט, אַז נאָר אונטער דעם דאָזיקן באַדינג וועלן זיי באַפרייט ווערן.

דאָזשאַ ווערט פאַרפייניקט צום טויט מיט אַן אָנגעגליטן אייזן

דאָקומענטן פון יענע שרעקלעכע טעג דערציילן, אַז פון די ניין איבערגעבליבענע אין תפיסה, זענען זעקס מסכים געווען צו עסן לעבעדיקערהייט דאָס פלייש פון דאָזשאַ, דאַקעגן דריי האָבן אַנטשלאָסן זיך אָפּגעזאָגט. ווער עס איז אין יענע טעג אַריינגעפאַלן אין די הענט פונעם אַדל, איז נאָך גרויסע פייניקונגען אויפגעהאָנגען געוואָרן. טויזנטער פויערים זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן לענגאויס די וועגן אָדער אין דעם אַריינגאַנג פון די פאַרברענטע דערפער. לויט השערות זענען דעמלט געפאַלן אין קאַמף אָדער זענען אויסגע־קוילעט געוואָרן אַן ערך זעכציק טויזנט מענטשן.

נאָכן אכזריותדיקן אונטעדריקן דעם אויפשטאַנד, האָבן די גוטבאַזיצער געזאָרגט דערפאַר, אַז דאָס לייבאייגנטום זאָל ווידער באַשטעטיקט ווערן דורך אַן אָפיציעלער זיצונג פון אַלגעמיינעם לאַנד־צוזאַמענפאָר.

## דער רעוואָלוציאָנערער שטראָם קעגן מעסיקן

אין דער דאָזיקער צייט איז צווישן די פויערים געווען אָנגענומען, אַז זייערע פאָדערונגען אין גענוי־פאָרמולירטע פּרינציפּן זאָלן אין פאַרשיידענע געגנטן פאָרמולירט ווערן אין צענדליקער פּאַראַגראַפן. צווישן די פאָרמולירונגען זענען געווען אונטערשיידן פון שטאַנדפּונקט פון דער צייט און פונעם אָרט, ווו זיי זענען באַשטעטיקט געוואָרן. ס׳זענען אויך געווען אונטערשיידן צווישן די רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען אַפּצושאַפן די פאַרשיידענע פאָרמען פון פאַרקנעכטונג און צווישן די מעסיקערע פאָדערונגען צו פאַרלייכטערן דעם יאָך פון די שטייערן און דירעקטע באַדינונגען.

דער „פּאַראַגראַפן־בריוו״ (Artikelbrief) און די „12 פּאַראַגראַפן״ (12 Artikeln) זענען צוויי פאַרשיידענע דאָקומענטן, וועלכע דריקן אויס צוויי שטרעמונגען אין דער פויערים־באַוועגונג. ענגעלס באַצייכנט דעם „פּאַראַגראַפן־בריוו״ אַלס ראַדיקאַלן מאַניפעסט, וועלכער איז זיכער צונויפגעשטעלט געוואָרן פאַר דעם אויפשטאַנד פון יאָר 1525. עס רעדט זיך דאָרט קודם־כל וועגן אַ רעוואָלוציאָנערער ענדערונג און פולקאָמען נצחון איבער די הערשנדיקע קלאַסן.

דער „פּאַראַגראַפן־בריוו״ איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דעם אָנהייב־פּעריאָד פונעם קאַמף. ס׳זענען דאָרט געקומען צום אויסדרוק די רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן, וועלכע האָבן געדינט אַלס באַזע פאַר דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג״ (Christliche Vereinigung), — דאָס הייסט פאַר דער ברייטער פויערים־אָרגאַניזאַציע.

לויט דער מיינונג פון ענגעלסן זענען די „12 פּאַראַגראַפן״ פאָרמולירט געוואָרן פרילינג־צייט, בעת די אונטערהאַנדלונגען. זיי האָבן געדאַרפט דינען ניט אַלס פּלאַטפאָרם פון אויפשטאַנד, נאָר אַלס אויסדרוק פון די פויערים־פאָדערונגען, וואָס האָבן געשטרעבט צו אויסבעסערונגען אין די ראַמען פונעם עקזיסטירנדיקן רעזשים און האָבן אין דעם זין אויך פאַרשטאַנען דאָס „געטלעכע געזעץ״.

ענגעלס דערקלערט די גרויסע פּאָפּולערקייט פון די „12 פּאַראַגראַפן" דערמיט, וואָס די מער מעסיקע פּאַרטיי האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס צווישן די פּויערים.

**Die grundtlichen vnd rechten haupt Artickel aller baurſchafft vnd hinderſeſſen der Geiſtlichen vnd Weltlichen oberkeyten vonn welchen ſye ſich beſchwert vermeinen.**

די „12 פּאַראַגראַפן" וועלכע דעפינירן די פּויערים־פּאָדערונגען

אַנדערע היסטאָריקער, ווי למשל, באַומאַן, האַלטן, אַז ביידע דאָקומענטן זענען דורכגעדרונגען מיטן זעלבן עוואַנגעלישן גייסט. דער דייטשער היסטאָריקער שטערן, וועלכער האָט געווידמעט אַ ספּעציעל בוך די „12 פּאַראַגראַפן" מיינט, אַז דער פּאַראַגראַפן־בריוו איז בלויז אַ בריוו, וואָס איז געווען בייגעלייגט צו די פאַרשיידענע פּאַראַגראַפן, וועלכע זענען פאָרמולירט געוואָרן דורך די פּויערים.

דער רוף זיך אָנצושליסן צו דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג", ווערט אַרגומענטירט אין דעם „פּאַראַגראַפן בריוו" דערמיט, וואָס די אָרגאַניזאַציע דאַרף שאַפן און פאַרפעסטיקן די ברידערלעכע ליבע. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפט רעאַליזירן די געזעלשאַפט־לעכע גערעכטיקייט, אַזוי ווי די פּויערים האָבן עס פאַרשטאַנען.

די געזעלשאַפטלעכע אָנשויונגען פון די מחברים פונעם „פּאַראַ־

גראַפן־בריוו" איז צו זען גאַנץ קלאָר אינעם פּונקט, וועלכער דעפינירט די באַציאונג צו די גוטבאַזיצער. דער דאָזיקער דאָקומענט איז אויך געווען באַקאַנט אַלס „שלעסער־פּאַראַגראַפן", (Schlösserartikel), ווייל דורך דער ספּעציעלער שטעלונג איז באַשטימט געוואָרן זיין גאַנצער כאַראַקטער.

אין דעם „פּאַראַגראַפן־בריוו" ווערט געזאָגט, אַז די אונטער־דריקונג און די עוולות שטאַמען פון די פּאַלאַצן און קלויסטערס. עס ווערט דערקלערט אַ סעקולערער חרם. די הערשאַפט דאַרף געהערן דעם פאָלק, וואָס איז אָרגאַניזירט אין דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג". דאָס פאָלק וועט הערשן לויט די פּרינציפּן פון אַלגעמיינעם נוצן אין ברייטן געזעלשאַפטלעכן זין פון דעם באַגריף. דער דאָזיקער געדאַנק איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן אַ סך מאָל.

די געמיינדע זעט אין די גוטבאַזיצער „פּרעמדע מענטשן". זיי קענען ווערן אָנגענומען אין דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג" און ווערן אונטערגעוואָרפן איר קאָנטראָל. די דאָזיקע פויערים־אָרגאַניזאַציע וועט באַשטימען וואָס עס קומט די גוטבאַזיצער לויט דעם „געטלעכן געזעץ". פון דעם איז קלאָר, אַז דאָס פאָלק דאַרף זיין דער טרעגער פון מאַכט, פון פּאָליטיק. אַזוי איז פאַרשטאַנען געוואָרן דאָס געטלעכע רעכט אין דעם „פּאַראַגראַפן־בריוו". דער באַגריף „פאָלק" באַדייט דאָס אָרעמע פאָלק, די אונטערדריקטע פאָלקס־שיכטן. קעגן זיי שטייען עס די קירכלעכע און סעקולערע אונטערדריקער.

דאָס אָרעמע פאָלק איז זייער אונטערדריקט, דערפאַר איז נויטיק עס זאָל מיט כוח זיך באַפרייען. די באַציאונג פונעם „פּאַראַגראַפן־בריוו" צו דער פראַגע וועגן די טרעגער פון דער רעוואָלוציאָנערער אידייע, איז דעפינירט געוואָרן זייער דייטלעך. דער פלאַן פון „קריסטלעכער פאַראייניקונג" באַזירט זיך אויף דעם רוף צו די פויערים זיי זאָלן זיך באַפרייען אָן בלוט־פאַרגיסונג. אָבער דאָס איז אוממעגלעך אָן אַ ברידערלעכער הילף און אָן אייניקייט אין אַלע פראַגן, וואָס זענען נוגע דעם „קריסטלעכן נוצן".

ווער איז געווען דער מחבר פון דעם „פּאַראַגראַפן־בריוו"? וועגן דעם זענען דאָ מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן היסטאָריקער,

פונקט ווי ס׳זענען פאַראַן מיינונגס־פאַרשיידנהייטן וועגן דעם, ווער ס׳איז דער אויטאָר פון די „12 פאַראַגראַפן".

ווילהעלם צימערמאַן מיינט, אַזביידע דאָקומענטן האָט געשאַפן מינצער. דער היסטאָריקער אַלפרעד שטערן האַלט, אַז הובמייער האָט פאַרפאַסט ביידע דאָקומענטן. אַנדערע מיינען, אַז דער מחבר פון ביידע דאָקומענטן איז איין מענטש, ניט דערמאָנענדיק דעם נאָמען, צוליב דער אומזיכערקייט צי איז זייער אויטאָר געווען טאַקע טאָמאַס מינצער.

## די „12 פּאַראַגראַפן" —
## דער מאַניפעסט פון דער פויערים־באַוועגונג

די „12 פּאַראַגראַפן", וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מערץ 1525, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מאַניפעסט פון פויערים־קאַמף און האָבן דערמונטערט צום אויפקום פון אַ גרויסער געזעל־שאַפטלעכער באַוועגונג. די „12 פּאַראַגראַפן" ווערן באַצייכנט אַלס „די דירעקטע און ריכטיקע יסודות פון אַלע פויערים און אונטערטאַנען, וועלכע פילן זיך אונטערדריקט דורך די קירכלעכע און סעקולערע הערשער".

די פּאַראַגראַפן דערקלערן, אַז זיי דריקן אויס, ניט נאָר די פויערים־פאָדערונגען, נאָר אויך פון אַנדערע שיכטן, וועלכע זענען אונטערדריקט דורך די קירכלעכע און סעקולערע הערשער. די פּאַראַגראַפן ווענדן זיך צו דעם קריסטלעכן לייענער און פּראָקלאַמירן „שלום און אויסלייזונג פון גאָט דורך קריסטוסן".

אין דעם פאָרוואָרט צו דעם דאָזיקן פּראָגראַם־דאָקומענט ווערט פּאָלעמיזירט מיט די פאַרלייקענער, וועלכע ווייזן אַרויס גרינגשעצונג צו גאָטס וואָרט. דאָרט ווערט אויך פּאָלעמיזירט מיט יענע, וועלכע פאַרטיידיקן די פויערים־בונטן.

דער ציל פון די „פּאַראַגראַפן" איז, ווי עס ווערט דערקלערט אינעם פאָרוואָרט, זיך צוצוהערן צום עוואַנגעלישן וואָרט און לעבן לויט זיינע געבאָטן. עס ווערט געזאָגט אינעם פאָרוואָרט, אַז די פויערים שטרעבן אין די „פּאַראַגראַפן" צו דעם, אַז די עוואַנגעליע זאָל דינען אַלס לערע און לעבנס־אַרט און עס זאָלן ניט זיין מעגלעך קיין קאָנספּיראַטאָרן און בונטאָרן".

דער ערשטער פּאַראַגראַף לייגט פאָר אַן ענדערונג אין דעם וואַל־סיסטעם פון גייסטלעכע. ער זאָגט: „עס איז אונדזער ביטע און עס איז אונדזער ווונטש, עס איז אַלעמענס ווילן און אַלעמענס מיינונג, אַז עס זאָל אונדז געגעבן ווערן כוח און אויטאָריטעט, אַז די



די „12 פאַראַגראַפן” ווערן געדרוקט

גאַנצע געמיינדע זאָל קענען אויסוויילן און באַשטימען דעם גייסטלעכן. די געמיינדע זאָל אויך האָבן די מעגלעכקייט אים אַראָפּצונעמען פון זיין אַמט, אויב ער וועט זיך פירן ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין”.

אין קעגנזאַץ צו דעם, וואָס ס׳איז געווען אָנגענומען אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַז דער גייסטלעכער איז נאָמינירט געוואָרן דורך דער קירכלעכער היעראַרכיע, פאָדערט אַלזאָ דער ערשטער פּאַראַ־גראַף דאָס רעכט פאַר די גלויביקע אַליין אויסצוּוויילן דעם גייסטלעכן. ס׳ווערט דאָרט אויך אויסגעדריקט די פאָדערונג פון די פויערים, זיי זאָלן האָבן דאָס רעכט צו באַזייטיקן דעם גייסטלעכן פון זיין אַמט, אויב ער פירט זיך ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. די דאָזיקע פאָדערונגען שטעלן מיט זיך פאָר אַ גרינטלעכע ענדערונג

אין די באַגריפן, וועלכע זענען געווען אָנגענומען אין דער פאַרגאַנגענהייט.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די דאָזיקע פאַרלאַנגען ווערן אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון אַ הכנעה׳דיקער ביטע, איז אָבער אין איר פאַראַן אַ נייער שטאַנדפּונקט. ער באַשטייט אין דעם, אַז די געמיינדע ווערט באַצייכנט אַלס דער קוואַל פון רעכט, און ניט די קירכלעכע אַדמיניסטראַציע. עס איז דאָ אין דעם פּאַראַגראַף אַ קעגנזייטיקער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם אַמט פון גייסטלעכן און דעם אופן, ווי אַזוי ער פּילט אויס זיין אויפגאַבע. דער אַמט פון גייסטלעכן איז ענג פאַרבונדן מיטן אויספּילן זיינע פליכטן און ווערט אַנולירט אין פאַל ווען זיין אויפירונג אַנטשפּרעכט ניט דער געמיינדע. אין דער רוימיש־קאַטוילישער קירך איז געווען אָנגענומען, אַז ס׳איז ניט וויכטיק צי דער גייסטלעכער פירט פּערזענלעך זיך אויף פאַסיק, יושרדיק. אין קעגנזאַץ דערצו זענען אין די „12 פּאַראַגראַפן״ די פּויערים אַרויסגעקומען מיט אַ רעוואָלוציאָנערער פאָדערונג צו באַשטימען די דאָרפישע געמיינדע אַלס דעם פאַקטאָר, וועלכער איז קאָמפּעטענט אויסצוקלייבן דעם גייסטלעכן, אויב ער פּילט אויס זיין אויפגאַבע און אַראָפּנעמען אים פון זיין אַמט, אויב ער פּילט ניט אויס ווי געהעריק זיין אויפגאַבע.

דער צווייטער פּאַראַגראַף רעדט וועגן דעם צענטחלק־שטייער. ער דריקט אויס די גרייטקייט צו געבן דעם צענטחלק־שטייער לטובת דעם גייסטלעכן און זיין פאַמיליע, אָבער נאָר לויט דעם באַשלוס פון דער גאַנצער געמיינדע. דאָס איבעריקע דאַרף מען צעטיילן צווישן אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע, אויב עס וועלן זיין אַזעלכע אינעם דאָרף. די געבליבענע וועלן איבערגעלאָזן ווערן, אויב זיי וועלן דאַרפן פינאַנסירן רייזעס לטובת דער מדינה. מ׳וועט דעמלט ניט טאָרן אַרויפלייגן קיין שטייערן אויף די אָרעמע, נאָר פון דעם ערשטן וועט מען אויסצאָלן די הוצאות. צוזאַמען מיט דעם באַשטימט דער צווייטער פּאַראַגראַף, אַז „דעם קליינעם צענטחלק — דעם קירכלעכן אָדער סעקולערן — ווילן מיר בכלל ניט געבן. גאָט האָט באַשאַפן די חיות און בהמות אַלס פריי אייגנטום פונעם מענטשן. דערפאַר זענען די פּויערים אַן אומרעכט אין דעם דאָזיקן צענטחלק״.

אַזוי אַרום, פון די צוויי צענט־חלקים, וואָס זענען געווען אָנגענומען — איינער פונעם גערעטעניש שטייער און דער צווייטער פון די חיות און בהמות — האָבן די פּויערים אויסגעדריקט זייער הסכמה צו געבן בלויז איין צענטחלק, דעם גערעטעניש־שטייער און דאָס אין אַ באַגרענעצטער מאָס, בלויז דאָס, וואָס עס קומט דעם גייסטלעכן צום אויסהאַלטן זיך.

דער געדאַנק, וועלכער איז אויסגעדריקט אין דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף — צו באַנוצן זיך מיט דעם איבעריקן טייל פונעם שטייער, כדי אים צו צעטיילן צווישן אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע, ווי אויך אויף רייזע־הוצאות אויסער דער מדינה, כדי ס׳זאָלן ניט אַרויפגעלייגט ווערן קיין ספּעציעלע שטייערן פאַר דעם צוועק, האָט אַ וויכטיקע באַדייטונג. זי באַשטייט אין דעם, וואָס די פּויערים באַטראַכטן זיך אַזוי אַרום אַלס געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר, וואָס פּלאַנירט דעם סיסטעם פון הוצאות און הכנסות אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן, ווי עס איז געווען אָנגענומען ביי דער קירכלעכער אָדער סעקולערער פעאָדאַלער הערשאַפט.

דער דריטער פּאַראַגראַף טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ פּרינציפּיעלער דעקלאַראַציע: „מיר זענען פריי און מיר ווילן זיין פריי“. אין דער פאָרזעצונג פון דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף ווערט דערקלערט, אַז די דעקלאַראַציע באַדייט ניט, אַז „מיר וועלן ניט זיין געהאָרכזאַם צו דער הערשאַפט, נאָר אַז מיר וועלן מיטן אייגענעם ווילן הערן יענע הערשאַפט, וועלכע מיר האָבן אויסגעוויילט און אַליין באַשטימט איבער אונדז“. דעריבער ווענדן זיך די פּויערים אין די „12 פּאַראַגראַפן“ צו די גוטבאַזיצער און זאָגן: „אויך איר, האַרן, וועלכע היטן אָפּ דעם אמת און גערעכטיקייט, וועלן אָן ספק ווען אונדז באַפרייען פון דעם לייב־אייגנטום, אָדער מעלדן אונדז אין נאָמען פון דער עוואַנגעליע, אַז מיר זיינען טאַקע פריי“. ס׳איז כדאי צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף דער פאָדערונג פון די פּויערים: „מעלדעט אונדז, אַז מיר זענען טאַקע פריי“.

די דאָזיקע פאָדערונג קומט אַלס אויסדרוק פון אַ רואיקער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג, וועלכע פאַרלאַנגט פונעם גוטבאַזיצער צו פּראָקלאַמירן, אַז די פּויערים זענען פריי. דער דאָזיקער פּאַראַגראַף שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיקע פאַראַלגעמיינערונג פון דער

פאָדערונג צו ענדערן אויף אַ גרינטלעכן אופן דעם סטאַטוס פון די ליבאַייגנע, צו אַנולירן דאָס ליבאַייגנטום און צו דערקלערן די פרייהייט פון די פויערים. עס קומען דאָ צום אויסדרוק צוויי דעמאָקראַטישע פרינציפן פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט. ערשטנס, די קאַטעגאָרישע פאָדערונג צו זיין פריי. צווייטנס, די גרייטקייט פון די פויערים צו זיין געהאָרכזאַם לגבי אַ געוויילטער מאַכט, דאָס הייסט פאַרבינדן געהאָרכזאַמקייט מיט וואַל־רעכט.

דער פערטער פאַראַגראַף דריקט אויס די אומצופרידנקייט דערמיט, וואָס ביז דעמלט איז קיין שום אָרעמען מענטשן ניט דערלויבט געווען צו פאַנגען אַ חיה אָדער אַ פויגל אין די וועלדער, אָדער כאַפּן פיש אין די טייכן. צוזאַמען דערמיט פאָדערט דער דאָזיקער פאַראַגראַף אומצוקערן די טייכן דער געמיינדע, כדי ס'זאָל מעגלעך זיין פריי צו כאַפּן פיש. ס'ווערט געזאָגט אין דעם דאָזיקן פאַראַגראַף, אַז ווער עס האָט אַ רעכט אויף טייכן און קען עס געבנוג איבערצייגנדיק דערווייזן שריפטלעך, שטרעבן ניט דעמלט די פויערים אָפּצונעמען דאָס דאָזיקע רעכט מיט כוח, נאָר לייגן פאָר צו דערפירן צו אַ קריסטלעכן הסכם אין דעם דאָזיקן ענין. ווער עס קען אָבער ניט דערווייזן, אַז ער האָט דעראָבערט אַזעלכע רעכט, דאַרף די טייכן איבערגעבן דער געמיינדע. אין דעם דאָזיקן פאַראַגראַף איז איינגעשלאָסן די פאָדערונג צוריק צו פאַרוואַנדלען די טייכן אין אַ געזעלשאַפטלעך אייגנטום. דער אויסגאַנגס־פונקט איז דאָ, אויף אַזאַ אופן, אַז די טייכן זענען פון אייביק אָן געווען דאָס אייגנטום פון דער געמיינדע און די פריוואַטע צואייגענונג, וועלכע איז ניט באַוויזן געוואָרן מיט דאָקומענטן, איז אומגעזעצלעך און פאַרלירט אַזוי אַרום איר קראַפט.

דער פינפטער פאַראַגראַף פאָדערט צו פאַרוואַנדלען די וועלדער אין געזעלשאַפטלעך אייגנטום. די הערשער נעמען צו פאַר זיך דאָס געהילץ אויף אַ ווילקירלעכן אופן — ווערט דאָרט דער־קלערט — און ווען אַן אָרעמער מענטש דאַרף האָלץ, פאָדערט מען פון אים אַ הויכן אָפּצאָל. די פויערים דערקלערן, אַז די קירכלעכע און סעקולערע וועלדער דאַרפן זיין דאָס אייגנטום פון דער געמיינדע. די דאָזיקע פאָדערונג האָט באַדייט, אַז עס דאַרף

דורכגעפירט ווערן אַ גרינטלעכע ענדערונג אין די אייגנטום־באַציאונגען.

דער זעקסטער פּאַראַגראַף דריקט אויס די קעגנערשאַפט צום שווערן עול פון די דינסט־אַרבעטן. די דינסט־אַרבעטן וואַקסן פון טאָג צו טאָג — זאָגט זיך אין דעם פּאַראַגראַף. דעריבער פאָדערן די פּויערים, אַז „מ'זאָל זיי ניט אונטערדריקן אַזוי שווער, נאָר מ'זאָל זיך צו זיי באַציען מיט חסד".

אין דעם ראַיאָן פון ווירטעמבערג, למשל, איז דאָס לייבאייגנטום לגבי די פּויערים (Leibherrschaft) און די הערשאַפט אין די געריכטן (Gerichtsherrschaft) געווען קאָנצענטרירט אין די הענט פון איין פּערזאָן. אַלע דינסט־פּליכטן, וועלכע זענען ניט אַרויסגע־דרונגען דירעקט פון צוגעבונדנקייט פונעם פּויער צו דער ערד, זענען געווען פאַרבונדן מיט פיזישער פאַרשקלאַפונג.

אין דעם זיבעטן פּאַראַגראַף קומט צום אויסדרוק די בונטאַרישע שטעלונג פון די פּויערים קעגן דער אונטערדריקונג מצד די גוט־באַזיצער.

דאָרט ווערט געזאָגט, אַז „פון איצט און ווייטער, וועלן מיר ניט דערלויבן, אַז די האַרן זאָלן אונדז ווייטער אונטערדריקן". אויב עס זענען געגעבן געוואָרן דעם האַר געוויסע געזעצלעכע רעכט, וועלן זיי אָפּגעהיט ווערן לויט אַ הסכם מיט די פּויערים; דאָס הייסט, אַז דער גוטבאַזיצער וועט ניט קענען פאָדערן קיין אומזיסטע דינסט אָדער אַרבעט. דאָ איז פאַראַן די פאָדערונג צו שטיצן די קעגנזייטיקע באַציאונגען אויף דער באַזע פון אַ הסכם און אויף אָפּצאָל פאַר דינסט, ווי אויך אַנולירן די אומזיסטע באַדינונג.

דער אַכטער פּאַראַגראַף דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז דער פּויער וועט ניט טאָן קיין שום אַרבעט אָן אַן אָפּצאָל. דער פּויער וועט זיך ניט באַטראַכטן אַלס פאַרפליכטעט צו דינען דעם האַר צוליב זיין אייגנטום אויפן באָדן, אָדער צוליב וועלכע ניט איז אַנדערע קאָמפּעטענצן. דער פּאַראַגראַף שטעלט פעסט, אַז ס'איז פאַראַן פיל באָדן, וועלכער קען ניט אויסהאַלטן די שווערע שטייערן־לאַסט און די פּויערים ווערן צוליב דעם רואינירט. דעריבער דאַרפן די גוטבאַזיצער געבן די טאַקסירער אָפּצושאַצן וויפל עס איז ווערט

דער באָדן. דער באָדן־שטייער דאַרף ווערן באַשטימט ניט ווילקירלעך, נאָר אויף אַ גערעכטן אופן. די פאָדערונג איז צו באַשטימען אָביעקטיווע נאָרמעס ביים אַרויפלייגן דעם באָדן־שטייער, כדי די פויערים זאָלן ניט ווערן פולשטענדיק פאַופּעריזירט.

דער נײַנטער פּאַראַגראַף איז נוגע דעם קריטעריום פון דער יוריסדיקציע. צייטנווייז משפּט מען אונדז — ווערט געזאָגט אין דעם פּאַראַגראַף — מיט צופיל שנאה און צייטנווייז מיט צופיל גנאָד. די פויערים פאָדערן, אַז מ׳זאָל משפּטן אַזוי ווי אין אַלטן געריכט — מיט גערעכטיקייט לגבי דעם ענין און ניט מיט גנעדיקייט. די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף איז אין דער פאָדערונג צו באַשטימען אַ שטרענג־אָביעקטיוון קריטעריום פון שטראָף, וועלכער זאָל אָנטשפּרעכן די גרויס פון דער זינד, און ניט לויטן געזעלשאַפטלעכן אָפּשטאַם פונעם מענטשן, וועלכער האָט זיך פאַרזינדיקט, אָדער לויט אַן אַנדערן ווילקירלעכן קריטעריום.

דער צענטער פּאַראַגראַף דריקט אויס די קעגנערשאַפט לגבי דעם פאַקט, וואָס געוויסע מענטשן האָבן ווילקירלעך זיך צוגעאייגנט פעלדער און לאָנקעס, וועלכע האָבן פריער געהערט צו דער געמיינדע. דער דאָזיקער פּאַראַגראַף דערקלערט, אַז וואָס שייך אַזעלכע פעלדער, „וועלן מיר זיי נעמען און צוריק איבערגעבן דער געמיינדע, אויסער אין פאַל, ווען זיי זענען אויף אַ יושרדיקן אופן דערוואָרבן געוואָרן". אויב אָבער די דאָזיקע פעלדער און לאָנקעס זענען דערוואָרבן געוואָרן ניט יושרדיק, דאַרף מען שטרעבן צו דערגרייכן מיט גוטן און אויף אַ ברידערלעכן אופן אַ פּשרה, לויט דעם ווי די ענינים זעען אויס.

דער עלפטער פּאַראַגראַף פאָדערט אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן צו אַנולירן דעם מנהג, וועלכער רופט זיך „טויט־פאַל". אין דעם פּאַראַגראַף ווערט אָנטשלאָסן דערקלערט: „מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרליידן און ניט דערלויבן, אַז מ׳זאָל באַעוול׳ען און באַרויבן אויף אַזאַ שענדלעכן אופן אלמנות און יתומים, אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן, אין ווידערשפּרוך צו גאָטס אָנזאָג און צום געבאָט פון ערע, אַזוי ווי דאָס איז געשען אין פיל ערטער און אין פאַרשיידענע פאָרמען. די וועלכע זענען מחויב צו פאַרטיידיקן אלמנות און יתומים —

זיי אַליין האָבן געשונדן פון זיי די הויט און אַפילו ווען זיי האָבן געהאַט זייער ווייניק בהמות, האָט מען דאָס ביי זיי אויך אַוועקגערויבט".

אין דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף ווערט געזאָגט, אַז „גאָט אַליין וועט ניט וועלן פאַרליידן מער אַזוינס. מ'דאַרף פולשטענדיק אָנולירן דעם מנהג: פון איצט אָן וועט קיין אלמנה און קיין יתום ניט זיין פאַרפליכטעט אין פאַל פון טויט פון פויער, צו געבן ניט ווייניק און ניט פיל דעם גוטבאַזיצער".

דער צוועלפטער פּאַראַגראַף דערקלערט, אַז אויב איינער אָדער אייניקע פּרינציפּן וועלן ניט זיין אין הסכם מיט גאָטס געבאָט, ניט געקוקט דערויף וואָס די פויערים אַליין מיינען ניט אַזוי, וועלן זיי זיך אָפּזאָגן פון די דאָזיקע פּאַראַגראַפן.

ווייטער ווערט געזאָגט, אַז אויב ס'וועט זיין אַ נויטווענדיקייט צוצוגעבן ווייטערדיקע פּאַראַגראַפן וואָס שייך דער אונטערדריקונג פון די פויערים, לאָזן זיי זיך איבער דאָס רעכט צו באַשטימען וועגן דעם.

די „צוועלף פּאַראַגראַפן" ענדיקן זיך מיט אַן אויסדרוק פון ווילן צו לעבן אין אַלע פאַלן לויט דער לערע פון דער קריסטלעכער רעליגיע. ניט געקוקט דערויף, וואָס די „12 פּאַראַגראַפן" זענען אין אַלגעמיין דורכגעדרונגען מיט אַ מעסיקן גייסט, אין פאַרגלייך מיט דעם „פּאַראַגראַפן־בריוו", זענען זיי אָבער פאַקטיש געוואָרן אַ פּראָגראַם־פּלאַטפאָרם פאַר דער גאַנצער פויערים־באַוועגונג. זיי זענען געוואָרן אַ וויכטיקער מיטל צום קאָנסאָלידירן די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע כוחות אין די דערפער און שטעט, וועלכע האָבן געשטרעבט אָפּצושאַפן די פאָרמען פון פעאָדאַלער פאַרשקלאַפונג.

אין די „12 פּאַראַגראַפן" קען מען אונטערשיידן דריי טיילן: איין טייל — דאָס זענען פאָדערונגען, וואָס האָבן זיך איבערגעחזרט אין משך פון אַ לאַנגער צייט, למשל, וועגן פרייען פישפאַנג, יאַגד, האַקן די וועלדער און די פאָדערונג אומצוקערן דאָס געמיינדע־אייגנטום צו דער געמיינדע.

אַ צווייטער טייל — דאָ זענען די פאָדערונגען אָפּצושאַפן אומגערעכטע שטייערן, באַשטימען אַ קריטעריום ביים משפּטן און אַן אָביעקטיוון, גערעכטן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר באַשטראָפן שולדיקע.

אַ דריטער טייל דריקט אויס די קעגנערשאַפט צו דער פאַר־שקלאַפונג, וואָס איז געווען בעת דער פעאָדאַלער אָרדנונג, שטעלט פאָר די וויזיע און הויבט אויף די פאָן פון פרייהייט. מיט דער שטרעבונג צו דעמאָקראַטיזירן דעם לעבן פון די פויערים איז אויך דורכגעדרונגען די פאָדערונג, אַז דער גייסטלעכער זאָל ווערן געוויילט דורך דער געמיינדע און די פעסטשטעלונג אַז דער דאָרפישער קאָלעקטיוו איז דער ערשטער קוואַל פון קאָמפּעטענץ און אויטאָריטעט. אַ פרינציפיעלע באַדייטונג האָט אויך די דער־קלערונג וועגן דער גרייטקייט צו זיין געהאָרכזאַם נאָר לגבי אַן אויסגעוויילטער רעגירונג.

# דאָס אויפשטאַנד־רעכט אין די פּאָליטישע טעאָריעס פון מיטלאַלטער

דאָס אויפשטאַנד־רעכט געפינט איר אָנערקענונג אין די פּאָליטישע טעאָריעס פון מיטלאַלטער. דער היסטאָריקער פריץ קערן אַנאַליזירט דאָס דאַזיקע רעכט אין זיין בוך וועגן ווידערשטאַנד־רעכט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין לייפּציג, אין יאָר 1914. איינער פון די קוואַלן פון וואַנען עס שטאַמט דאָס דאָזיקע רעכט, נעמט איר אָנהייב צווישן די גערמאַנישע שבטים. לויט דעם דאָרטיקן מנהג האָט דאָס רעכט צו פאָרמולירן דעם געזעץ געהערט דער שלאַכטלייט־פאַרזאַמלונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ סוווערענע קערפּערשאַפט.

די באַציאונגען צווישן דעם דייטשן קעניג און דער שלאַכטלייט־פאַרזאַמלונג, שטיצט זיך אויף דעם ווידערשטאַנדס־רעכט קעגן קעניג, ווען ער ברעכט די געזעצן.

דער צווייטער קוואַל פון דעם ווידערשטאַנדס־רעכט געפינט זיך אין דעם פעאָדאַלן געריכט, אין דעם אַספּעקט פון קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן וואַסאַל און סעניאָר. דער וואַסאַל האָט דאָס רעכט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם סעניאָר, וועלכער האַנדלט אומגערעכט. די וואַסאַלן, למשל, קענען דערקלערן, אַז עס ווערן אַנולירט די פעאָדאַלע חובות לגבי דעם סעניאָר, וועלכער האָט געהאַנדלט אומגערעכט.

דער דריטער קוואַל פון דעם ווידערשטאַנדס־רעכט איז אַ קריסטלעכער. לויטן קריסטלעכן צוגאַנג איז די געזעצלעכקייט פון דער הערשנדער מאַכט באַדינגט דורך גערעכטיקייט. דער באַגריף „מלך״ (Rex) איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן באַגריף „רעכט״ און „גערעכטיקייט״. דער קעניג, וועלכער האַנדלט ניט לויט די פּרינציפּן פון גערעכטיקייט (iusticia), הערט אויטאָמאַטיש אויף צו זיין אַ קעניג.

די זאַמלונג פון די דייטשע געזעצן (Der Sachsenspiegel) באַשטימט דאָס רעכט און די פליכט פון יעדן איינעם זיך אַנטקעגנ־צושטעלן אַן אומגעזעצלעכן מנהג פון הערשער מיט פאָלגנדע ווערטער: „דער מענטש דאַרף זיך קעגנשטעלן זיין קעניג, ווען ער באַגייט אַן אומגערעכטיקייט. ער דאַרף אַזוי האַנדלען אַפילו דעמלט, ווען דער קעניג איז זיין קרוב אָדער זיין האַר. מיט דעם ברעכט ער ניט די פליכט צו זיין איבערגעגעבן”.

דער היסטאָריקער פריץ קערן אונטערשיידט צווישן דריי פּאָליטישע לערעס, וועלכע זענען געווען אָנגענומען אין מיטלאַלטער:

א. אַיקע פון רעפּקאָוו (Eike von Repkov) רעדט וועגן אינדי־ווידועלן ווידערשטאַנדס־רעכט קעגן עוולות מצד די רעגירונג.

ב. קעניג יאָהאַן פון ענגלאַנד גיט דאָס רעכט צו צווינגען אים מקיים זיין די גערעכטיקייט, ניט בלויז צו יחידים, נאָ צו דער מאַסע אונטערטאַנען (Gesamtuntertanschaft). ער גיט אויך דאָס רעכט צייטווייליק אים אָפּצושטעלן אין זיין הערשאַפט, אָבער ניט אַראָפּנעמען אים בכלל.

ג. דער זאַמל־בוך פון רעכט און מנהגים (Sachsenspiegelglasse) גיט דאָס רעכט אויף ווידערשטאַנד נאָר לגבי גוטבאַזיצער, וועלכע זענען ניט סווערען, דאַקעגן דערלויבט ער ניט צו באַנוצן זיך מיט דעם דאָזיקן רעכט לגבי דעם קייסער.

די הערשנדיקע מיינונג אין דער עפּאָכע פון מיטלאַלטער איז געווען, אַז געהאָרכזאַמקייט מצד די פאָלקס־מאַסן, איז ניט קיין אַבסאָלוטע און אייביקע פליכט. די רעכט פון יחיד איז זיך צו פאַרטיידיקן און אַנטקעגנשטעלן זיך יעדער עוולה.

אין דער פּאָליטישער וועלט־אַנשויאונג אין דייטשלאַנד פון יענער תקופה, זענען ביידע באַגריפן: רעכט (Recht) און קעניג (Rex) — ניט אָפּצורייסן. דער מלך, וועלכער באַגייט אומגערעכטיקייט הערט אויף צו זיין אַ הערשער. דאָס עצם באַגיין אַ זינד ברענגט צום פאַרלירן דאָס רעכט אויף הערשאַפט. דורך זיינע אומגערעכטע מעשים, נעמט דער מלך אַליין צו ביי זיך די קרוין און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טיראַן (Tyrannus).

דער דייטשער מאָנאַך מאַנעגאָלד פאָן לאַוטענבאַך, איז געווען

דער ערשטער, וועלכער איז אַרויס אין קאַמף קעגן קעניג לטובת דער סוּווערעניטעט פון פאָלק אין אָנהייב פון די 80־ער יאָרן פון עלפטן יאָרהונדערט.

זיין געוואָגטע און וויכטיקע אַרויסטרעטונג איז געווען אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַשטימען די Lex regia דורך די אַבסאָלוטיס־טישע הערשער. מאַנעגאָלד האָט אויף אַ דרייסטן אופן דערקלערט: אויב דער הערשער פאַרווירקלעכט ניט דעם ציל פון פאָלק — וואָס קען נאָך דעמלט מער אָפּהאַלטן דאָס פאָלק פון צוריקנעמען די מאַכט און זי איבערגעבן אַ בעסערן פאַרוואַלטער? פאַרוואָס דאַרף מען איבערגעבן די מאַכט אָן אַ מעגלעכקייט זי בטל מאַכן? צי קען מען פאַרבאָטן דעם סוּווערענעם פאָלק צו באַגיין זיך מיט דעם הערשער, אַזוי ווי דער פויער באַגייט זיך מיט דעם חזירים־פאַסטוך? — האָט געפרעגט מאַנעגאָלד פאָן לאַוטענבאַך. אויב דער פאַסטוך איז ניט איבערגעגעבן דעם פויער, פאַשעט ער ניט אַ גאַנץ לעבן, נאָר נאָכן אָפּצאָלן פאַר דער אַרבעט, דערווייטערט דער פויער דעם פאַסטוך.

אונטערן איינפלוס פון מיטלאַלטער האָט מאַנעגאָלד געמאַכט אַן ענדערונג. דער פירשט האָט אויך מאַכט־רעכט לויט אַ קאָנטראַקט (Vertragliches Recht). דאָס איז אַ זעלבסטשטענדיקע רעכט, לויט וועלכער דער פירשט געניסט פון אימוניטעט כל־זמן ער דערפילט זיינע פליכטן. די הייליקייט פון קאָנטראַקט שטייט איבער דער סוּווערעניטעט פונעם כלל.

אָבער ווען דער פירשט ברעכט דעם קאָנטראַקט, איז דאָס פאָלק פריי ניט צו זיין אים געהאָרכזאַם. לויט מאַנעגאָלדס מיינונג איז דאָס ברעכן דעם געזעץ דורכן הערשער — דער יסוד צו באַנוצן זיך מיטן אויפשטאַנדס־רעכט. די רעגירונג שטיצט זיך אַזוי אַרום אויף אַ הסכם, אויף אַ קאָנטראַקט (Vertrag) אויף דעם זיכערהייטס־קאָנטראַקט (Sicherheitsvertrag), וועלכן קאַרל דער פליכעוואַטער האָט געשלאָסן מיט זיינע אונטערטאַנען. דאָס אויפשטאַנדס־רעכט באַזירט זיך אויפן יסוד פון קאָנטראַקט־רעכט. דאָס ברעכן פון געזעץ דורך דעם פעאָדאַלן גוטבאַזיצער דערוועקט ביי דעם וואַסאַל דעם ווילן צום קאַמף, שטעלט זיי ביידע אַוועק, אַלס אומאָפּהענגיקע כחות, איינער קעגן אַנדערן. מיט דעם, וואָס מאַנעגאָלד האָט אין

דער פובליציסטיק אַריינגעבראַכט דעם באַגריף „סוווערעניטעט", האָט ער אַנטוויקלט דעם דעמאָקראַטישן גייסט און דעם געדאַנק וועגן קאָנטראַקט צווישן פאָלק און הערשער. דער הערשער איז ביי אים אַ מענטש, וועלכער באַקומט אַן אויפגאַבע און דאָס פאָלק ווערט דערהויבן דורך אים צו דער ראָל פון אַ האַר, וועלכער באַפעלט דעם הערשער אויסצופירן די אַרבעט.

אַזוי אַרום איז דער געדאַנק וועגן פויערים־אויפשטאַנד געווען אַ טייל פון אַלגעמיין־אָנגענומענעם געדאַנק וועגן די פּרינציפּיעלע רעכט פון די וואַסאַלן אַרויסצוטרעטן אין אַן אויפשטאַנד קעגן פעאָדאַל, וועלכער ברעכט דעם אָנגענומענעם געזעץ.

# די פירשטן — בראש פון דער מלחמה קעגן די פויערים

די פירשטן זענען געווען דער געזעלשאַפטלעכער כוח, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער מלחמה קעגן די פויערים. אין דער מאָס, ווי עס איז זיך צעפאַלן דאָס פעאָדאַלע קייזערטום, האָט גענומען אַ סוף צו די אַלגעמיין־קייזערלעכע פאַרבינדונגען. די גרויסע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געהאַט קייזערלעכע פונקציעס, האָבן זיך פאַרוואַנדלט כמעט אין אומאָפּהענגיקע פירשטן.

די קייזערלעכע שטעט, פון איין זייט, און די קייזערלעכע ריטער, פון דער אַנדערער זייט, האָבן אָנגעהויבן צו שליסן צווישן זיך אָפּמאַכן. צייטנווייז זענען די אָפּמאַכן צווישן די קייזערלעכע שטעט געווען געווענדט קעגן די קייזערלעכע ריטער, און צייטנווייז זענען די אָפּמאַכן געווען געווענדט קעגן קייזער.

די פירשטן זענען אויפגעקומען פון דעם הויכן אַדל. זיי זענען געווען אומאָפּהענגיק פון קייזער און האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט די מערהייט סוווערענע רעכט. זיי פלעגן אויף אייגענער אחריות דערקלערן מלחמה, ווי אויך שליסן שלום, לויט זייער אייגענעם באַשלוס. זיי פלעגן אויסהאַלטן שטענדיקע מיליטערי־שע איינהייטן. זיי פלעגן צוזאַמענרופן לאַנד־צוזאַמענפאָרן (Ladtage) און אַליין באַשטימען שטייערן. די פירשטן האָט זיך איינגעגעבן אונטערצוואַרפן זייער הערשאַפט גרויסע טיילן פון דעם נידעריקן אַדל און די שטאָטישע איינוווינער. זיי פלעגן אָננעמען ספּעציעלע מיטלען כדי צו דערפירן די שטעט צו אונטערטעניקייט לגבי זייער הערשאַפט. אין דער פאַרגאַנגענהייט זענען די שטעט דירעקט געווען אונטערגעוואָרפן דער מאַכט פון קייזערטום.

די הערשאַפט פון די פירשטן איבער די שיכטן, וועלכע זענען געוואָרן פאַריאַכט, איז געווען אַ שטאַרק ווילקירלעכע. זיי פלעגן רופן די פאָרשטייער פון די שטאַנדן צו אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר ניט לויט

פון פאַרויס־באַשטימטע טערמינען, נאָר בלויז דעמלט, ווען אויף זיי איז געמאַכט געוואָרן אַן אויסערגעוויינלעכער געזעלשאַפטלעכער דרוק און זיי האָבן שוין ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה. בלויז זייער זעלטן פלעגן די פירשטן אנערקענען די רעכט פון די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן צום באַשטעטיקן שטייערן. נאָך זעלטענער פלעגן זיי געבן אַ פּאַקטישע מעגלעכקייט צום אָנווענדן די דאָזיקע



רעוואָלוציאָנערע פּויערים אויפן עשאַפאָט

רעכט. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט דער פירשט זיך באַמיען פון פאָרויס צו שאַפן אַ מערהייט מיט דער הילף פון די רייטער און העגעמאָנען, דאָס הייסט מיט דער הילף פון יענע צוויי שיכטן, וועלכע זענען געווען באַפרייט פון צאָלן שטייערן, אָבער זענען געווען שותפים צום געניסן פון זיי.

די פירשטן פלעגן אויסברייטערן זייערע הויפן, פלעגן פאַר־גרעסערן די שטענדיקע מיליטער־אָפטיילונגען. דאָס האָט ממילא פאַרשטאַרקט דעם דרוק פון שטייערן־יאָך.

די שטעט האָבן געהאַט ספּעציעלע פּריווילעגיעס. זיי זענען דעריבער געווען באַשטימט פון דעם דאָזיקן דרוק. דער גאַנצער עול פון די שטייערן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער דאָרפישער באַפעלקערונג, אויף די פויערים פון די פירשטלעכע פּאַלוואַרקן, אויף די לייבאייגענע פויערים, אויף די אַנגעהעריקע פויערים און אויף די וועלכע פלעגן אַרענדירן ערד ביי די רייטער.

די דירעקטע שטייערן האָבן ניט געסטייעט, האָט מען אָנגעהויבן אַרויפלייגן אויך אומדירעקטע שטייערן. דאָס איז ניט געווען גענוג, כדי צו דעקן די גרויסע אויסגאַבן פון די פירשטן און קיין שום פּריישטאַט אין דעם קייזערטום האָט ניט געוואָלט געבן קיין קרעדיט. דאַן האָבן די פירשטן אָנגעהויבן גיסן פאַלשע מטבעות, ווילקירלעך אַרויפצווינגען די טויש-נאָרמע לויט די אויסרעכענונגען פון דער ביוראָ, וואָס קאָנטראָלירט די הכנסות (פיסקוס). די פירשטן פלעגן דערביי אויסנוצן דעם מינדסטן פּרווו פון אָפּאָזיציאָנעלער אַקטיווקייט, כדי צו האָבן אַן אויסרייד אויף אַרויפצולייגן געלט-שטראָפן צו באַרויבן די באַפעלקערונג. אויך דער געריכט איז אין יענער תקופה געווען אַ מיטל אין די הענט פון די פירשטן צום שאַנטאַזשירן און אַרויספּרעסן פינאַנסיעלע מיטלען.

# מאַרטין לוטערס שטעלונג
# צו דער פּויערים־באַוועגונג

מאַרטין לוטער'ס איינפלוס אויף דער רעוואָלוציאָנערער אַנט־וויקלונג פון די פּויערים־מאַסן אין אָנהויב פון 16־טן יאָר־הונדערט איז געווען זייער גרויס און פּילזייטיק. זיינע דרייסטע אַרויסטרעטונגען קעגן דער הערשאַפט פון דער קירך אין דעם סעקולערן לעבן, האָט צוגעגעבן אַ גרויסן שווונג, פיל דרייסטקייט די פּויערים־מאַסן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן צום קאַמף קעגן זייער פאַרקנעכטונג.

מאַרטין לוטער'ס איינפלוס אויף די פּויערים איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער אין באַזונדערע תקופות פון זיין טעטיקייט. אין אַלגעמיין גענומען קאָן מען אָפּמערקן און אונטערשטרייכן דריי תקופות אין לוטער'ס אַקטיווקייט: די יאָרן 1517, 1521 און 1525, בעת וועלכע זיין שטעלונג לגבי די פּויערים איז געווען אַ פאַרשידענע.

אין דער ערשטער תקופה פון זיין אידעאישער און געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט, אין יאָר 1517, קעגן די קירכלעכע דאָגמעס און קעגן די אינדולגענצן * האָט מאַרטין לוטער דערמוטיקט אומדירעקט די פּויערים און געוועקט אין זיי דרייסטקייט זיך צו אָרגאַניזירן לטובת דעם געאייניקטן קאַמף קעגן אַלע אויסדרוקן פון זייער פאַרשקלאַפונג.

דאָס געמיינזאַמע צווישן מאַרטין לוטער און טאָמאַס מינצער איז געווען זייער פּרינציפּיעלע קעגנערשאַפט צו דער הערשאַפט פון דער קאַטוילישער קירך, ווי אויך דער אַלגעמיינער אַנטי־פעאָדאַלער קאַמף. דער פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן זיי ביידע איז אָבער געווען אין דער סאָציאַלער וויזיע, הויפּטזעכלעך אין דער וועזנטלעכער און פּראַקטישער באַציאונג צום פּויערים־אויפשטאַנד, צו דער פאַרטיידיקונג פון די פּויערים־רעכט, צו דעמאָקראַ־טישע ענדערונגען וואָס שייך דעם באָדן־אייגנטום א.א.וו.

---

* האַנדל מיט אינדולגענצן באַדייט: פאַרגעבונג פון די זינד. פאָדערן סומעס געלט מיט דעם אויסרייד, אז דאָס ברענגט צו אַ פאַרגעבונג פון די זינד.



מאַרטין לוטער

די דאָזיקע צוויי פּערזענלעכקייטן האָבן פּאַקטיש סימבאָליזירט צוויי שטרעמונגען אין דעם אַנטי־פּעאָדאַלן לאַגער, וועלכער האָט נעגירט די פעאָדאַלע היעראַרכיע, די אויסנוצונג פון די פּויערים און די קאָרופּציע אין דער קאַטוילישער קירך.

נאָכדעם ווי די פּויערים האָבן אומאָפּהענגיק אָנגעהויבן צו קעמפן קעגן די פּירשטן און גוטבאַזיצער, האָט זיך ביי לוטערן אָנגעהויבן צו באַווייזן אַ בולט, צוריקציען זיך פון זיין שטעלונג, אַ געוויסע צייט האָט ער גערופן צו פאַרמיטלונג, צום אויסגלייכן די שטרייטן צווישן די צדדים דורך אונטערהאַנדלונגען. מיטן אויסברוך פון דעם פּויערים־אויפשטאַנד איז ביי לוטערן פאָרגעקומען אַ גרינטלעכע ענדערונג. ער איז אַנטשלאָסן איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די פּירשטן און גערופן צו דערשטיקן דעם פּויערים־

אויפשטאַנד. אין אַ ספּעציעלן בריוו צו די פירשטן פון זאַקסן אין יאָר 1524, האָט לוטער געפאָדערט אַנצונעמען מיטלען קעגן מינצערן. ער האָט דאָרט אונטערגעשטראָכן, אַז עס האַנדלט זיך ניט בלויז אין באַקעמפן מינצערס לערע און פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אין קאַמף קעגן דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט צום אויפ־שטאַנד קעגן דער סעקולערער הערשאַפט. לוטער האָט מינצער׳ס ציל באַצייכנט אַלס שטרעבונג צו צעטרייסלען די סעקולערע הערשאַפט און אַליין ווערן אַ האַר פון דער וועלט.

פון לוטער׳ס בריוו צו זיין פריינד בריסמאַן, דעם פּרייסישן טעאָלאָג, דרינגט אַרויס, אַז לוטער האָט צוגעשריבן מינצערן אַ צענטראַלע ראָל אינעם אויפשטאַנד און ניט נאָר אין דער אָרטיקער טעטיקייט אין מילהאַוזען אָדער טירינגען. אין זיינע אַרויסטרעטונגען האָט לוטער באַצייכנט מינצערן אַלס „דער אויסדערוויילטער פון שטן, וועלכער הערשט אין מילהאַוזען".

צווישן מינצערן און לוטערן איז געקומען צו אַ ריס. לוטער האָט נאָכגעפאָלגט די טעטיקייט פון מינצערן מיטן חשד, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַציאונג פון אַ מעסיקן רעפאָרמאַטאָר לגבי אַן עקסטרעמען פירער, וועלכער האָט וווייט־גייענדיקע סאָציאַלע טענדענצן. ניט איין מאָל האָט לוטער גערופן מינצערן צו אַן עפנטלעכער דיסקוסיע. מינצער האָט אָבער ניט געהאַט קיין ווילן אַריינצוגיין אין אַ טעאָלאָגישער דיסקוסיע פאַר אַ פּאַרטייאישן עולם אין ווירטענבערגער אוניווערזיטעט.

— אויב לוטער׳ס רייד זענען אויפריכטיקע — האָט געענטפערט מינצער — איז בעסער, אַז ער (לוטער) זאָל זיך טאַקע באַנוצן מיט זיין השפּעה, כדי אָפּצושטעלן דאָס שיקאַנירן דורך דער צענזור.

נאָכדעם, ווי עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מינצער׳ס רעוואָ־לוציאָנערע בראָשור, איז לוטער אַרויסגעטראָטן און זי עפנטלעך פאַראורטיילט. ער האָט אָפּגעדרוקט „אַ בריוו צו די פאָרשטייער פון זאַקסן קעגן גייסט פון בונט". אין דעם דאָזיקן בריוו האָט לוטער דערקלערט, אַז היות ווי מינצער איז נאָר אַן אינסטרומענט פון שטן דאַרפן דעריבער די פירשטן זיך אַריינמישן און אַרויסטרייבן די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם בונט. אין זיין שריפט קעגן דעם פּויערים־

אויפשטאַנד איז לוטער אַרויסגעטראָן „קעגן די באַנדעס פון די פויערים — די רוצחים און רויבער". ער האָט דערקלערט, אַז „מ'דאַרף זיי צעשמעטערן, דערשטיקן און צעשטעכן, געהיים אָדער עפנטלעך, אַזוי ווי מ'דאַרף דערהאַרגענען אַ משוגענעם הונט". אַריבערגייענדיק פולשטענדיק אין דעם לאַגער, וועלכער האָט געקעמפט קעגן די פויערים־אויפשטענדלער, האָט לוטער גערופן, אַז: „דער שטעכער זאָל שטעכן, דער שלעגער זאָל שלאָגן און דער דערשטיקער זאָל דערשטיקן — יעדער מענטש לויט זיין מעגלעכקייט. און אויב דו וועסט דאַרפן שטאַרבן צוליב דעם — איז יושרדיק און וויל צו דיר. אַזאַ טויט, אַ טויט פון אַ הייליקן, וועט זיך דיר ניט מאַכן קיין געלעגנהייט קיינמאָל".

אין דער דאָזיקער צייט האָט לוטער אָנגעשריבן מיט פסוקים פון תנ"ך אַ לויב־געזאַנג צו דער הערשאַפט, וועלכע גאָט האָט אויפגעשטעלט אויף דער ערד. דאָס איז געווען אַזאַ מין לויב־געזאַנג, וועלכן קיין שום אָנהענגער פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע האָט פריער ניט אַרויסגעבראַכט. לויט דעם דאָזיקן ליד קומט אויס, אַז דער תנ"ך גיט דאָס רעכט די פירשטן צו פאָדערן אַבסאָלוטע געהאָרכזאַמקייט און אַפילו אָנצוווענדן פאַרשקלאַפונג און לייב־אייגנטום. שילדערנדיק די דאָזיקע צייט שרייבט פרידריך ענגעלס, אַז דאָס איז געווען אַ פאַרלייקענונג ניט בלויז פונעם פויערים־אויפשטאַנד, נאָר פונעם בונט פון לוטערן גופא קעגן די קלעריקאַלע און סעקולערע אויטאָריטעטן. דאָס האָט באַדייט אויסדרייען זיך מיט דער פלייצע ניט בלויז צו דער פאָלקס־באַוועגונג, נאָר אויך צו דער בירגערלעכער באַוועגונג. דאָס איז געווען אַן אַריבערגאַנג אויף דער זייט פון די פירשטן.

## די וועלט־אַנשויונג פון מינצערן —
## דעם פירער פון פויערים־אויפשטאַנד

די פערזענלעכקייט און די געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייט פון טאָמאַס מינצער האָט אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל אויף דעם שוווּנג און פּאַרנעם פון די פויערים־אויפשטאַנדן. ער איז געווען אַ פאָלקס־פירער, וועלכער איז מיט לייב און לעבן געווען איבער־געגעבן די פאָלקס־מאַסן.

מינצער׳ס לערע איז געוואָרן די פאָן פון דער פאָלקס־רעפאָר־מאַציע. די קראַפט פון זיינע געדאַנקען אַנטפּלעקט זיך אין דעם, וואָס זיי זענען ניט געבליבן פיקסירט אין אַ היסטאָרישן דאָקומענט, נאָר האָבן געוועקט און אויפגעוועקט די פויערים־מאַסן צו געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט. זיינע געדאַנקען זענען געווען אין הסכם מיט דעם פאָלקס־באַנעמען די רעפאָרמאַציע. די לערע פון מינצער׳ן האָט זיך אַנטוויקלט אַלס קאַמפּס־פאַקטאָר און קאָנסאָלידירט די מאַסן־באַוועגונג פון די פויערים, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן אין אויפשטאַנד קעגן די פאָרמען פון פעאָדאַלער אונטערדריקונג.

טאָמאַס מינצער ווערט כאַראַקטעריזירט דורך פרידריך ענגעלסן, אַלס פּלעבייאישער רעוואָלוציאָנער, אין קעגנזאַץ צו מאַרטין לוטערן, וועלכער ווערט דורך אים באַצייכנט אַלס בורזשואַזער רעפאָרמאַטאָר.

מינצער איז געבוירן געוואָרן אין 1498־טן יאָר. אין דער צייט, ווען ער האָט זיך געשטעלט בראש פון דער פויערים־באַוועגונג און פון אויפשטאַנד, איז ער געווען אַ גאַנץ יונגער מענטש, סך־הכל 27 יאָר אַלט. וועגן מינצער׳ס פאָטער ווערט דערציילט, אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן פון דער גרויזאַמקייט פון די שטאָלבערג־באַראָנען. נאָך אַלס יינגל פון 15 יאָר, האָט מינצער אָרגאַניזירט אַ געהיימען בונט אין דער שול אין האַלאַ קעגן אַרכיהעגעמאָן פון מאַגדעבורג און קעגן דער רוימישער קירך בכלל.

אַ דאַנק זיין באַהאַוונטקייט אין דער טעאָלאָגיע פון יענער

טאָמאַס מינצער

צייט, האָט ער אין גאַנץ יונגן עלטער באַקומען דעם דאָקטאָר־טיטל. ער האָט געדינט אַלס גייסטלעכער אין פרויען־קלויסטער אין האַלאַ. זיין עיקרדיקע פאָרשונג האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער מיסטיק פון מיטלאַלטער. זיין פּאָליטישע לערע האָט זיך דערנענטערט צו דער רעליגיעז־רעוואָלוציאָנערער אויפפאַסונג. ער האָט נעגירט די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען פון זיין תקופה. זיין פּלאַן האָט געפאָדערט תיכף זיך צוריקקערן צו „גאָטס־מלוכה״, די קירך זאָל צוריקגיין צו איר מקור און פון אַלע אינסטיטוציעס זאָל דערוויטערט ווערן אַלץ וואָס איז אין סתירה צום קריסטנטום.

אין יאָר 1520 איז מינצער אָנגעקומען אין צוויקאַו אַלס ערשטער פּרעדיקער פון דער עוואַנגעליע. דאָ האָט ער געפונען איינע פון די כיליאַסטישע סעקטעס, וועלכע האָבן אין אַ סך ערטער עקזיסטירט אין געהיים. די דאָזיקע סעקטעס האָבן מיט זיך פאַרגע־שטעלט אַן אַלץ וואַקסנדיקע אָפּאָזיציע מצד די נידעריקע שיכטן פון דער געזעלשאַפט קעגן דער עקזיסטירנדער געזעלשאַפטלעכער לאַגע. דאָס איז געווען אַן אַנאַבאַפּטיסטישע סעקטע בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען ניקאָלאַס שטאָרך. זייער בשורה איז געווען, אַז עס דערנענטערט זיך דער גרויסער יום־הדין און דאָס „קעניגרייך פון טויזנט יאָר״. זיי פלעגן פּרעדיקן געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען דורכגעדרונגען מיט גרויס ענטוזיאַזם. מינצער פלעגט זיי פּאַרטיידיקן ניט געקוקט דערויף, וואָס אַליין האָט ער זיך ניט אָנגעשלאָסן אין זייערע רייען.

אין זיין פילאָזאָפישן באַנעמען פלעגט מינצער פּרעדיקן צו שעצן דעם פאַרנונפט. דער נייער טעסטאַמענט איז, לויט זיין מיינונג, ניט אָן פעלערן. די אמתע וויזיע, יענע, וועלכע איז געווען אין אַלע תקופות און ביי אַלע פעלקער איז נאָר דער פאַרנונפט. דער רוח־הקודש, וועגן וועלכן עס ווערט גערעדט אין די הייליקע שריפטן, עקזיסטירט ניט מחוץ פון אונדז, ווייל דער רוח־הקודש איז דער פאַרנונפט. דער גלויבן איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי די ווידער־אויפלעבונג פונעם פאַרנונפט אין דער נשמה פונעם מענטש. דערפאַר איז מעגלעך, אַז עס עקזיסטירט אויך אַ גלויבן אין דער נשמה פון די געצן־דינער. מיט דער קראַפט פון גלויבן, דאָס הייסט מיט דער קראַפט פונעם פאַרנונפט, וועלכער איז אויפגעקומען צום לעבן, איז דער מענטש געוואָרן אַ טייל פון דער געטלעכקייט. דער הימל איז ניט עפּעס וואָס מחוץ אונדזער לעבן. מ׳דאַרף אים זוכן אין אונדזער וועלט. די אויפגאַבע פון גלויביקן איז אויפצושטעלן גאָט׳ס מלוכה אויף דער ערד. „גאָט׳ס מלוכה״ אין דער אויפפאַסונג פון מינצער׳ן, באַדייט אַ געזעלשאַפט, וווּ ס׳וועלן ניט זיין קיין קלאַסן־קעגנזאַצן, קיין פּריוואַט־אייגנטום און קיין מלוכה׳שע מאַכט. מינצער האָט געגלויבט אין דער צוקונפט פון אַן אָרדענונג פון קאָלעקטיוון אייגנטום. ער האָט גערופן צו פולשטענדיקער גלייכהייט.

כדי צו דערגרייכן די דאָזיקע צילן, האָט ער גערופן אויפצושטעלן

אַ פֿאַראייניקונג פֿון קריסטן. די פֿירשטן און די האַרן וועלן איינגעלאַדן ווערן אַריינצוטרעטן אין אַזאַ פֿאַראייניקונג. אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן, וועט די פֿאַראייניקונג זיין געצוווּנגען זיך צו באַנוצן מיט געווער און צעשטערן זייער הערשאַפֿט. מינצער איז צוגעטראָטן צום שאַפֿן אַזאַ פֿאַראייניקונג. אין גאַנג פֿון זיין פּרעדיקן קעגן גייסטלעכע, האָט זיך געשטאַרקט זיין רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער, און עס האָט העכער געוּמען הילכן זיין רוף זיך אַנטקעגנצושטעלן די פֿירשטן, דעם אַדל, די פּאַטריציער. ער האָט געשילדערט דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים פֿון אונטערדריקונג און האָט אים אַנטקעגנגעשטעלט די וויזיע פֿון אַ טויזנט־יאָריקער מלוכה פֿון געזעלשאַפֿטלעכער, רעפּובליקאַנישער פֿרייהייט. מינצער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט איינע נאָך די אַנדערע, רעוואָלוציאָנערע בראָשורן. ער פֿלעגט שיקן שליחים אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דייטשלאַנד, כדי צו אָרגאַניזירן דעם אויפֿשטאַנד. ער אַליין האָט זיך אויך פֿאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן די פֿאַראייניקונג פֿון פּויערים, פּלעבייער און אַנדערע אַנטי־פֿעאָדאַלע שיכטן אין דער שטאָט עלשטאַדט און סביבה.

אויפֿן גרונט פֿון די אָביעקטיווע באַדינגונגען פֿון אָרעמקייט און פֿאַרשקלאַפֿונג האָט מינצער׳ס לערע, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם אויסגעלאַסענעם לעבנס־שטייגער פֿון די גייסטלעכע, געפֿונען אַן אָפּקלאַנג צווישן אַ סך פּויערים.

איינע פֿון די רעזולטאַטן פֿון זיין אויפֿקלערונג איז געווען דער אָנגריף אויף דער קירך, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פֿון מאַריאַ אין מאַרלבאַך, אין דער נאָענט פֿון דער שטאָט עלשטאַט, און די צעשטערונג פֿון דער דאָזיקער קירך.

די פֿירשטן פֿון זאַקסן זענען אַליין געקומען קיין עלשטאַט, כדי צו דערשטיקן דעם אויפֿשטאַנד. זיי האָבן גערופֿן מינצער׳ן, אַז ער זאָל קומען צו זיי אין פּאַלאַץ. דאָרט האָט מינצער געהאַלטן פֿאַר זיי אַזאַ מין רעדע, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט פֿון לוטערן, אָט דעם „בשר ודם, וועלכער לעבט זיך רואיק אין ווירטענבערג", ווי מינצער האָט אים גערופֿן.

די געזעלשאַפֿטלעכע לערע פֿון מינצער׳ן איז געווען דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזן גלויבן. מינצער האָט געפֿאָדערט צו

דערהרגענען די גרויזאַמע הערשער, וועלכע פאַרגעסן אין גאָט, בעיקר די גייסטלעכע, די מאַנאַכן, וועלכע באַציען זיך צו דער עוואַנגע־ליע אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען געצנדינער. אין זיינע פאָדערונגען האָט מינצער זיך געשטיצט אויפן נייעם טעסטאַמענט.

דער הויפט־קוואַל פון אַזעלכע מעשים, ווי וווכעריי, גניבה און רויב — זענען די פירשטן און די האַרן. זיי נעמען אַלץ פאַר זיך, — פיש פון וואַסער, פויגל פון הימל און געוויקסן פון דער ערד. נאָך דעם אַלעמען קומען זיי פּרעדיקן דעם געבאָט „זאָלסט נישט גנבענען". אָבער זיי אַליין נעמען צו אַלץ, וואָס קומט זיי אין האַנט אַריין, זיי שינדן די הויט פון פויער, פונעם בעל־מלאכה. און ווען דער פויער מאַכט, חלילה, אַ קליינעם טעות, אַפילו זייער אַ קליינעם — איז דער אורטייל אויף אים: אויפהענגען. אויף דעם אַלעמען זאָגט דער „ליגנערישער דאָקטאָר": אָמן!...

די גוטבאַזיצער זענען אַליין שולדיק אין דעם, וואָס דער אָרעמער מענטש ווערט זייער שונא. זיי ווילן ניט אויסוואָרצלען די סיבה פון די בונטן, ווי אַזוי וועט, אויב אַזוי, מיט דער צייט פאַרבעסערט ווערן די לאַגע? ווי גוט וועט טאָן גאָט, דער האַר פון דער וועלט — האָט אויסגערופן מינצער — ווען ער וועט קומען מיט אַן אייזערנעם שטעקן אין האַנט כדי צו צעשמעטערן די אַלטע כלים!

מינצער האָט געגעבן זיין פּריידיק צום דרוקן. דער דרוקער אין עלשטאַדט איז דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן דורך דעם זאַקסישן פירשט יוחנן, וועלכער האָט באַפוילן, אַז מינצער זאָל אַרויסגעטריבן ווערן און פאַראַווען גלות.

אויף מינצערן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דער חוב פון צענזור מצד דער רעגירונג פונעם פירשט אין ווימאַר. ער אַליין האָט זיך אָבער ניט גערעכנט מיט דעם באַפעל און האָט גלייך אָפּגעדרוקט אין דער קייזערלעכער שטאָט מילהאַוזען אַ נייע שריפט, אין וועלכע ער האָט גערופן די פאָלקס־מאַסן אויסצוברייטערן דעם האָריזאָנט, כדי די גאַנצע וועלט זאָל זען און פאַרשטיין ווער עס זענען די וועלכע פאַרשוועכן גאָט'ס נאָמען.

אויף דער ערשטער זייט פונעם בוך „טאָמאַס מינצער מיטן האַמער" האָט ער געשריבן פאָלגנדיקע ווערטער:

„אָט האָב איך אַריינגעגעבן מיינע ווערטער אין דיין מויל, כדי צו צעשמעטערן און צעברעכן, צו בויען און זייען... אַ וווּנדער־באַרער נצחון וועט קומען און די מעכטיקע טיראַנען, וועלכע פאַרגעסן גאָט, וועלן פאַרניכטעט ווערן".

מינצער האָט אָפּגעשאַפט דעם מינהג צו לייענען דעם נייעם טעסטאַמענט אין דער לאַטיינישער שפּראַך. ער האָט איינגעפירט צו לייענען דעם נייעם טעסטאַמענט אין דייטש. אין דער זעלבער צייט פלעגט ער אָרגאַניזירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די פויערים אין די דערפער פון דער אַרומיקער געגנט. פון אַלע זייטן פלעגן קומען צו אים מאַסן פויערים. גאַנץ שנעל איז עלשטאַדט געוואָרן

טאָמאַס מינצער רופט די פויערים צום קאַמף

אַ צענטער פון דער פאָלקס־באַוועגונג קעגן די גייסטלעכע אין דעם גאַנצן ראַיאָן פון טירינגען. מינצער׳ס לערע וועגן אַלגעמיינעם אייגנטום איבער די גיטער האָט אַרויסגערופן ביי די פויערים

גרויס פּאַראינטערעסירונג און באַאיינפלוסט צו שטיצן די באַוועגונג אין זיינע שריפטן האָט מינצער געווידמעט זיינע געדאַנקען דעם „פשוטן מענטשן״. ער האָט באַצייכנט דאָס „פשוטע פאָלק״ אַלס איינציקער טרעגער פון „געטלעכער גערעכטיקייט״.

מינצער האָט אויסגעדריקט זיינע געדאַנקען מיט טיפן פּאַטעטישן פּאַטאָס אין דער ביבלישער שפּראַך.

אין זיין רעדע פאַר די פירשטן האָט מינצער געזאָגט, אַז די אָרעמע מענטשן, די סעקולערע און גלויביקע רייסן אַרויס אַ שטיין פון גרויסן באַרג, אין זייער חלום זעען זיי נבוכדנעצער׳ן און דעם אָנקום פון גאָט׳ס מלוכה אויף דער ערד.

די אָרעמע פאָלקס־שיכטן מיט זייערע אַלע באַגרענעצונגען האָט מינצער געשעצט אַלס דעם געזעלשאַפטלעכן קלאַס, וועלכער איז מסוגל צו דערקענען דעם „אמתן גלויבן״ און אים פאַרווירקלעכן. לויט דער מיינונג פון די, וועלכע האָבן געלעבט אין זיין צייט, איז דער עיקר אין זיין לערע — דער פּרינציפּ פון „געמיינזאַמען אייגנטום אויף די רייכטימער״.

# די צעטיילונג פון דער קירכלעכער ערד
# דורך די פויערים

צווישן די בריוו, וועלכע די פויערים האָבן געשריבן צו מינצער'ן זענען אייניקע אָפּגעהיט געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג. דאָס זענען דאָקומענטן מיט אַ סך אינהאַלט. אַזוי, למשל, איז דער בריוו פון דער געמיינדע עריך, פון דעם פירשטנטום שוואַרצבורג־סאָנדער־האַוזען, פון 11־טן מאַי 1525. דאָס איז אַן ענטפער אויף מינצער'ס בריוו פון 10־טן מאַי. מינצער'ס בריוו האָט זיך ניט איינגעהיט, אָבער זיין אינהאַלט דרינגט אַרויס פון דעם, ווי אַזוי די פויערים רעאַגירן אויף אים. זיי שרייבן צו זייער „קריסטלעכן באַשיצער", אַז זיי האָבן באַקומען זיין בריוו און אים פאַרשטאַנען. זיי מעלדן אים, אַז דאָס קירכלעכע אייגנטום, וואָס איז צו זיי אַריינגעפאַלן איז צעטיילט געוואָרן אויף גלייכע טיילן צווישן די נויטבאַדערפטיקע פון דער געמיינדע. ווייטער גיבן זיי איבער מינצער'ן אַ בריוו וועגן אונטערהאַנדלונגען, וואָס זיי האָבן געפירט מיט גוטבאַזיצער פון דער אַרומיקער געגנט וועגן די פאַשע־פעלדער. זיי האָבן פאַרגעשלאָגן דעם גוטבאַזיצער, אַז אין משך פון אַכט טעג זאָלן זיינע שאָף ניט אַרויסגעפירט ווערן אויף די פעלדער פון דער געמיינדע. די פויערים באַקלאָגן זיך אויף פאַרשיידענע גוטבאַזיצער פון די שכנותדיקע דערפער, אַז זיי דערלויבן ניט די פויערים זיך צו באַנוצן מיט דעם נאָענטן וואַלד, ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי נייטיקן זיך שטאַרק אין בוי־האָלץ ספּעציעל נאָך דער גרויסער שריפה, וועלכע האָט פאַרברענט אַ האַלב דאָרף. אין דעם בריוו בעטן זיי מינצערן, אַז ער זאָל אינטערווענירן אין דעם ענין און זיי העלפן.

די בריוו ווייזן, וואָס פאַר אַ נאָענטע באַציאונגען עס זענען געווען צווישן מינצערן און אַ סך פויערים. אין דעם בריוו־אויסטויש פלעגן די פויערים שטעלן פראַגן פון טאָג־טעגלעכן קאַמף וועגן די רעכט פון דער דאָרפס־געמיינדע זיך צו באַנוצן מיט איר אייגנטום. פון דעם דאָזיקן בריוו־אויסטויש קען מען זיך אויך דערוויסן, אַז

די פויערים האָבן צעטיילט דעם קירכלעכן באָדן צווישן די אָרעמע מענטשן פון דער דאָרפס־געמיינדע.

דער דאָזיקער נייער געזעלשאַפטלעכער פּראָצעס איז פאָרגע־קומען בעת׳ן אָנהאַלטן אַן ענגע פאַרבינדונג מיט מינצער׳ן, וועלכער האָט פאַקטיש פאַרנומען אין טירינגען דאָס אָרט פון אַ פירער און ריכטער. די פויערים האָבן צו מינצער׳ן געהאַט צוטרוי. זיי פלעגן אים אינפאָרמירן מיט אַלע איינצלהייטן וועגן זייערע עקאָ־נאָמישע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

אין זיינע שריפטלעכע ווענדונגען פלעגט מינצער רופן די פאָלקס־מאַסן צו דערוועקן זיך לערנען. ער פלעגט אַרויסטרעטן קעגן די יעניקע געלערנטע, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט, אַז דאָס פאָלק זאָל בלייבן אַנאַלפאַבעטיש, האַלטנדיק, אַז דאָס לערנען וועט שטעלן אין געפאַר די געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע פון די דאָזיקע וויסנשאַפטס־לייט.

„דו, פּשוטער מענטש, דאַרפסט לערנען איינער אַליין, כדי מ׳זאָל דיך ניט אָפּנאַרן״ — האָט געשריבן מינצער.

די קראַפט פון מינצער׳ס געדאַנקען איז געווען אין דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט דאָס פאָלקישע פאַרשטיין, וואָס עס איז אַזוינס די רעפאָרמאַציע, דאָס פאַרשטיין וואָס איז געבונדן מיט דער שטרעבונג צו געזעלשאַפטלעכע, אַנטי־פעאָדאַלע ענדערונגען.

מינצער׳ס געדאַנק, וועגן אַ קריסטלעכער פאַראייניקונג האָט באַדייט די קאָנסאָלידאַציע פון אַלע פאָלקס־שיכטן, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט אין אַ גערעכטער פאַנאַנדערטיילונג פון דעם באָדן־אייגנטום. מינצער האָט אַריינגעבראַכט אין דעם אַלגעמיינעם געדאַנק פון דער רעפאָרמאַציע — אַ פאָלקישן געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט. ער האָט פאַרשטאַנען די רעפאָרמאַציע אינעם זין פון אַ געזעלשאַפטלעכער ענדערונג, וואָס צילט צום אַנולירן דאָס אומגע־רעכטע צואייגענען זיך די געזעלשאַפטלעכע גיטער דורך אַ קליינער גרופּע רייכע גוטבאַזיצער.

אין זיין ווערק וועגן דעם פויערים־אויפשטאַנד אונטערשטרייכט ענגעלס, אַז מינצער׳ס פּאָליטישער פּלאַן דערנענטערט זיך צום געדאַנק פון קאָמוניזם. אַלנפאַלס גרייכט זיין פּלאַן פיל ווייטער פון

דער ראָם פון די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַציאונגען, וועלכע האָבן געהערשט אין זיין צייט.

מינצער האָט פאַרבונדן דעם קאַמף פאַר די פאָדערונגען פון די פויערים־מאַסן מיט דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר אָפּשאַפן די פאַרשיידענע פאַרשקלאַפונגס־פאָרמען פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג. קריטיקירנדיק דעם הערשנדיקן אייגנטומס־סיסטעם, האָט ער געהאַט אין זינען דאָס אייגנטום פון די גרויסע גוטבאַזיצער.

מינצער האָט געהאַלטן, אַז אָן באַפרידיקן די גרונטיקע מאַ־טעריעלע באַדערפענישן פון די פויערים און פון דער שטאָטישער אָרעמקייט, וועט ניט מעגלעך זיין צו דערהויבן זיי צו דעם אינטעלעקטועלן ניוואָ, וועלכער איז נויטיק, כדי צו פאַרווירקלעכן דעם דערהויבענעם געזעלשאַפטלעכן אידעאַל. מינצער פלעגט זאָגן: די רייכע און טיראַנען האָבן זיך צוגעאייגנט אויף אַן אומגערעכטן אופן דאָס אַלגעמיינע רייכטום פון דער וועלט. דורך דעם האָבן זיי דערפירט די פאָלקס־מאַסן, די ווירקלעכע און איינציקע געזעלשאַפט־לעכע טרעגער פון גערעכטיקייט, צו אומאויפהערלעכער זאָרג, צו אַנאַלפאַבעטיזם און נויט. די דאָזיקע רייכע טיראַנען זענען אַ שטערונג אויפן וועג צו דערגיין צו אמתע געבאָטן פון גאָט. מינצער׳ס אויספיר איז, אַז מ׳דאַרף פאַרטרייבן די טיראַנען. די מאַכט דאַרף מען איבערגעבן די פשוטע פאָלק־מאַסן. דאָס פאָלק מוז זיך באַפרייען פון דעם דרוק פון די דאַגות, וואָס שייך די טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן.

דער באַגריף „גאָטס־מלוכה״ האָט, לויט מינצערן, באַדייט אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, ווו עס וועלן ניט זיין קיין קלאַסן־קעגנזאַצן, קיין פּריוואַט־אייגנטום אויף דער ערד און קיין פּאָליטישע דעצידירנדיקע הערשאַפט. די הויפּט־גיטער וועלן זיין געמיינזאַמע און ס׳וועט פאַרווירקלעכט ווערן די גלייכהייט צווישן מענטשן.

דאָס איז געווען אַן עמבריאָנעלע, אין אַ געוויסער מאָס פּרימיטיווע שילדערונג פון דעם גרויסן אידעאַל וועגן גלייכהייט צווישן מענטשן און וועגן אָפּשאַפן די עקספּלאָאַטאַציע.

מינצער איז געווען זייער אַן ענערגישער רעוואָלוציאָנערער פירער, מיט אַ געוויסן שווונג און מיט ברייטע האָריזאָנטן, פאַרשטייט זיך לויט זיין תקופה. אין זיין קורצן און אינטענסיוון לעבן האָט ער

טאָמאַס מינצער האַלט אַ רעדע אויף אַ פּויערים־פאַרזאַמלונג

געמאַכט אַ קאָלאָסאַלע אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונג כדי צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע באַוועגונג און זי אויסברייטערן. ער האָט געשריבן זייער אַ סך בריוו צו פיל מענטשן, געשיקט שליחים אין אַ סך דערפער און אָנגעקניפּט אַ סך פאַרבינדונגען מיט מאַסן פּויערים. זיינע בריוו, די מינדלעכע און שריפטלעכע ווענדונגען און רופן, זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס און גלויבן אין די כוחות פונעם פאָלק.

אויך ביי מינצערן זענען פאָרגעקומען באַשטימטע ענדערונגען. זיי זענען אָבער געווען פולשטענדיק אַנדערע, ווי ביי לוטערן. אין דער צייט פון זיין ערשטער אַקטיווקייט האָט מינצער זיך אויסגעצייכנט אַלס דענקער, מיט אַ רואיקן געדאַנקגאַנג. אָבער מיטן גאַנג פון דער צייט, נאָכן פאַרבינדן זיך מיט די פּויערים־מאַסן און מיט דער אַלגעמיינער אַנטיפעאָדאַלער באַוועגונג, איז ער אויסגעוואַקסן צו אַ וואָרטזאָגער און צענטראַלן פירער פון דער רעוואָלוציע.

ער האָט געגעבן די אידעאָלאָגישע באַגרינדונג וועגן דעם קאָנטראַסט צווישן די קלאַסן, צווישן די הערשער און זייערע אונטער־טאַנען. אין זיין אויפקלערונגס־אַרבעט האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ האַרבער שפּראַך און מיט נאָך שאַרפערע אויסדרוקן ווי פון די נביאים.

זיין קורץ לעבן, דורכגעדרונגען מיט רעוואָלוציאָנערן ברען, האָט זיך געענדיקט בעתן דערדריקן דעם אויפשטאַנד. דעמלט האָט מען מינצערן אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ.

## דער אויפשטאַנדס־פּרווו פונעם אַדל
## קעגן די פירשטן

אין די יאָרן פון דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג האָבן זיך אין איר אויספאָרמירט און פּאָלאַריזירט צוויי צענטערן, וועלכע זענען געוואָרן צוויי צוציונגס־פּונקטן. פון איין זייט — דער אַדל און די בירגער. זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום מאַרטין לוטערן. פון דער אַנדער זייט — די פויערים און די פּלעבייער, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אָפּגעזונדערטע אָפּאָזיציע, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון טאָמאָס מינצער׳ס לערע און טעטיקייט. מאַרטין לוטער און טאָמאָס מינצער האָבן געקעמפט איינער קעגן צווייטן אין זייערע פּובליציסטישע שריפטן, און זייערע רעדעס פּאַראַלעל מיטן קאַמף פון די אַרמייען פון די פירשטן, רייטער און די שטעט מיט די לאַגערן פון די פויערים און פון די פּלעבייער.

אין דער צייט פון טיפער געזעלשאַפטלעכער יוירונג, פאַר דעם גרויסן פויערים־אויפשטאַנד, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו מצד דעם אַדל צו אָרגאַניזירן אַ בונט קעגן די פירשטן.

דעם דייטשן אַדל פון אָנפאַנג פון דעם 16־טן יאָר־הונדערט, האָט געדראָט צו פאַרלירן זיין אומאָפּהענגיקייט לטובת די סעקולערע און קירכלעכע פירשטן, וועלכע זענען געוואָרן אַלץ מער און מער תקיף. די אַדל־לייט, ספּעציעל יענע צווישן זיי, וועלכע זענען דירעקט אונטערגעוואָרפן דעם קייזער, האָבן זיך באַטראַכט אַלס די אויסגעשפּראָכענע פאָרשטייער פון דער קייזערלעכער הערשאַפט.

זיי זענען געווען אומצופרידן מיט דער שווערער לאַגע פון דייטשלאַנד און מיט דער אָנמעכטיקייט פון קייזערטום לגבי דרויסן. די דאָזיקע שוועריקייטן פלעגן זיך פאַרגרעסערן אין דער מאָס, ווי דער קייזערלעכער הויף פלעגט זיך צואייגענען, דורך ירושה, נייע ערד־שטחים. די אַדל־לייט זענען געווען אומצופרידן צוליב די אינטריגעס מצד אויסלענדישע מדינות אין דייטשלאַנד גופא און צוליב די פאַרעטערישע פאַרבינדונגען פון דייטשע פירשטן מיט אויסערלעכע כוחות קעגן קייזערטום.

דער דייטשער אַדל האָט געפאָדערט רעפאָרמען מצד דעם קייזערטום. דער קאַמף פאַר רעפאָרמען איז געווען געווענדעט קעגן די פּריווילעגיעס פון די פירשטן און פון די העכערע גייסטלעכע.

אולריך פאָן הוטען, דער פאָרשטייער פון דער אידעאָלאָגיע פון דייטשן אַדל, האָט צוזאַמען מיט פראַנץ פאָן סיקינגען, וועלכער איז געווען דער פּאָליטישער און מיליטערישער פאָרשטייער פונעם אַדל, געגעבן דעם פּאַקטישן אויסדרוק פאַר די פאָדערונגען דורכצופירן רעפאָרמען.

הוטען האָט אויסגעדריקט די פאָדערונג פון רעפאָרמען אויף אַ ראַדיקאַלן אופן. ער האָט געפאָדערט צו דערווייטערן אַלע פירשטן, איינפירן אַ סעקולאַריזאַציע פון אַלע פירשטנטומס און פון די קירכלעכע גיטער, אויפשטעלן אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן רעזשים און שאַפן אַן אַדעליקע דעמאָקראַטישע מאָנאַרכיע, לויטן מוסטער פון דעם פּוילישן קעניגרייך.

אין דייטשלאַנד האָט ווייטער עקזיסטירט די אָרדנונג פון לייבאייגנטום און די אַדעליקע האָבן געהאַט זייערע קוואַלן פון פעאָדאַלע הכנסות. אין דער מאָס, ווי הוטען האָט זיך געהאַט דערנענטערט צום פאָרמולירן זיינע שטרעבונגען, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון פאַרשיידענע פאָדערונגען און זיין פּלאַן האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַלץ מער און מער נעפּלהאַפט. די אַדעליקע אליין האָבן ניט געקענט פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן ציל. עס איז נייטיק געווען צו געפינען פאַרבינדעטע. אַזעלכע פאַרבינדעטע האָט דער אַדל געקענט געפינען אין די שטעט, צווישן די פּויערים און צווישן דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג.

דער אַדל האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט צו געווינען פאַרבינדעטע פאַר זיין קאַמף קעגן די פירשטן און האָט דערפאַר קיין דערפאָלג ניט געהאַט. די שטעט האָבן זיך באַציגן מיט אומצוטרוי צום אַדל. די פּויערים האָבן געזען אינעם אַדל זייער פיינט, ווייל דער דאָזיקער שיכט פלעגט אַרויספּרעסן פון זיי אַ סך שטייערן, ווייל זיי האָבן געהאַט ספּעציעלע פעאָדאַלע פּרי־ווילעגיעס.

דעם אַדל האָט זיך ניט איינגעגעבן צו געווינען פאַרבינדעטע

צווישן דעם שטאַטישן בירגערטום און די פּויערים, ווייל די עיקרדיקע שטרעבונג פונעם אַדל איז געווען צו פאַרפעסטיקן זיין פּאָזיציע דורך דער אַגראַר־רעפאָרם פון קייזערטום.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט הוטען אין זיינע שריפטן זייער ווייניק גערעדט וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דעם אַדל, די שטעט און די פּויערים.

אין זיין ווערק וועגן דעם פּויערים־אויפשטאַנד פאַרגלייכט פרידריך ענגעלס די שטעלונג פון דעם דייטשן אַדל לגבי די פּויערים אין יענע טעג, מיט אַן ענלעכער שטעלונג פון דעם פּוילישן אַדל לגבי די פּויערים אין דער עפּאָכע פון די פּויערים־בונטן אין פּוילן אין די יאָרן 1846—1830.

אַזוי ווי אין דער אויפשטאַנד־באַוועגונג אין פּוילן, אַזוי אויך איז אין יענע יאָרן אין דייטשלאַנד ניט מעגלעך געווען צו פאַר־ווירקלעכן די צילן פון דער באַוועגונג אָן אַ פאַרבינדונג צווישן די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען, ספּעציעל — צווישן דעם אַדל און די פּויערים.

אָבער אין ביידע פאַלן איז דווקא אַזאַ פאַרבינדונג ניט מעגלעך און ניט רייף געווען. דער אַדל האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז מ׳קען דערגרייכן די אונטערשטיצונג מצד דעם פּויערטום דורך אָפּזאָגן זיך פון פּאָליטישע פּריווילעגיעס און פון די ספּעציעלע פעאָדאַלע רעכט. פון דער צווייטער זייט, האָבן די רעוואָלוציאָנערע פּויערים ניט געקאָנט איינגיין אויף אַ פאַרבינדונג מיט דעם אַדל, מיט דעם קלאַס, וואָס האָט זיי שטאַרק אונטערדריקט בלויז אויפן סמך פון די פאַרנעפּלטע, ניט קלאָר געגעבענע פּערספּעקטיוון.

נאָך דעם, ווי די פירשטן האָט זיך איינגעגעבן אין משך פון העכער צוויי הונדערט יאָר אַרויסצושטויסן דעם אַדל, האָבן זיי אים נאָכן בונט, אָן ספּעציעלע אָנשטרענגונגען, פולשטענדיק צעקלאַפּט.

הוטען און סיקינגען האָבן באַוויזן דעם אַדל פון דער געגנט פון רייך, שוואַביע און פראַנקאָניע, וועמענס פאַרשטייער האָבן אין יאָר 1522 זיך צוזאַמענגעטראָפן אין לאַנדאַו, צו שליסן צווישן זיך אויף 6 יאָר אַ פאַרטיידיקונגס־פּאַקט.

סיקינגען האָט אויף זיין אייגענעם חשבון געשאַפן אַן אַרמיי, טיילווייז אויך בשותפות מיט די שכנותדיקע ריטער. ער האָט

אָרגאַניזירט אַ מאָביליזאַציע־באַוועגונג און האָט געשאַפן אַ צוגאָב־אַרמיי אין פראַנקאַניע, אין דעם אונטערשטן רייך, און אין וועסט־פאַלן. אין סעפטעמבער 1522 האָט ער דערקלערט מלחמה קעגן דעם קורפירשט, דעם ערצבישאָף פון טריער און האָט אָנגעהויבן קעגן אים פיינטלעכע אַקציעס. אָבער אין די טויערן פון טריער איז אָפּגעשניטן געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן אים און דער רעזערוו־אַרמיי צוליב דער פלוצעמדיקער און צעשמעטערנדיקער אַרויסטרעטונגען פון דער פירשטן־אַרמיי. די אַדעליקע האָבן זיך דער־שראָקן פאַר אַ קאָנצענטרירטער אָפענסיווע פון די שלאַכטלייט פון די פירשטן און די אַרמיי פונעם אַדל האָט געליטן אַ מפלה. מיט דעם טויט פון די צוויי פירער, הוטען און סיקינגען, זענען די אַדעליקע אַלס אַ געזעלשאַפטלעכער אומאָפּהענגיקער פון די פירשטן פאַקטאָר, צעקלאַפּט געוואָרן.

פון דער דאָזיקער צייט אָן פלעגט דער דייטשער אַדל זיך באַווייזן אין דינסט פון די פירשטן און אונטער זייער פירערשאַפט. מיטן אויסברוך פונעם פויערים־אויפשטאַנד האָט דער אַדל זיך דירעקט אָדער אומדירעקט, געשטעלט אויף דער זייט פון די פירשטן.

דער דייטשער אַדל האָט בעסער אויסגעקליבן פאַר זיך פאַרצוזעצן די אויסנוצונג פון די פויערים און דערביי בלייבן אונטערגעוואָרפן די פירשטן, איידער צעשטערן די הערשאַפט פון די סעקולערע און קירכ־לעכע פירשטן דורך אַן אָפענער פאַרבינדונג מיט די פויערים, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר די רעכט צו זיין פריי.

## דער רעליגיעזער שטרייט אין וואַלדסהוט
## און דער קאַמף וועגן די קאָמפּעטענצן פון די פירשטן

צוזאַמען מיטן פאַרשפּרייטן זיך פון די פּויערים־בונטן האָבן אין דייטשלאַנד זיך אַנטוויקלט קאַמפן פון אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן, דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, ס'האָבן זיך פאַרטיפט די פּאָליטישע קעגנזאַצן וואָס שייך די אַלגעמיינע קאָמפּעטענצן פון די פירשטן.

אין וואַלדסהוט, אויף צפון פון דער שטאָט ציריך, איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך, וואָס האָט אין אָנהויב געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, אָבער אין זיין אַנטוויקלונג האָט ער זיך שפּעטער אויספאַרמירט אַלס אַן אויסגעשפּראָכענער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער קאַמף.

די איינוווינער פון וואַלדסהוט זענען נישט מסכים געווען צו אַנערקענען די רעכט פון די האַבסבורגער צו באַשטימען דעם אופן פון זייער רעליגיעזן לעבן. זיי האָבן אויסגעדריקט זייער קעגנערשאַפט צום באַצייכענען זייערע רעליגיעזע פּרעדיקער אַלס אומגלויביקע און לוטעראַנער, ניט פאַרשטענדיק דעם גאַנצן ענין. זייער פאַרלאַנג איז געווען אַליין צו אַנטשיידן וועגן דעם, אויפן סמך פון זייער רעכט אַליין צו באַשטימען דעם אופן פון זייער רעליגיעזן לעבן. דאָס איז זיי אָבער נישט דערמעגלעכט געוואָרן.

דער ענטפער, וואָס זיי האָבן באַקומען איז געווען: „דער ווילן פונעם פירשט איז זיין רעכט". לויט די באַגריפן פון דעם פירשט, איז דער פאַקט אַליין פון פאָדערן אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג פונעם ענין, געווען אַן אויסדרוק פון ניט־געהאָרכזאַמקייט.

דער קאָנפליקט אין וואַלדסהוט האָט געהאַט אין זיין יסוד דעם קאַמף פאַר דער גרענעץ פון די קאָמפּעטענצן פון דעם האַבסבורגער פירשט און וועגן די רעכט פון די אונטערטאַנען פונעם פירשט צו פאַרמירן פריי זייער רעליגיעזן לעבן.

די איינוווינער פון וואַלדסהוט האָבן פאַרעפנטלעכט אַ דאָקומענט אונטערן נאָמען „די אַנטשולדיקונג און די אָנקלאַגע פון דער שטאָט

וואַלדסהוט". דער דאָזיקער דאָקומענט ווענדעט זיך צו אַלע גלוביקע קריסטן מיט דער מיינונג, אַז אין געביט פון גלויבן איז נישט מעגלעך אַרויפצוצווינגען די קאָמפּעטענץ פון דער הערשאַפט פונעם פירשט. „מיר זענען צוגעבונדן צו דעם אויטאָריטעט פון די הייליקע שריפטן" — ווערט געזאָגט אין דעם וואַלדסהוטער דאָקומענט.

„אין דער פראַגע פון פאַרשטיין און אינטערפּרעטירן די הייליקע שריפטן איז נויטיק פולשטענדיקע פרייהייט. שרייבן אַן באַגרינדונג, אַז עמיצער איז אַן אפּיקורוס און מ'דאַרף דעריבער אַרויפלייגן אויף אים אַ חרם, באַדייט האַנדלען ענלעך צו דעם, ווי ס'האָבן געהאַנדלט יענע, וועלכע האָבן גערודפט יעזוסן. מ'דאַרף נישט איינפלאַנצן דעם גלויבן מיט דער הילף פון אויסערלעכן כוח. דער גלויבן און דער געדאַנק זענען פריי".

דער דאָזיקער דאָקומענט האָט דרייסט אויסגעדריקט זיין קעגנערשאַפט צו באַצייכענען אַ מענטש אַלס אַפּיקורס נאָר אויפן יסוד פון אינטערפּרעטירן די הייליקע שריפטן אויף אַן אַנדער אופן, ווי דער פירשט.

די וויכטיקייט פון וואַלדסהוטער קאָנפליקט באַשטייט אין דעם, וואָס עס ווערט אַרויסגעבראַכט די פאָדערונג אויף אַ בולטן אופן צו אַנטשיידן צווישן דעם גלויבן און די וועלטלעכע באַציונגען.

די איינוווינער פון וואַלדסהוט האָבן קאַטעגאָריש געפאָדערט נישט צונויפמישן די דיסקוסיע איבער רעליגיעזע ענינים מיט דער פראַגע וועגן געהאָרכזאַמקייט צום הערשער.

ווער עס איז אַן אַפּיקורס און ווער ניט — דאָס קענען אַנטשיידן וויסנשאַפטלייט, אָבער נישט קיין הערשער.

די איינוווינער פון וואַלדסהוט האָבן געפאָדערט: געזעצלעכקייט! דער ענטפער דערויף איז געווען: „אייער געזעץ איז דער פירשט".

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער לאָקאַלער קאָנפליקט וועגן צוטרוי צו די רעליגיעזע פריידיקער אין וואַלדסהוט, וועלכער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָליטישן קאָנפליקט, ווען עס איז געווען די פאָדערונג צום בפירושן באַגרענעצן די קאָמפּעטענצן פונעם פירשט בלויז צו סעקולערע ענינים.

ספּעציעל־וויכטיק איז געוואָרן דער דאָזיקער פּרינציפּיעלער

קאַמף נאָכדעם ווי די וואַלדסהוטער איינוווינער האָבן זיך פאַרבונדן מיט די פויערישע אויפשטענדלער.

די וואַלדסהוטער איינוווינער האָבן זיך באַנוצט מיט דער פּראָ־טעסט־באַוועגונג פון די פויערים אַלס מיטל דורכצופירן פּאָליטישע ענדערונגען אין זייער שטאָט.

נאָכדעם ווי וואַלדסהוט איז געוואָרן אַן אידעאָלאָגישער און אָר־גאַניזאַציאָנעלער צענטער פון דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג, איז דאָ אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פאָדערונג צו דעראָבערן רעכט. פאַר יענער צייט איז דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער פאָדערונג אַ טיף רעוואָלוציאָנערער. די פאָדערונג איז געווען, אַז די סעקולערע מאַכט זאָל ווערן באַגרענעצט נאָר צום געביט פון וועלטלעכע ענינים, נישט אַריינמישנדיק זיך בכלל אין רעליגיעזע פראַגן. די פויערים האָבן גע־שטיצט די דאָזיקע פאָדערונג. זיי האָבן עס אויסגעברייטערט מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע און מאַטעריעלע פאָדערונגען. פון פאַרשיי־דענע, געבליבענע פון יענע טעג בריוו, דרינגט אַרויס, אַז די פאָדע־רונג צו אָנערקענען די רעכט פון די פויערים צום באַפרייען זיך פון דער קערפּערלעכער פאַרשקלאַפונג, איז דעפינירט געוואָרן אַלס אַ „געטלעך רעכט".

די שטאָט ציריך האָט געשטיצט די פאָדערונג פון די וואַלדסהוט־איינוווינער צו פרייידיקן די עוואַנגעליע אויף אַן אומאָפּהענגיקן פון דער רעגירונג אופן. זי האָט אָבער ניט געשטיצט די פאָדערונגען פון די פויערים צו אַנולירן דעם צענטחלק־אָפּצאָל. דאָס ווערט קלאָר פון דעם בריוו־אויסטויש פון סוף יאַנואַר 1525 צווישן דעם ציריכער ראַט און דער קלעטגאַוער געמיינדע.

נאָכדעם ווי דער שטאָטישער ראַט האָט זיך איבערצייגט, אַז די פויערים פון דעם ראַיאָן זאָגן זיך אָפּ צו געבן דעם צענט חלק־אָפּצאָל, האָט ער דערקלערט, אַז דאָס איז ניט אין זיין גייסט. דער ראַט האָט געפאָדערט די רעכט צו באַקומען דעם צענטחלק, צום אָפּגעבן אַ טייל פונעם צענטחלק־אָפּצאָל לטובת די ליידנדיקע, אָרעמע און אַ צווייטן טייל — פאַר איר אייגענעם געברויך.

44 פּאַראַגראַפן פון די קלעטגאַוער פויערים טראָגן אַ ספּעציעלן כאַראַקטער. זיי האָבן דעפינירט זייערע פאָדערונגען אויף אַ קאַטע־גאָרישן אופן. זיי האָבן געפאָדערט אָפּצושאַפן די שווערע באַדינ־

גונגען, וועלכע ס׳איז אוממעגלעך אויסצוהאַלטן. דאָס ספּעציפֿישע אין גייסט און אין אינהאַלט פֿון די קלעטגאַוער פּאַראַגראַפֿן באַשטייט אינעם אונטערשטרייכן, אַז ניט נאָר די נייע אויסדרוקן פֿון פֿעאָדאַלער קנעכטשאַפֿט זענען אין ווידערשפּרוך צום געטלעכן געזעץ און דאַרפֿן אָפּגעשאַפֿט ווערן, נאָר מ׳דאַרף פֿון דאָסניי באַטראַכטן די אַלטע פֿאָרמען פֿון דער פּויערים אונטערדריקונג. מען דאַרף פֿאַראורטיילן אַלץ, וואָס האָט דערפֿירט צו אַ פֿולער פֿאַראָרעמונג פֿון די פּויערים אַלס אַזעלכע, וואָס זענען אין סתירה צום „געטלעכן געזעץ״.

## די שטעלונג פון די שטעט
## לגבי דער פויערים באַוועגונג

די שטעלונג פון די שטעט אין דייטשלאַנד לגבי דער פויערים־באַוועגונג איז געווען איינע פון די שליסל־פראַגן פאַר דער אַנט־וויקלונג פון דער באַוועגונג.

דער פאַקט, וואָס די פויערים־באַוועגונג האָט באַקומען סימפּאַטיע ביי טיילן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, האָט איר דערמעגלעכט זיך צו אַנטוויקלען, צום אויסברייטערן זיך און באַקומען אַ פּאָזיטיוון אָפּקלאַנג.

דער פאַקט אָבער, וואָס אין די אַנטשיידנדיקע טעג פון דעם אויפ־שטאַנד האָט זיך די פויערים נישט איינגעגעבן צו דערגרייכן אַ שטענ־דיקע צוזאַמענאַרבעט מיט די שטעט, איז געווען איינע פון די סיבות וואָס דער אויפשטאַנד איז דורכגעפאַלן.

די לאַגע אין די שטעט גופא איז אין יענער צייט געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע פון שטאַנדפּונקט פון דער געזעלשאַפטלעכער סטרוק־טור און פון די קלאַסן־קאָנטראַסטן, אַזוי ווי זיי האָבן זיך פאַרמירט אין דעם אָנהויב פון 16־טן יאָרהונדערט.

די פויערים פון יענע דערפער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין שטאָטישן געביט זענען געווען אונטערגעוואָרפן די שטעט. אין די שטעט גופא האָט זיך אָבער געפירט אַן אינעווייניקסטער געזעל־שאַפטלעכער קאַמף. בראש פון דער שטאָטישער געזעלשאַפט זענען געשטאַנען פאַטריציער־משפחות.

דאָס זענען געווען די סאַמע רייכסטע פאַמיליעס. די פאַטריציער פלעגן אַליין זיצן אין שטאָט־ראַט און אַלע שטאָטישע ביוראָען. מיטן כח פון זייער טראַדיציאָנעל־אַריסטאָקראַטישער פּאָזיציע, וועל־כע איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קייזער, פלעגן זיי אויסנוצן סיי די שטאָטישע איינוווינער און סיי די פויערים, וועלכע זענען געווען זיי אונטערגעוואָרפן.

די פּאַטריציער זענען געווען וווּכערער — זיי פלעגן באַרגן תבואה און געלט און פלעגן פאַר זיך נעמען דעם מאָנאָפּאָל אין פאַרשיידענע געביטן.

די פּאַטריציער פלעגן אָוועקרויבן ביי דער געמיינדע אירע רעכט צום בשותּפותדיקן באַנוצן די וועלדער און עפנטלעכע פּאַשע־פעלדער, צונעמענדיק עס אויסשליסלעך פאַר זייער פּריוואַטן נוצן. זיי פלעגן ווילקירלעך אַרויפלייגן וועג־שטייערן, בריק־שטייערן און טויער־שטייערן. זיי פלעגן אויך אויפצווינגען צוגאָבלעכע שטייערן. זיי פלעגן האַנדלען מיט די פּריווילעגיעס פון דעם צעכן־פאַריין, מיט די רעכט צו באַקומען האַנטווערקער־קוואַליפיקאַציעס, מיט די רעכט אויף בירגערשאַפט און אַפילו מיט די רעכט צו משפּטן.

די פּאַטריציער פלעגן זיך באַציען צו די פּויערים פונעם שטאָטישן געביט נישט בעסער, ווי די אַדעליקע און די גייסטלעכע. די אָנגעשטעלטע פון די שטעט און דערפער זענען אַלע געווען פון פּאַטריצישן אָפּשטאַם. זיי פלעגן מיט ביוראָקראַטישער פּינקטלעכקייט אויפמאָנען די שטייערן. דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו דער האַרבקייט, צו דער געלט־גייציקייט, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַריסטאָקראַטן. דער דאָזיקער שיכט, וועלכער האָט געהאַט ספּעציעלע פּריווילעגיעס, איז געווען פאַראייניקט דורך משפּחה־קרובהשאַפט און אינטערעסן־פאַרבינדונגען. ער האָט זיך זייער באַרייכערט אויפן חשבון פון די שטאָטישע איינוווינער.

אין אָנהויב פון 16־טן יאָרהונדערט איז די געמיינדע אין אַלע שטעט געווען אין אָפּאָזיציע צו די פּאַטריציער. די דאָזיקע אָפּאָזיציע האָט זיך געטיילט אין צוויי, האָט אָבער זיך קאָנסאָלידירט ספּעציעל בעת דעם פּויערים־אויפשטאַנד. דאָס איז געווען דער בירגער־טייל און דער פּלעבייאישער טייל. די אָפּאָזיציע האָט געפאָדערט דאָס רעכט אויף קאָנטראָל איבער דער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע און די באַטייליקונג אין דעם געזעצגעבערישן אָרגאַן. זיי האָבן געפאָדערט צו מאַכן אַ סוף מיט דעם נעפּאָטיזם פון די פּאַטריציער, דאָס אויסנוצן זייער מאַכט צו געבן שטעלעס די אייגענע משפּחה־מענטשן. זיי האָבן קריטיקירט די אָליגאַרכיע־הערשאַפט פון דעם הייפל רייכע פאַמיליעס.

די בירגערלעכע אָפּאָזיציע פלעגט שאַרף פאַראורטיילן די

גייסטלעכע צוליב זייער לוקסוס־לעבן, פוילקייט און אויסגעלאַסענער פירונג. זי האָט געפאָדערט אָפּצושאַפן דאָס רעכט פון זעלבסט־משפט פון די גייסטלעכע, בטל מאַכן דאָס באַפרייען זיי פון שטייערן און בכלל פאַרקלענערן די צאָל קלויסטער־ברידער.

די פּלעבייאישע אָפּאָזיציע איז באַשטאַנען פון שטאָטישע איינוווי־נער, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין בירגער־רעכט. דאָס זענען געווען לערן־ייִנגלעך פון בעל־מלאכות, לוין־אַרבעטער און לומפּנ־פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט באַוויזן.

אין יענער צייט האָט זיך זייער פאַרמערט די צאָל פאַכלאָזע מענטשן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין סטאַבילן וווינונגס־אָרט צוליב דער פעאָדאַלער טראַדיציע, לויט וועלכער יעדער פאַך איז געווען באַוואָרנט אַלס פּריווילעגיע. דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער שיכט פון פּלעבייער איז באַשטאַנען פון דריי טיילן. איין טייל — דאָס זענען געווען מענטשן, וועלכע פלעגן אין מלחמה־צייטן זיך מאָביליזירן אין פאַרשיידענע אַרמייען. אַ צווייטער טייל פלעגט מיט מי זוכן עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן אין די שטעט אַלס לוין־אַרבעטער, אָדער ביי אַן אַנדער אַרבעט, וואָס איז ניט געווען אונטערגעאָרדנט דעם צעכן־פאַריין. אַ דריטער טייל איז באַשטאַנען פון מענטשן, וועלכע פלעגן וואַנדערן איבערן לאַנד און צונויפנעמען נדבות.

די דאָזיקע דריי טיילן האָבן יעדער אויף זיין אופן פאַרנומען אַ באַשטימט אָרט אין דער צייט פון דעם פּויערים־אויפשטאַנד. דער ערשטער טייל האָט זיך באַטייליקט אין די פירשטן־אַרמייען, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן די פּויערים און זיי באַקעמפט. דער צווייטער טייל האָט אַקטיוו אָנטייל גענומען אין די פּויערים־בונטן. דער דריטער טייל האָט זיך באַטייליקט אינעם קאַמף צווישן די שטאָטישע פאַרטייען.

דער לומפּנפּראָלעטאַריאַט פון יענער תקופה האָט פאַרמאָגט אַ וויכטיקן עלעמענט פון דער געזונטער פּויערים־נאַטור און איז געווען ווייט פון די דעמאָראַליזאַציע, וואָס כאַראַקטעריזירט אין אַ געוויסער מאָס דעם היינטצייטיקן לומפּנפּראָלעטאַריאַט.

די פּלעבייאישע אָפּאָזיציע איז אויף אַזאַ אופן געווען צוזאַמענ־געשטעלט פון גאַנץ פאַרשיידענע עלעמענטן. פון איין זייט, זענען דאָס געווען זייער אָרעמע מיטגלידער פון די צעכן־פאַריינען,

װעלכע זענען נאָך געװען צוגעבונדן צו די פּריװילעגיִעס, צו דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים. פון דער אַנדערער זײט, זענען עס געװען װאַנדערנדיקע פּויערים און אָפּגעזאָגטע באַדינער, װעלכע זענען נאָך ניט געװאָרן קײן פּראָלעטאַריער. די שטעלונג פון די דאָזיקע קרײזן איז געװען ניט קײן סטאַבילע, אַ פאַרשײדנאַרטיקע, לויט די אָרטיקע באַדינגונגען.

ביז דעם פּויערים־אױפשטאַנד איז די פּלעבײאישע אָפּאָזיציע ניט אַרױסגעטראָטן אַלס באַזונדערע פּאַרטײ בעת די פּאָליטישע ראַנגלענישן. אָבער מיט די ערשטע אױפשטאַנדן פון די פּויערים, האָט זיך די דאָזיקע אָפּאָזיציע אַנטװיקלט צו אַ געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר, װעלכער האָט, כמעט אומעטום, געשטיצט די פּויערים־פאָדערונגען.

אין טירינגען — אונטערן דירעקטן אײנפלוס פון טאָמאַס מינצער, און אין געװיסע אַנדערע פּלעצער, אונטערן אײנפלוס פון מינצערס שילער, איז דער דאָזיקער פּלעבײאישער שיכט צוגעשטאַנען צו דעם אַלגעמײנעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף. אַזױ אַרום האָבן די ערשטע פּראָלעטאַרישע שפּראָצונגען דערגרײכט אױף אַ קורצער צײט דעם אײנפלוס אױף די אַנדערע טײלן פון דער פּויערים־באַװעגונג.

אין יענער תקופה, זענען די פּלעבײער געװען דער אײנציקער קלאַס, װעלכער איז אינגאַנצן געשטאַנען מחוץ דער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער קלאַס איז געװען אױסער דער פעאָדאַלער ראַם און אױסער דער בירגערלעכער ראַם. ער איז בכלל געװען באַרױבט פון װאָס פאַראַ ס'איז פּריװילעגיעס און אײגנטום. ער האָט ניט געהאַט קײן אײגנטום, װאָס איז באַלעסטיקט מיט חובות און אומ־דערטרעגלעכע שטײערן, װי דאָס אײגנטום פון די פּויערים און פונעם קלײנבירגערטום. פון אַלע שטאַנדפּונקטן איז דאָס געװען אַ קלאַס אָן אײגנטום און אָן פּריװילעגיעס. װעגן דעם דאָזיקן קלאַס האָט פרידריך ענגעלס געשריבן אין זײן װערק װעגן פּויערים־קריג פון 1525, אַז „ער איז געװען אַ לעבעדיקער עדות פון דער צעפאַלונג פון דער פעאָדאַלער און בירגערלעכער געזעלשאַפט, פון די צעך־פאַרײניקונגען, און צוזאַמען מיט דעם אַן אָנזאָגער פון אַ נײער בור־זשואַזער מאָדערנער געזעלשאַפט".

ענגעלס דערקלערט אין דעם אױבנדערמאָנטן װערק, אַז די

פאַנטאַסטישע וויזיע פון דער צוקונפט, וועלכע מען געפינט ביי טאָמאַס מינצערן און ביי זיין פּאַרטיי, קען מען דערקלערן אויפן יסוד פון די לעבנס־באַדינגונגען פון די פּלעבייער. ווייטער האַלט ענגעלס, אַז פון דער צייט פון גרויסן פּויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד באַווייזט זיך דער לומפּנפּראָלעטאַריאַט אין יעדער גרויסער פאָלקס־אויפטרייסלונג, ביז ער גיסט זיך בהדרגהדיק צונויף מיט דער מאָ־דערנער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג.

אויך צווישן די גייסטלעכע איז געווען אַ פּלעבייאישער טייל. ער איז געווען מחוץ דער פעאָדאַלער היעראַרכיע פון דער קירך. די אָרעמע גייסטלעכע האָבן נישט געהאַט קיין שום חלק אין די גרויסע גיטער פון דער קאַטוילישער קירך. זיי פלעגן באַקומען אַ קליינע הכנסה. די שטיצע, וואָס די קירך האָט זיי געגעבן, איז געווען אַ נישטיק־קליינע.

די דאָזיקע גייסטלעכע זענען געווען זייער נאָענט צום לעבן פון די פּויערים־מאַסן. פון זיי זענען אויך אַרויסגעקומען טעאָרע־טיקער פון דער אַנטי־פעאָדאַלער באַוועגונג. זיי האָבן באַקומען די סימ־פּאַטיע מצד די בירגערלעכע און פּלעבייאישע קרייזן. זיי האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פּויערים־באַוועגונג. אַ סך פון זיי האָבן צוליב זייערע מיינונגען פאַרענדיקט אויפן עשאַפאָט.

די פּויערים־באַוועגונג האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אַ טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין פאַרשיידענע געגנטן פון דייטשלאַנד. די פירשטן פּאַרטיי האָט נאָכגעפאָלגט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט די פאַרבינדונגען, וואָס זענען אָנגעקניפּט גע־וואָרן צווישן די רעוואָלוציאָנערע פּויערים און דעם פּלעבייאישן טייל פון די שטעט.

אין דעם ווערק פון מ. סמירין „די פאָלקס־רעפאָרמאַציע פון טאָמאַס מינצער און דער גרויסער פּויערים־קריג״, איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אַ בריוו־אויסטויש צווישן דעם פירער פון דער פירשטן־פּאַרטיי לעאָניד פאָן עק און די הערצאָגן וועגן דער שטע־לונג פון די שטעט.

עק דריקט אויס דעם פאַרדאַכט, אַז דער רעוואָלוציאָנערער טייל פון די פּויערים איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי פון דער שטאָטישער אָרעמקייט.

לויט דער מיינונג פון דעם פירער פון דער פירשטן־פּאַרטיי, איז די פאַרבינדונג צווישן די פויערים און די שטאָטישע איינוווי־נער — די סאַמע געפערלעכסטע דערשיינונג אין דעם פויערים־אויפשטאַנד. דעם 7־טן מערץ 1525, אין דעם טאָג, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די „קריסטלעכע פאַרייניקונג" אין אויבער־שוואָבן, האָט לעאָנאַרד פאָן עק געשריבן צו זיין הערצאָג, אַז די פויערים־באַוועגונג פאַרשפרייט זיך און ווערט אַלץ מער און מער געפערלעך.

אין אַן אַנדער בריוו שילדערט לעאָנאַרד פאָן עק די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין די שטעט נאָכן באַ־וויזן זיך פון די פויערים־אויפרופן. דאָרט האָט זיך אויספאַרמירט אַ טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געשטיצט די פויערים. דאָס זענען געווען די לוטעראַנער, הויפּטזעכלעך פון צווישן די אָרעמעלייט. אַ צווייטער טייל, ניט קיין לוטעראַנער, אָדער רייכע לוטעראַנער, האָט זיך קעגנגעשטעלט די פאָדערונגען פון די פויערים.

לעאָנאַרד פאָן עק האָט אָנגעשטעלט פאַר דעם „שוואָבישן בונד", דאָס הייסט — פאַר דער פירשטן־פּאַרטיי, די טאַקטיק־פראַגן וועגן באַנוצן זיך מיט דעם בירגערלעכן טייל פון דער רע־פאָרמאַציע צום קאַמף קעגן דער פאָלקס־רעפאָרמאַציע. אין זיין בריוו וועגן דעם דאָזיקן ענין שרייבט ער וועגן זיין גרייטקייט צו מאַכן אַ פשרה מיט יענעם טייל, וואָס איז גענייגט צו דער רעפאָר־מאַציע, כדי צו קעמפן קעגן דער „ברידערלעכער ליבע" פון די פויערים.

די פירשטן־פּאַרטיי, ווי אויך די אַלע וועלכע האָבן זיך באַטיי־ליקט אין „שוואָבישן בונד", האָבן געהאַלטן פאַר אומפאַרמיידלעך די דערנענטערונג פון דעם אַנטי־פעאָדאַלן אויפשטאַנד פון די פויערים און פון אַ טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

דעם 11־טן מערץ 1525 האָט אולריך ארצט, איינער פון די פירער פון שוואָבישן בונד, באַקומען אַ בריוו פון אויגסבורגער ראָט, וועלכער מעלדעט, אַז אין דער שטאָט אויגסבורג איז געקומען אַ פויער אין שליחות פון דער פויערים־אָרגאַניזאַציע מיט אַן אויפ־טראָג זיך צו פאַרבינדן מיט די שפּינער. די אָרגאַניזאַציע פון די

שפּינער האָט פון איר זייט געוואָרט אויף אַ בריוו פון די פּויערים. אין אַ בריוו דערקלערט דער אַוגסבורגער ראָט, אַז ער האָט אינ־פאָרמאַציעס וועגן אייניקע מענטשן פון דער שטאָט, וועלכע באַזוכן אָפט די וועכנטלעכע דאָרפישע מערק און בינדן אָן ענגע קאָנטאַקטן מיט פּויערים. דער אַוגסבורגער ראָט האָט געבעטן אַן אינסטרוקציע ווי אַזוי צו האַנדלען, אויב ער וועט באַקומען פון די פּויערים אַן אָפיציעלע ווענדונג. צוזאַמען מיט דעם לייגט פאָר דער ראָט פון „שוואַבישן בונד" אָנצונעמען מיטלען כדי צו באַרואיקן די פּויערים, זיי צעברעקלען און שפּאַלטן אויף אַ רואיקן, שטילן אופן, כדי אויסצומיידן טומלענישן.

די דאָזיקע פאַקטן זענען באַשיינפּערלעכע באַווייזן פון דעם אומרו, וואָס האָט באַהערשט די פירשטן אין אָנבליק פון דער צו־זאַמענאַרבעט צווישן די פּויערים און די איינוווינער פון די שטעט. דאָס באַווייזט אויך די שטרעבונג פון די פירשטן ניט צו דערלאָזן צו אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן די פּויערים און דער שטאָטישער באַ־פעלקערונג.

# דער צוזאַמענטרעף פֿון די אויבערשלעזישע שטעט

זייער אַ וויכטיק פּראָבלעם איז געווען אויף וועמענס זייט עס וועלן זיך שטעלן די שטעט אין אָנבליק פֿון דעם אויפֿשטאַנד, וואָס האָט געדאַרפֿט אויסברעכן. צווישן דער פֿירשטן־פּאַרטיי און דעם רעוואָלוציאָנערן טייל פֿון דער פּויערים־באַוועגונג האָט זיך געפֿירט אַ פּאָליטישער קאַמף, אַ דירעקטער און אומדירעקטער, אַן אָפֿענער און מאַסקירטער פֿאַר דערגרייכן די שטעט. ווי שווער עס איז געווען דער דאָזיקער קאַמף, האָט זיך אַרויסגעוויזן בעת דעם צוזאַמענטרעף פֿון די שטעט פֿון אויבער־שוואָביען אין מעמינגען און פֿון דעם בריוו־אויסטויש, וועלכער האָט זיך געפֿירט אַרום דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף.

דער צוזאַמענטרעף פֿון די פֿאָרשטייער פֿון די שטעט איז פֿאָרגעקומען דעם 27־טן מערץ 1525. דאָרט איז פֿאָרגעקומען אַ גרינטלעכע באַהאַנדלונג פֿון די פּראָבלעמען פֿון דער פּויערים־באַוועגונג און וואָס פֿאַראַ שטעלונג די שטעט דאַרפֿן האָבן לגבי דער דאָזיקער באַוועגונג. פֿון די דיסקוסיעס אין דעם ערשטן עטאַפּ און פֿון די באַשלוסן איז צו זען, אַז קיין קלאָרע שטעלונג איז ניט געווען. פֿריער איז באַשלאָסן געוואָרן צו מעלדן דער „פֿירשטן־פּאַרטיי", אַז די שטעט פֿון אויבער־דייטשלאַנד זענען באַזאָרגט פֿון די פּויערים־אומרוען און ווילן דעריבער זיך באַנוצן מיט זייער איינפֿלוס, כּדי צו דינען אַלס פֿאַרמיטלער אין די פֿראַגן, וועלכע זענען דער יסוד פֿונעם קאָנפֿליקט צווישן דער פֿירשטן־אָרגאַניזאַציע און די פּויערים. דער דאָזיקער באַשלוס גיט איבער די שטעלונג פֿון די ראַטן אַזוי ווי די פּויערים אַליין זאָלן האָבן אויסגעדריקט דעם ווונטש פֿון אַזאַ פֿאַרמיטלונג.

די וועזנטלעכע דילעמע, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר די שטעט, איז געווען זייער אַ שווערע. די ערשטע מעגלעכקייט איז געווען

זיך אַנטקעגנגעשטעלן דעם „שוואַבישן בונד", צו פאַרלירן די פעאָ־דאַלע פּריווילעגיעס און געבן הילף דער פּויערים־באַוועגונג צוזאַמען מיטן צושטיין צו דער אַלגעמיינער גרויסער אַנטי־פעאָ־דאַלער באַוועגונג.

די צווייטע מעגלעכקייט איז געווען בלייבן געטריי דעם „שוואַ־בישן בונד", אָפּהיטן די פּריווילעגיעס, וועלכע די פירשטן פלעגן געבן די רייכע פאַמיליעס אין די שטעט.

די דיסקוסיעס וועגן דער פאַרבינדונג צווישן שטאָט און דאָרף, וועגן אויסוואַל צווישן דער ערשטער און צווייטער מעג־לעכקייט, האָבן געהאַט אַ פּרינציפּיעלע באַדייטונג. דער ענדגיל־גילטיקער באַשלוס איז אָבער געווען אַ נעגאַטיווער לגבי דער פּויערים־באַוועגונג. די שטעט האָבן געהאַלטן פאַר בילכער אָפּצו־היטן די פּריווילעגיעס אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט און האָבן מורא געהאַט זיי צו פאַרלירן. ניט געקוקט אויף דעם דאָזיקן אָפיציעלן באַשלוס פון די שטאָט־פאַרשטייער, זענען געווען ערטער, ווו ס'איז אָנגעבונדן געוואָרן אַן ענגער קאָנטאַקט צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג און די פּויערים.

די איניציאַטיוו זיך צו פאַרבינדן מיט די שטעט איז געקומען נישט מצד דעם גאַנצן פּויערטום, נאָר מצד זיין רעוואָלוציאָנערן טייל, וועלכער האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם אולמער הסכם און איז פון אָנהייב אָן געווען פאַר געזעלשאַפטלעכע, רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, וועלכע מ'קען ניט דערגרייכן דורך אונטערהאַנדלונ־גען. אין דער צייט, ווען די מעסיקע פירער פון דער פּויערים־באַוועגונג (די „קריסטלעכע פאַראייניקונג") האָבן געזוכט אַ פאַר־בינדונג מיט דער פירשטן־פּאַרטיי (דעם „שוואַבישן בונד"), האָט אַ פּויערים־גרופּע, וואָס האָט געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערע ליניע, געשיקט בריוו צו דעם וועבער־פאַריין אין אַוגסבורג, מיט אַ פאָר־שלאָג אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט, כדי צו העלפן דעם פּויערים־קאַמף.

אין אולם האָבן די וועבער באַקומען אַ קאָפּיע פון די פּויערים־פאָדערונגען.

וועגן דעם גאַנג פון אָנשליסן זיך מצד טיילן פון די שטאָטישע איינוווינער צו דער פּויערים־באַוועגונג, קען מען דרינגען פון דעם בריוו פון אולריך אַרצט פון 17־טן מערץ 1525. דאָרט שרייבט

ער, אַז ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז די מערהייט פֿון דער שטאָט לייפּהיים האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּויערים־באַוועגונג. דערפֿאַר זענען די פּויערים בכּוח געווען איינצונעמען די שטאָט. דער פּויערים־לאַגער, וועלכער האָט זיך צוזאַמענגענומען סוף מערץ 1525 לעבן לייפּהיים, האָט אויסגעפּילט אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע ביים איינשטעלן אַ פֿאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער שטאָט. אין דעם פּויערים־לאַגער איז געווען אַקטיוו דער פּרעדיקער יאַקאָב וועהע, וועלכער איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך טרוכשעס'ן, דעם קאָמענדאַנט פֿון דער פֿירשטן־אַרמיי.

די פֿירער פֿון „שוואַבישן בונד" האָבן געטענהט, אַז די פּויערים האָבן ניט אָפּגעהיט די באַדינגונגען פֿון אולמער וואָפֿן־שטילשטאַנד פֿון 25־טן מערץ. די דאָזיקע מיינונג האָט זיך גע־שטיצט אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער אַקטיווקייט פֿון דעם פּויערים־לאַגער צווישן דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג.

דער פּויערים־לאַגער האָט זיך געווענדעט צו דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג מיט אַ רוף זיך אָנצושליסן צו אים. דער כראָניק־שרייבער ניקלאַס טאָמאַן מערקט אָפּ, אַז די רעוואָלוציאָנערע עלע־מענטן פֿון דער געמיינדע אין דער נאָענטער שטאָט, וועלכע האָבן געקעמפֿט קעגן דעם אַריסטאָקראַטישן ראָט, האָבן אָנגעבונדן קאָנטאַקטן מיט די פּויערים און געגעבן זיי הילף.

# דער הסכם אין שאַפהאַוזען —
# פּרוּוו צו צוימען דעם אויפשטאַנד

דער הסכם אין שאַפהאַוזען אין סעפּטעמבער 1524 שטעלט מיט זיך פאַר אַ פּרוּוו מצד די גוטבאַזיצער צו צוימען דעם פּויערים־אויפשטאַנד דורך אויפצווינגען ווייטער צו צאָלן די פעאָדאַלע חובות ביי געוויסע קליינע, ניט קיין וועזנטלעכע פאַרלייכטערונגען. דער הסכם איז פאָרמולירט געוואָרן אין 39 פּאַראַגראַפן.

13 פּאַראַגראַפן פון דעם הסכם רעגולירן די צוואַנגס־אַרבעט פון די פּויערים (Frontdienst). וואָס שייך אַלע מינים פעלד־אַרבעט איז באַשטימט געוואָרן אַ האַרבער רעזשים פון צוואַנגס־דינסט אין משך פון 7 טעג. דאָס אָפּזאָגן זיך אַרויסצוגיין צו פעלד־אַרבעט איז דערקלערט געוואָרן אַלס זינד, פאַר וועלכע מען מוז באַצאָלן אַ געלט־שטראָף. דער אונטערשייד אין פאַרגלייך מיט דער פאַרגאַנגענהייט איז דאָ באַשטאַנען אין דעם, וואָס ס׳איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס באַשטראָפן דערפאַר מיט אַרעסט. עס איז באַשטימט געוואָרן אַן אָפּרו־איבעררייס פאַר יעדן מענטשן, וועלכער ווערט גענומען אויף צוואַנגס־אַרבעט. אין דעם דאָזיקן הסכם זענען אויך אָנגעמערקט געוואָרן אַנדערע אַרבעטן, וועלכע זענען ניט באַגרענעצט מיט אַ באַשטימטער צאָל טעג.

דער 6־טער פּאַראַגראַף באַשטימט, אַז אַ פּויער, וועלכער האָט אַ וואָגן, איז פאַרפליכטעט, אויב מען פאָדערט עס פון אים, אַריבערצופירן די בהמות צום שטילינגער פּאַלאַץ. די פליכט איז אָבער אַריבערצופירן די בהמות בלויז צום שטילינגער־פּאַלאַץ און ניט ערגעץ ווו ווייטער.

דער 10־טער פּאַראַגראַף פאַרפליכטעט דעם פּויער צו באַאַרבעטן דעם קאָנוווס לויט דער באַדערפעניש פון גוטבאַזיצער אויך מער ווי אין אַ באַשטימטער צאָל טעג. דער דאָזיקער פּאַראַגראַף, פּונקט ווי דער פריערדיקער, פאַרמאָגט אויך אַ באַוואָרעניש קעגן אויסברייטערן די אַרבעט און קעגן באַשווערן מיט איר איבער די כוחות פון

פויער. ווייטערדיקע פאַרפליכטנדיקע אַרבעטן זענען געווען אַנגעצייכנט געוואָרן אין די פּאַראַגראַפן 5, 7, 12, 13 און 19.

די פּאָליטיק פון דער „הערן־פּאַרטיי" — די פּאַרטיי פון די גוטבאַזיצער — האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט „קליינע" פראַגן. זי איז געווען הויפּטזעכלעך באַשעפטיקט מיט דעם הויפּט־ענין, ווי אַזוי פּרווון אָפּצוהאַלטן דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געפאַר פאַר די יסודות פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג.

די פּאַרטיי פון די גוטבאַזיצער (Herrenpartei) האָט דערזען שוין אין דעם ערשטן עטאַפּ פון דעם אויפשטאַנד אין 1524, אין די ראַיאָנען פון פאָדערשטן עסטרייך, אַז די פאַרבינדונגען פון די פויערים מיט דעם רעוואָלוציאָנערן טייל, וועלכער שטרעבט צו געבן דער לאָקאַלער באַוועגונג אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, שטעלט אין געפאַר זייער סאָציאַלע פּאָזיציע, זייער מאַכט.

דערפאַר איז דער ציל פונעם הסכם, וועלכער איז געשלאָסן געוואָרן דעם 10־טן סעפּטעמבער 1524 אין שאַפהאַוזען, געווען אָפּצוהאַלטן דעם איינפלוס פון דער ראַדיקאַלער ריכטונג אין דער רעפאָרמאַציע, לכל הפחות זי איזאָלירן פון די פויערים.

גלייך אויף צוזאַמענגנס אָבער, נאָכן שליסן דעם הסכם, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז טייל פויערים שטעלן זיך אים אַנטקעגן. גראַף ווילהעלם פאָן לופען און אַנדערע פאָרשטייער פון דעם אַדל האָבן געמאָלדן דעם גראַף זיגיסמונד וועגן זייער איינדרוק, אַז די פויערים גרייטן זיך, זאַמלען זייערע כוחות צום קאַמף און זעען אין די אונטערהאַנדלונגען בלויז אַ מיטל צו געווינען צייט. עס איז געווען קלאָר, אַז אַ טייל פויערים איז ניט מסכים צו דער פאָרגעשלאָגענער קאַפּיטולאַציע דורך איבערגעבן דאָס געווער און די פענער. דער גראַף פאָן לופען און דער ראַט האָבן אין דער פויערים־פאָדערונג צו בלייבן ביי זייער אָרגאַניזאַציע, ביי דער פאָן און ביים געווער געזען פאַר זיך אַ גרויס געפאַר.

דעם 16־טן סעפּטעמבער 1524 האָט דער אינסברוקער ראַט באַקומען אַן אינפאָרמאַציע, אַז צווישן די פויערים פילט זיך אַ קעגנערשאַפט צום הסכם, טראָץ דעם, וואָס די צאָל קעגנער איז אַ באַגרענעצטע.

דער שאַפהאַוזען־הסכם איז געווען איינער פון די פּרווון פון

**די גוטבאַזיצער צו שליסן** לאָקאלע קאָנטראַקטן מיט פאַרשיידענע טײלן פונעם פויערטום, כדי צו דערפירן צום צעשפליטערן און צעשפאַלטן זייערע כוחות אין פאַרשיידענע ראַיאָנען, כדי צו קענען ווייטער פאָרזעצן דעם פעאָדאַלן יאָך. **די דאָזיקע פּרוּוון פון די גוטבאַזיצער האָבן זיך ניט איינגעגעבן אָפּצוהאַלטן די דינאַמישע אַנטוויקלונג פון דער אויפשטאַנד־באַוועגונג פון די פויערים.**

## דער וווקס פון דער ניט־געהאָרכזאַמקייט צווישן די פויערים

איינע פון די כאַראַקטעריסטישע דערשיינונגען, וועלכע איז אָנגעוואַקסן נאָך פאַר דעם גרויסן אויפשטאַנד, איז געווען די פאַרשפרייטונג פון דער ניט־געהאָרכזאַמקייט פון די פויערים לגבי די גוטבאַזיצער און דאָס אָפּזאָגן זיך אויסצופילן די פליכטן לגבי די פעאָדאַלן.

די דאָזיקע דערשיינונג האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען צווישן די פויערים ביים סוף פון יאָר 1524 און האָט געדויערט אויך אין אָנהייב פון 1525־טן יאָר. אַזוי, למשל, האָט דער שטאָטישער ראָט פון אינסברוק באַקומען דעם 30־טן נאָוועמבער 1524 יאָר, אַ ידיעה פונעם קלויסטער סענט בואַזיען וועגן אַ קאָנפליקט צווישן קלויסטער־ברידער און זיינע אונטערטעניקע. די פויערים האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן ניט אויספילן די פליכטן און ניט מסכים זיין צו פיזישער פאַרשקלאַפונג, זיי וועלן זיך אָפּזאָגן צו צאָלן דעם גוטבאַזיצער דעם אָפּצאָל, וואָס ער פלעגט פאָדערן נאָכן טויט פון אַ פויער א.א.וו.

לויט דעם, וואָס עס האָט דערציילט דער הויפּט־אָנפירער פונעם קלויסטער, וועלכער האָט געהאַלטן די דאָקומענטן און דעם שטעמפּל, האָבן אים די פויערים געמאָלדן סוף יאָר 1524, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ אויסצופילן די פליכטן. זיי האָבן פאַרגעלייגט אויסצופאָרשן ביים נאָטאַר פון וואַלדסהוט די פעאָדאַלע דאָקומענטן פון דעם הויפּט־אָנפירער פונעם קלויסטער און האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו זיין געהאָרכזאַם לגבי זיין יורידישער קאָמפּעטענץ. זיי האָבן זיך אויך אָפּגעזאָגט צו קומען אויף דער זיצונג פון געריכט, וועלכן ער האָט צונויפגערופן. די פויערים, די אונטערטאַנען פון דעם קלויסטער סענט בואַזיען, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו טאָן די פעאָדאַלע דינסט־אַרבעט, זיי האָבן ניט אָנערקענט די פעאָדאַלע דאָקומענטן און

דאָס רעכט פֿונעם קלויסטער־אָנפֿירער אויסצופֿירן די ראָל פֿון אַ ריכטער.

די אויפֿקלערונג פֿון דער פֿאָלקישער ריכטונג אין דער רעפֿאָר־מאַציע איז געגאַנגען ניט בלויז אין דער ריכטונג פֿון אינטערפּרע־טירן אויף אַ נייעם אופֿן דעם געטלעכן געזעץ, נאָר אויך אין דער ריכטונג פֿון רופֿן צום קאַמף צו פֿאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן געזעץ.

אין אָנהייב פֿונעם יאָר 1525 האָבן זיך באַוויזן ווייטערדיקע סימנים פֿון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. קודם־כּל איז עס געווען דער אָפֿענער און דעמאָנסטראַטיווער אָפּזאָג פֿון די פּויערים צו טאָן צוואַנגס־אַרבעט. די פּויערים פֿון שטאָקאַך־ראַיאָן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן ווייטער פֿאַרשיידענע אָפּצאָלן און טאָן צוואַנגס־אַרבעט. דעם אָפּזאָג אויסצופֿילן די פֿליכטן לטובֿת די גוטבאַזיצער האָבן זיי מאָטיווירט דערמיט, וואָס די צייט האָט זיך געענדערט און דערפֿאַר ווילן זיי ניט ליידן מער פֿון קיין אונטערדריקונג, פֿון צוואַנגס־אַרבעט. די פֿאָרשטייער פֿון דער פֿירשטן־אָרגאַניזאַציע „שוואַבישער בונד‟ אין אולם, האָבן באַקומען וועגן דעם אַן אָנקלאַגע מצד די עסטרייכישע פֿאָרשטייער קעגן די פּויערים פֿון שטאָקאַך. די עסטרייכישע פֿאָרשטייער האָבן געמאָלדן דעם „שוואַבישן בונד‟, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ געפֿאַר פֿון אויפֿשטאַנד אין פֿירשטענטום נעלענבורג, אין ווילינגען ראַיאָן, אין העגאַו, שוואַרצוואַלד און סענט בּלאַזיען. דערפֿאַר האָבן זיי געפֿאָדערט פֿון די פֿירשטן אָפּצורופֿן די אַרמיי, וואָס האָט זיך געפֿונען מיטן קייזער אין איטאַליע.

## די רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען
## פון די בערגטאַלער פויערים

דער ערשטער בלוטיקער צוזאַמענשטויס צווישן די פויערים און די גוטבאַזיצער איז פאָרגעקומען דעם 13־טן דעצעמבער 1524־טן יאָר אין בערגטאַל, לעבן דאַנאַושינגען. דער צוזאַמענשטויס איז געווען אַן אויסדרוק פון דער פאַרשטאַרקונג פון דער ראַדיקאַלער ווירקונג צווישן די פויערים. די פאָדערונגען פון די בערגטאַלער פויערים זענען דעם 18־טן נאָוועמבער 1524־טן יאָר פאַרגעשטעלט געוואָרן דעם ראָט פון ווילינגען אין 16 פּאַראַגראַפן. דאָס ספּעציפישע אין זיי איז געווען, וואָס זיי האָבן ניט געגעבן קיין גרונט פאַר פשרה־מאַכעריי, פאָדערנדיק קאַטעגאָריש צו אַנולירן אַלע פעאָדאַלע פליכטן.

דער ערשטער פּאַראַגראַף פאָדערט, אַז די יאָגד און די טייכן זאָלן זיין פריי פאַר אַלעמענס באַנוץ.

דער 5־טער פּאַראַגראַף פאָדערט אָפּצושאַפן אַלע צוואַנגס־אַרבעטן, וועלכע ווערן באַשטימט פאַרן באַנוצן די פעלדער. אַנדערע פּאַראַגראַפן פאָדערן קאַטעגאָריש צו אַנולירן די צוואַנגס־אַרבעט, די אָפּצאָלן, די שטראָפן און די שטייערן.

זיי פאָדערן אויך דאָס רעכט צו טראָגן געווער, צו קומען אויף די מערק און זיך פאַרנעמען מיט יעדן פאַך. די פאָדערונגען פון די בערגטאַלער פויערים טיילן זיך אויס מיט דעם קאַטעגאָרישן אופן, ווי אַזוי זיי זענען פאָרמולירט געוואָרן און מיט דעם פלאַמיקן גלויבן, אַז זיי זענען גערעכט.

דער דערפאָלג פון דער רעוואָלוציאָנערער גרופּע פון די בערג־טאַלער פויערים, אין ראַיאָן פון אויבערשטן עסטרייך, איז ניט געווען קיין צופעליקער. דער פּראָצעס פון ראַדיקאַליזירן די טאַקטיק פון די פויערישע אויפשטענדלער און דער דורכפאַל פון די פּרוּוון מצד די פירשטן אָפּצושטעלן און ניט דערלאָזן צום פאַרשפּרייטן זיך פון די אומרוען, האָבן געהאַט זייער אַ ברייטן איינפלוס.

די פויערים־באַוועגונג איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן אַ דאַנק אַ

ריי אינעווייניקסטע פאַקטאָרן. ערשטנס, איז פאָרגעקומען אַן איבער־גאַנג פון קאָנקרעטע, ספּעציפישע לאָקאַלע פאָדערונגען אין פאַר־שידענע ראַיאָנען צו אַ ל ג ע מ י י נ ע פאָדערונגען פון דעם פויערטום, וועלכע זענען באַגרינדעט געוואָרן אויף אַן אַלגעמיינעם און פיל מער אַנטשלאָסענעם אופן. צווייטנס, האָט די פאָדערונג צו פאַרווירקלעכן דעם „געטלעכן געבאָט" שפּעטער באַקומען אַ בריי־טערע באַדייטונג, ווי אין דער צייט פון „בונד־שו". אונטערן איינפלוס פון דער רעפאָרמאַציע, האָט די דאָזיקע פאָדערונג גענומען אויסדריקן נייע פּראָגרעסיווע געדאַנקען, וואָס שייך די געזעלשאַפטלעכע באַ־ציאונגען.

די פויערים, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען צו די גוטבאַזיצער, האָבן אויפגענומען די רעפאָרמאַציע ניט בלויז אַלס פּראָטעסט קעגן דער הערשאַפט פון פויפּסט, נאָר אויך אַלס טיף־געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

אויף דעם דאָזיקן יסוד איז מעגלעך געוואָרן, אַז די פויערים זאָלן אַרויסקומען מיט פאָדערונגען, ניט בלויז צו מאַכן אַ סוף צו אַ קאָנקרעטער עוולה אין געגעבענעם מאָמענט, נאָר עס זאָלן אויך ליקווידירט ווערן איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציעס. אין אַזעלכע פאָרמולירטע פאַראַגראַפן האָט זיך געפילט דער גרונטיקער מאָטיוו פון דעם „פאַראַגראַפן־בריוו", וועלכער פאַראורטיילט שאַרף די עקזיסטירנדיקע עוולות היות ווי „מ'קען זיי ניט אויסהאַלטן" — דאַרף מען „זיך באַפרייען" פון זיי.

די פויערים־באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט, האָט אַרומגענומען אַלץ ברייטערע שיכטן און איז געוואָרן מער פאַרשיידנאַרטיק. דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף קעגן דעם שווערן פעאָדאַלן יאָך איז דורך פאַרשיידענע טיילן פונעם פויערטום פאַרשטאַנען געוואָרן אויף אַ פאַרשיידענעם אופן. איין טייל האָט געהאַלטן, אַז מ'דאַרף די באַגריפן פון דער רעפאָרמאַציע אָנווענדן אויך אויפן געביט פון די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. פאַר אַן אַנדערן טייל איז עס געווען בלויז אַן אויסדרוק פון רעליגיעז־פּאָליטישן ראַדיקאַליזם. צווישן די פאַרשיידענע גרופּן איז ניט געווען, ניט קיין אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע און ניט קיין אידעאישע איינהייט. צום סוף פונעם יאָר 1524 איז צווישן די פויערים געוואַקסן די צאָל מענטשן, וועלכע זענען געפאָרן פון דאַרף צו דאָרף און געפּרײדיקט דעם געדאַנק פון

קאַמף קעגן דעם שווערן יאָך, קעגן דער פאַרשקלאַפונג. די פויערים פלעגן זיך צוהערן צו דער דאָזיקער אויפקלערונג. לויט דער אָפּשאַצונג פון ווילהעלם צימערמאַן און פרידריך ענגעלס, איז צווישן דער דאָזיקער אויפקלערונג און לוטער׳ס לערע געווען זייער אַ שוואַכע פאַרבינדונג. די אויפקלערונג האָט זיך אָבער יאָ דער־נעטערט צו מינצער׳ס לערע. ניט געקוקט דערויף, וואָס עס איז געווען אַ קליינער צוזאַמענהאַנג צווישן די רייד פון די אויפקלערער און די רעדעס פון לוטערן, איז אָבער אין יענער צייט געווען אָנגענומען אָנצורופן „לוטעראַניש" אַלץ, וואָס עס האָט זיך דערווייטערט פון דעם אַלטן אופן פון דענקען.

פון דער אַנטוויקלונג פון דעם אויפשטאַנד אין בערגטאַל ביים סוף פון יאָר 1524, קען מען לערנען, אַז די רעוואָלוציאָנערע פויערים־פירער האָבן אויסגעברייטערט די ראַמען פונעם קאַמף ווייט מחוץ דעם לאָקאַלן געביט.

נאָכן צוזאַמענטרעפן און דערנענטערן זיך פון די פויערים פון די נאָענטע ראַיאָנען, אונטער דער לאָזונג פון פאַרווירקלעכן „גאָטס געבאָט", איז אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן דער נויטיקייט פון אַ קריסטלעכער פאַראייניקונג פון אַלע אונטערטאַנען קעגן די גוטבאַזיצער, קעגן די האַרן.

די מיינונג פון אַרכיהערצאָג פערדינאַנד איז געווען, אַז עס אַנטוויקלט זיך און קאָנסאָלידירט זיך אַ פויערים־באַוועגונג פון העגאַו און שוואַרצוואַלד מיט דער באַוועגונג אין שוואַביע, אַ באַ־וועגונג וואָס זאָגט זיך אָפּ צו זיין געהאָרכזאַם צו די גוטבאַזיצער.

די הערשער האָבן אין איין און דער זעלבער צייט אָנגעווענדט צוויי מעטאָדן: פון איין זייט האָבן זיי געפּרוווט איבערצייגן די פויערים, אַז זיי זאָלן מסכים זיין צו גיין אויף אונטערהאַנדלונגען און פשרות, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אָנגענומען גוואַלד־מיטלען קעגן די פויערים פון העגאַו, וועלכע זענען געווען קעגן קאָמפּראָמיסן.

# די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין מילהאַוזען

אין דער שטאָט מילהאַוזען, וועלכע געפינט זיך אין טירינגען, איז ערב דעם גרויסן פּויערים־אויפשטאַנד פאָרגעקומען אין דעם דאָרטיקן פּאָליטישן רעזשים אַ דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע. דעם 26־טן סעפּטעמבער פונעם יאָר 1524 האָט סיטיך פאָן בערלעפּטש איבערגעגעבן אַ באַריכט דעם הערצאָג געאָרג וועגן דער פיינטלעכער טעטיקייט לגבי דער קירך, וואָס האָט אַן אָרט אין מילהאַוזען. ער האָט דאָרט דערציילט וועגן דער באַוועגונג, וואָס רופט ניט צו פאָלגן די טראַדיציאָנעלע הערשער, ניט צאָלן קיין שטייערן, קיין רענטע א.ד.גל. ער האָט איבערגעגעבן, אַז דער בירגערמייסטער און מער פון צען ראַטמענער זענען אַנטלאָפן פון מילהאַוזען צו לאַנגסאַלצאַ און די געמיינדע האָט באַשלאָסן צו וויילן אַ נייעם ראָט. בערלעפּטש האָט רעזומירנדיק דערקלערט, אַז די אַנטי־קירכלעכע אַנטוויקלונג אין מילהאַוזען איז פּאַקטיש געווענדעט קעגן דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער פּאָליטישער אָרדנונג.

לוטער האָט געשיקט קיין מילהאַוזען אַ ספּעציעלן פּריידיקער. זיין אויפגאַבע איז געווען אַרויסצוטרעטן קעגן מינצערן און פּרווון אָפּהאַלטן, האַמעווען די אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־באַוועגונג.

דער דעמאָקראַטישער פּלאַן פון נייעם רעזשים אין מילהאַוזען איז צוגעגרייט געוואָרן דורך מינצערן צוזאַמען מיט פּפייפערן. דער פּלאַן האָט געהאַט 11 פּרינציפּן. דאָרט ווערט געזאָגט, אַז לויט דעם באַשלוס פון די געמיינדעס אין אייניקע ראַיאָנען, פון די האַנטווערקער, דאַרף מען שאַפן אַ שטאָט־פּאַרוואַלטונג לויט גאָט'ס געבאָט. יעדער פּאַראַגראַף איז באַגרינדעט דורך אַן אויסצוג פון די הייליקע שריפטן.

דער פּלאַן האָט געצילט אויפצושטעלן אַ שטענדיקע און עפעקטיווע קאָנטראָל פון דער געמיינדע איבער די רעגירונגס־אינסטיטוציעס, ספּעציעל איבער דעם ראָט; פאַרשטאַרקן דעם גערעכטיקייטס־פּרינציפּ און דעם געמיינזאַמען נוצן; ניט דערלאָזן

וועלכע עס איז מעגלעכקייט פון באַנוצן זיך מיט געוואַלט לטובת וועלכן ניט איז פּריוואַטן ציל.

„גאָטס געבאָט" דאַרף דינען אַלס גאַראַנטיע צום אָפּשאַפן די אונטערשיידן, וועלכע שטאַמען פון רייכטום, פון יחוס א.ד.גל. די רעגירונג דאַרף זיך באַציען גלייך לגבי אָרעמע ווי לגבי רייכע (דער צווייטער פּאַראַגראַף). די רעגירונג דאַרף זיך ריכטן מיט מאָטיוון פון אַלגעמיינעם נוצן, ווייל נאָר אין דער שטרעבונג לטובת הכלל באַווייזט זיך „גאָט'ס ווילן".

די פאַרטיידיקונג פון פּריוואַטן אינטערעס, אין פאַל ווען ער איז אין קעגנזאַץ צום אַלגעמיינעם אינטערעס, ווערט אין 7־טן פּאַראַגראַף באַצייכנט אַלס „געפעלשטער פאַרנונפט" און „גראָב־מאַטעריעלע שטרעבונגען".

די מאַכט דאַרף איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון אַזעלכע מענטשן, וועלכע ריכטן זיך ניט מיט דעם אייגענעם נוצן. דעריבער טאַקע פאָדערט דער ערשטער פּאַראַגראַף אָראָפּצוזעצן דעם פריער־דיקן ראַט. די אַרגומענטאַציע איז דערביי, אַז די „שולדיקע קענען ניט זיין קיין ריכטער". פון דעם 9־טן פּאַראַגראַף דרינגט אַרויס, אַז דאָס אַראָפּזעצן די פריערדיקע מאַכט איז נוצלעך נאָר דעמלט, ווען זי ברענגט צום בעסערן באַנוצן זיך מיט דעם פּרינציפּ פון אַלגעמיינעם נוצן און פון גערעכטיקייט. לויט דעם דאָזיקן פּלאַן איז ניט גענוג אָפיציעל איבערצוגעבן די מאַכט אין די הענט פון אַ געוויסער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע. ס'איז אויך נויטיק, אַז די נייע מאַכט זאָל זיין אַ גערעכטע און זאָל מיט זיך פאָרשטעלן די אינטערעסן פון דעם כלל. די פאָדערונג, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַן אָביעקטיווע גאַראַנטיע דערפאַר, אַז די נייע מאַכט וועט אויספילן איר מיסיע, האָט געהאַט אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע באַדייטונג. דאָס איז אַן אויסדרוק פונעם וויכטיקן, טיף־גרייכנדיקן געדאַנק, וועלכער פאַרמאָגט אַ מאָראַלישן, באַגייסטערנדיקן אינהאַלט.

אייניקע פּאַראַגראַפן גיבן אַ ביישפּיל פון אַזעלכע גאַראַנטיעס. דער ראַט קען צו יעדער צייט אַראָפּגעזעצט ווערן. דער צייט־דויער פון זיין טעטיקייט ווערט ניט פון פאָרויס באַשטימט. אַנדערש, וועלן די ראַטמענער מיינען, אַז זיי האָבן רעכט זיך גרויס צו האַלטן. אין דעם דאָקומענט ווערט דעפינירט דער באַגריף „מענטשלעך" אַלס אַן עגאָיסטישע טעטיקייט, וואָס שעדיקט די אַלגעמיינע אינטערעסן.

דער באַגריף „געטלעך" ווערט אָבער דעפינירט אַלס פּרינציפּ פון אַלגעמיינעם אינטערעס און אַלגעמיינעם נוצן, אין קעגנזאַץ צו די עגאָיסטישע, גראָב-מאַטעריאַליסטישע שטרעבונגען.

דער 8-טער פּאַראַגראַף אַנטשפּרעכט דעם גייסט פון מינצער׳ס לערע. לויט דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף ווערט דאָס גאַנצע פאָלק גערופן צום קאַמף קעגן די מענטשן, וועלכע באַנוצן זיך מיט דער מאַכט ניט לטובת דער געזעלשאַפט.

עס איז וויכטיק אָפּצומערקן דעם פאַקט, וואָס מינצער ווענדט זיך צום פאָלק מיט דער הילף פונעם געדרוקטן וואָרט. ער שטרעבט צוצוציִען דאָס פאָלק צום פּאָליטישן קאַמף. דער פּלאַן וואָס צילט צו פאַרזיכערן דעם נצחון איבערן בייז, וועלכער האָט אויסגעזען אין יענער תקופה ווי אַ פאַנטאַזיע, גיט אַ באַגריף וועגן דער שטעלונג פון די אויפשטענדלער אין מילהאַוזען און גאָר באַזונדערס וועגן דעם אַלגעמיינעם פאָלקס-כאַראַקטער, וועלכן מינצער האָט געשטרעבט צו געבן דער באַוועגונג.

די רעוואָלוציאָנערע גרופּע פון מילהאַוזען האָט באַטראַכט די אַרטיקע באַוועגונג קעגן דעם אַלטן ראַט אַלס טייל פון דער אַלגעמיינער פאָלקס-באַוועגונג פאַר אַ דעמאָקראַטישער ענדערונג. דער איינפלוס פון מינצער׳ס פּאַרטיי צווישן די אָרעמע שיכטן פון די שטעט און דערפאַר אַרום מילהאַוזען איז געוואַקסן. אין זיין אויפקלער-אַרבעט פלעגט מינצער זיך באַמיען צו באַווייזן די אינטערעסן-געמיינשאַפט פון די פאָלקס-מאַסן פון דאָרף און שטאָט.

דער לאַנדגראַף פיליפּ פלעגט פאַרפאָלגן די באַוועגונג פון די מילהאַוזער איינוווינער. ער האָט דעם 27-טן סעפּטעמבער 1524 אַרויסגעטריבן מינצערן און פּפייפערן פון דער שטאָט. אָבער מינצער איז צוריק געקומען קיין מילהאַוזען, אין פעברואַר 1525. די געזעל-שאַפטלעכע טעטיקייט פון זיין פּאַרטיי איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר פאַרקערט, זי איז פאַרשטאַרקט געוואָרן. די געשעענישן האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער אַלטער ראַט איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן און ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער, וועלכער האָט זיך אָנגערופן: „דער עוויגער ראַט". אינעם באַריכט פון סיטיך פאָן בערלעפּטש צום הערצאָג געאָרג ווערט געזאָגט, אַז מינצער האָט אַ גרויסע ווירקונג אויפן „עוויגן ראַט" פון מילהאַוזען. די אויפשטענד-לער האָבן אַ סך אָנהענגער אין דער שטאָט און זיי זענען פאַרבונדן

מיט די פויערים פון דעם ווייטן שוואַרצוואַלד. מילהאַוזען האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די שטעט און דערפער פון צענטראַלן טייל פון דייטשלאַנד.

די באַראַטונג פון די לאַנדגראַפן, נאָך די ערשטע מפלות, וואָס די פויערים האָבן געליטן פון „שוואַבישן בונד", איז געקומען צום אויספיר וועגן דער נויטיקייט צו באַזיגן די שטאָט, ווייל „מילהאַוזען איז אַ באַזע און אַ קוואַל פונעם גאַנצן צאָרן".

מילהאַוזען איז פאַקטיש געווען אַ מדינה־שטאָט, אַ רעפּובליקאַנישע, מיט אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע און האָט געוויילט דורך אַלגעמיינע וואַלן אַ סענאַט, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון פאָרום. (פאָרום — איז געווען דער נאָמען פון פלאַץ אין רוים, ווו ס'פלעגן זיך צונויפטרעפן אירע בירגער. בעת די דאָזיקע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פלעגן זיי באַהאַנדלען די ענינים פון דער מדינה). די אויפזיכט פונעם פאָרום האָט באַדייט: די אויפזיכט פונעם פאָלק.

אין מילהאַוזען איז אויף גיך אַנטשטאַנען אַ צייטווייליקע אָרגאַניזאַציע צום שאַפן פרנסה פאַר די אָרעמעלייט און דאָס סאַמע וויכטיקסטע — עסנוואַרג. פאַקטיש איז אין דער דאָזיקער שטאָט פאָרגעקומען אַ געזעלשאַפטלעכע רעוואָלוציע, וועלכע איז באַטראַכט געוואָרן דורך דער פראָטעסטאַנטישער בורזשואַזיע פון מינצערס דור אַלס געפערלעכע געשעעניש. די דאָזיקע רעוואָלוציע איז געווען אַ מין פרווו אויפצושטעלן אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט, אַזוי ווי אין דער שפּעטערדיקער צייט. מינצער אַליין האָט געפילט, ווי גרויס ס'איז דער אָפּגרונט צווישן זיין לערע און דערווירקלעכקייט. זיינע געזעלשאַפטלעכע באַטראַכטונגען זענען געווען אַן אומקלאָרע, פאַרנעפּלטע אָפּשפּיגלונג פון די געדאַנקען און אַספּיראַציעס פון די מאַסן־מענטשן, וועלכע האָבן אים געשעצט און געשטיצט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי זענען נאָך געשטאַנען אויף אַ נידעריקן אַנטוויקלונגס־שטאַפּל.

## די גרינדונג פון דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג" אַלס אַלגעמיינע פויערים־באַוועגונג

די „קריסטלעכע פאַראייניקונג" איז געגרינדעט געוואָרן דעם 6־טן מערץ 1525 אַלס אָפיציעלע און אַלגעמיינע פויערים־אָרגאַניזאַציע. לויט דעם פּראָטאָקאָל פון מעמינגענער שטאָט־ראָט האָט דער צוזאַמענפאָר זיך אָנגעהויבן אין דעם דאָזיקן טאָג, אין אַ הויז וואָס דער ראָט האָט געגעבן אין רשות פון 50 פויערים־פאָרשטייער. דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ ספּע־ציעלן סטאַטוס.

דער 1־טער פּאַראַגראַף פון דעם דאָזיקן סטאַטוס האָט אויפגע־פאָדערט אַלע מיטגלידער פון דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג" אויסצופילן אַלע פאַרפליכטונגען לגבי די קירכלעכע און סעקולערע האַרן. אין צווייטן פּאַראַגראַף איז אויסגעדריקט געוואָרן דער אַלגע־מיינער וואונטש אָפּצוהיטן די שטילקייט. עס איז באַשטימט געוואָרן צו פאַרבאָטן שטערן די אָרדנונג. דער 10־טער פּאַראַגראַף פאַר־פליכטעט אַלע האַנטווערקער און מיליטער־לייט ניט באַטייליקן זיך אין קיין שום טעטיקייט קעגן דער „פאַראייניקונג". אַן אַנדערער פּאַראַגראַף האָט פאַרבאָטן די מיטגלידער פון דער „פאַראייניקונג" צו דינען אַלס משרתים פון די פירשטן. אין דער מאָטיווירונג פון דעם דאָזיקן פאַרבאָט ווערט געזאָגט, אַז די פאַראייניקונג שטרעבט צו דעם, אַז עס זאָל ניט טרעפן, אַז דער גוטבאַזיצער זאָל אַריינוואַרפן זיין אונטערטעניקן אין תפיסה און שפּעטער אַרויפצווינגען אויף אים אַ ספּעציעלן אָפּצאָל, כדי זיך צו באַפרייען, טראָץ דעם וואָס דער פויער האָט גאָרניט געטאָן קעגן די אָנגענומענע מנהגים.

דער היסטאָריקער קאָרנעליוס מערקט אָפּ, אַז בעת דער גרינדונג פון דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג" זענען דאָרט געווען צוויי פויערים־פאַרטייען. איין פאַרטיי האָט געהאַלטן פון גאָטס געבאָטן און די צווייטע האָט גערופן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן די פירשטן.

דער היסטאָריקער פון דער שטאָט ביווערבאַך, יאָהאַן ערנסט פלומערן שרייבט, אַז די עיקרדיקע רעוואָלוציאָנערע ווירקונג אויף די פויערים האָט געהאַט די ספּעציעלע ריכטונג אין דער רעפאָר־מאַציע, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט טאָמאַס מינצערן.

בעת דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג" איז פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע וועגן דער טאַקטיק וואָס דאַרף אָנגעווענדט ווערן קעגן די גוטבאַזיצער און פירשטן. ס'זענען דאָרט אויסגעדריקט געוואָרן פאַרשיידענע מיינונגען. די פאָרשטייער פון באַלטרינג און בעיקר אולריך שמידט פון סולמינגען, האָבן געגעבן דעם טאָן אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר.

אולריך שמידט האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די פויערים דאַרפן קומען בלויז מיט פאָדערונגען, וואָס אַנטשפּרעכן „גאָטס געבאָט" און דאַרפן ניט גרייכן העכער פון די דאָזיקע פאָדערונגען. זיין רעדע איז ניט געפעלן געוואָרן אַ טייל פון די אָנוועזנדיקע, ספּעציעל די פויערים פון עלגאָו. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדערע ברירה, ווי אָנצוהויבן אַ באַוואָפנטן אָנגריף קעגן די פירשטן.

מיט טרערן אין די אויגן האָט אולריך שמידט זיך געבעטן ניט אָנצונעמען קיין שריט אין דער ריכטונג פון אַן אויפשטאַנד, ניט נעמען זיך צום געווער, נאָר באַראַטן זיך וועגן סכסוך מיט די פירשטן און מיט די איבעריקע גוטבאַזיצער אויף אַ רויִקן אופן.

דער טייל פון די פויערים־דעלעגאַטן, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז מ'דאַרף אָנווענדן פרידלעכע, ניט באַוואָפנטע מעטאָדן, האָט געזיגט בעת דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר.

אין דער דאָזיקער צייט האָט די באַוועגונג קעגן די פּאַלאַצן, קלויסטערס און גרויסע גיטער, די זיץ־ערטער פון די פעאָדאַלן, ווי אויך די צעטיילונג פון די גיטער צווישן די פויערים און די שטאָטישע בירגער, — אַרומגענומעןברייטע שיכטן פון שטאָט און דאָרף. די אָנטיילנעמער פון דער באַוועגונג האָבן זי באַטראַכט, אַלס אָנהייב פון אַ רעוואָלוציאָנערער ענדערונג אין דער וועלט, קודם־כל אין דייטשלאַנד. זיי האָבן געזען אין דער באַוועגונג ניט בלויז אַ לאָקאַלע דערשיינונג, נאָר אַן אַלגעמיינע זאַך פון גאַנצן פאָלק.

אינעם ברִיוו פון דער געמיינדע פון פראַנקענהאַוזען צו דער ערפורטער געמיינדע פון 13־טן מאַי 1525 וועגן הילף, איז די ווענדונג באַגרינדעט געוואָרן ניט מיט דער אייגענער נויט, נאָר מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע, ווען „די טיראַנען באַהערשן די וועלט מיט כוח און אומגערעכטיקייט". מינצער איז אַרויסגעטראָטן זייער שטרענג קעגן דער גרויזאַמער מאַכט פון די פירשטן און האָט באַוויזן מיט אויסצוגן פון נייעם טעסטאַמענט, אַז די מאַכט דאַרף איבערגיין צום פאָלק.

דער געדאַנק וועגן קאָנצענטרירן אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות, איז געקומען צום אויסדרוק ניט נאָר אין דער צוזאַמענאַרבעט פון די פּויערים מיט די בירגער. די כראָניק פון מילהאַוזען באַצייכנט, אַז די פּויערים, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין דערפאַרונג אין דער קריג־קונסט און האָבן זייער גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דער אַרבעט מיטן אַקער, זענען זיך צונויפגעקומען אין פראַנקענהאַוזען מיט דער שטרעבונג צו פאַראייניקן די כוחות פון טויזנטער פּויערים אויפ־שטענדלער אין פראַנקען. די פירשטן־פּאַרטיי און דער לאַנדגראַף פיליפּ האָבן מורא געהאַט פאַר דער פאַראייניקונג פון דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אין טירינגען מיט די פּויערים פון פראַנקען.

די געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין מאַי 1525 אין צפון־מערב טירינגען האָבן איבערציִיגט, אַז די מעגלעכקייט פון קאָנצענטראַציע פון די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, וועלכע שטרעבן צום אויפשטאַנד, הויבט אָן צו ווערן פולשטענדיק רעאַל.

סוף אַפּריל, אָנהייב מאַי 1525, איז געקומען צו דער קאָנסאָלי־דירונג פון דער פּויערישער בונט־באַוועגונג אין גאַנצן לאַנד.

די צוזאַמענפלעכטונג פון דעם אידעאישן און פּאָליטישן איינפלוס פון דער רעפאָרמאַציע אויף ברייטע פאָלקס־שיכטן מיט דער פּראָטעסט באַוועגונג פון די פּויערים קעגן דער פעאָדאַלער אונטערדריקונג, האָט געהאָלפן אַנטוויקלען די אויפשטאַנדס־באַוועגונג אין לאַנד־מאַסשטאַב. די רעפאָרמאַציע־געדאַנקען האָבן געפונען אַ שטאַרקן עכאָ און געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערע ווירקונג דורכן אַרויסרופן ספקות, וואָס שייך אַלע „הייליקע אמתן" פון דער פאַרגאַנגענהייט, דורך דער שטאַרקער קעגנערשאַפט לגבי דער עקסקלוזיווער מאַכט פונעם פּויפּסט און פון דער קירכלעכער היעראַרכיע, דורכן פּראָטעסט קעגן

אַריינמישן זיך פון דער קירך אין דעם סעקולערן לעבן און דורך דער קעגנערשאַפט צום ווילקיר מצד די סעקולערע הערשער און גוטבאַזיצער, מצד די פּריווילעגירטע פעאָדאַלן.

די צוזאַמענשטויסן, וואָס זענען פאָרגעקומען צוליב דער אַריינמישונג פון די פירשטן אין רעליגיעזע פראַגן, דער פּראָטעסט קעגן אומגערעכטע אורטיילן מצד די גייסטלעכע און דער קאַמף קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון די פּויערים האָבן פאַרטיפט דעם סאָציאַלן אַנטאַגאָניזם צווישן די פּויערים־מאַסן און אַ טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, פון איין זייט, און די גוטבאַזיצער, דעם אַדל, די הויכע גייסטלעכע און די פירשטן, פון דער אַנדערער זייט.

די גרויסע פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַקטיוויקייט פון דער פּויערים־באַוועגונג, וועלכע האָט געציילט טויזנטער מענטשן אין אויבער שוואַביע, איז געווען אַ פאַרזעצונג און ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די פּויערים־בונטן. אויך אין דרום־שוואַרצוואַלד און אין די גרענעץ־ראַיאָנען פון עסטרייך, איז סוף 1524 און אָנהייב 1525 פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון אויסברייטערן די לאָקאַלע פּויערים־באַוועגונגען ביז צום צוטרעטן צו אַן אויפשטאַנד אין ברייטן זין פון וואָרט.

די שילדערונג פון דער געשיכטע פון דער פיזישער פאַרשקלאַפונג פון די פּויערים און די קאַטעגאָרישע פאָדערונג אָפּצושאַפן די דאָזיקע פאַרשקלאַפונג, איז אין יענער צייט געגעבן געוואָרן אין 62 פּאַראַגראַפן, וועלכע זענען פאָרמולירט געוואָרן דורך די פּויערים פון שטילינגען. דער 59־טער פּאַראַגראַף, וועלכער איז פאָרמולירט אויף אַן אַלגעמיינעם אופן דערקלערט, אַז יעדער איז געבוירן געוואָרן אַלס פרייער מענטש. דער דאָזיקער פּאַראַגראַף גיט איבער וועגן דעם וווקס פון דער פּויערים־פאַרשקלאַפונג אַלס רעזולטאַט פון ניט אָפּצאָלן קיין חובות. דאָרט ווערט דערציילט, אַז די פּויערים, אָדער זייערע עלטערן, וועלכע זענען געווען שולדיק אַ ח ו ב, זענען דורך די בעלי־חובות פאַרוואַנדלט געוואָרן פון פרייע מענטשן אין פ אַ ר ק נ ע כ ט ע ט ע.

די הערן האָבן פאַרטראַכט צו פאַרוואַנדלען די פּויערים אין זייער אייגנטום. די גוטבאַזיצער מיינען, אַז די פּויערים זענען מחויב זיי צו באַדינען און אויספירן זייערע באַפעלן. די פאָדערונג צו ליקווידירן די פיזישע פאַרשקלאַפונג פון די פּויערים, איז באַגרינדעט

געוואָרן מיט אַרגומענטן פון אַ נייעם כאַראַקטער, **מיט** דעם, אַז די פרייהייט פונעם מענטשן איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און איז זיין אומדערשיטערטע רעכט.

**די פויערים־באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אַלס פּראָטעסט קעגן שווערן שטייערן־יאָך, קעגן צוואַנגס־אַרבעט און פעאָדאַלער אונטעריאָכונג, האָט מיט דער צייט אויסגעברייטערט איר אידייאישן פאַרנעם, איר האָריזאָנט.** מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פויערים־באַוועגונג האָבן אירע רופן און ווענדונגען באַקומען אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. **דאָס זענען געווען ווענדונגען, וואָס האָבן גערופן צום קאַמף** קעגן די טיראַנען, קעגן דער מאַכט פון די פירשטן, פאַר צעשטערן די פּאַלאַצן און קלויסטערס. **די פויערים־אויפשטענדלער האָבן פאַרברענט פּאַלאַצן און קלויסטערס אויך אַלס פּראָטעסט קעגן אַרעסטירן לוטעראַנישע גייסטלעכע און קעגן באַשולדיקן זיי אין פאַרלייקענען די קריסטלעכע לערע.**

## די באַמיאונגען פון די פירשטן
## צו שפּאַלטן די פּויערים באַוועגונג

די פירשטן־אָרגאַניזאַציע (דער „שוואַבישער בונד") האָט געמאַכט אומאויפהערלעכע אָנשטרענגונגען צו שפּאַלטן די פּויערים־באַוועגונג, צו שליסן באַזונדערע קאָנטראַקטן, ניט דערלאָזן צום קאָנסאָלידירן צווישן זיך די פּויערים־באַוועגונג. צוליב דעם דאָזיקן ציל האָט די פירשטן־אָרגאַניזאַציע געשטרעבט צו שליסן אַן אָפּגעזונדערטן אָפּמאַך מיט די פּויערים פון עלגאַו. די דאָזיקע פּרוּוון האָבן אינעם ערשטן עטאַפּ ניט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן. די פּויערים פון דריי לאַגערן האָבן ניט מסכים געווען זיך צו שיידן.

צווישן 15־טן און 20־טן מערץ 1525 האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען צווישן די פירער פון „שוואַבישן בונד" און די מעסיקע פירער פון דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג". בעת די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען האָבן די מעסיקע פּויערים־פאָרשטייער אונטערגעשטראָכן דעם פרידלעכן כאַראַקטער פון זייערע פאָדערונגען, וועלכע שטיצן זיך אויף „גאָטס געזעץ". מאַכנדיק אומאויפהערלעכע אָנשטרענגונגען צו שליסן אַ לאָקאַלן אָפּמאַך, האָט דער „שוואַבישער בונד" באַשלאָסן דערגיין צו אַ הסכם מיט די פּויערים פון עלגאַו. די פירשטן האָבן געהאָפט, אַז דער דערפאָלג פון אַזאַ שריט וועט ווירקן אויך אויף די אַנדערע פּויערים־לאַגערן אין דער ריכטונג פון גרעסערער נאָכגיביקייט.

די וויכטיקסטע פּונקטן פון די באַדינגונגען, וועלכע זענען פאַרגעלייגט געוואָרן דעם 25־טן מערץ 1525 אין אולם און דער לעצטער אַקט פון די אונטערהאַנדלונגען מיט די פירשטן פאַרן אויסברוך פון גרויסן אויפשטאַנד, זענען געווען אַזעלכע:

די קאָנפליקטן צווישן די הארן און די אונטערטעניקע וועלן באַטראַכט ווערן דורך 4 מענטשן, צו צוויי פון יעדן צד. זיי וועלן

מאַכן יעדן אָנשטרענג מיישב זיין זיך, צו לעזן די שטרייט־פראַגן מיט פרידלעכע מיטלען.

אין פאַל, ווען עס וועט ניט זיין מעגלעך דערגיין צו אַ הסכם, וועט געשאַפן ווערן אַ געריכט כדי צו באַשליסן וועגן ענין מיט דער באַטייליקונג פון אַ פינפטן מענטשן. אַלע באַשלוסן וועלן מוזן פאַרפליכטן ביידע צדדים. נאָכן דערגרייכן אַ הסכם, וועלן די פויערים זיין פאַרפליכטעט צו ליקווידירן זייערע לאַגערן און זיך באַפרייען פון די התחייבותן פון דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג". אַלץ וואָס עס וועט אָנערקענט ווערן אַלס אומגערעכט אין די באַציאונגען צווישן די פויערים און די גוטבאַזיצער, וועט אָפּגעשאַפט ווערן. די גוט־באַזיצער „וועלן אַלץ פאַרגעסן" און וועלן מער ניט פאַרפאָלגן די פויערים. ווען די פויערים וואָלטן מסכים געווען אויף דער דאָזיקער פאָדערונג, וואָלט עס באַדייט מסכים זיין צום פולן אָפּזאָגן זיך פון געדאַנק פון דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג". צו דעם האָט טאָקע געצילט די פירשטן־אָרגאַניזאַציע — דער „שוואַבישער בונד".

די שטערונג, וועלכע ס'איז שווער געווען בייצוקומען, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די פויערים האָבן ניט געוואָלט קיין באַזונדערן אָפּמאַך, אָבער דער „שוואַבישער בונד" האָט אָפּגעוואָרפן די מעגלעכקייט צו שליסן אַ הסכם מיט די פאַראייניקטע פויערים. די מורא פון די פירשטן פאַר דעם איינפלוס פון רעוואָלוציאָנערן פליגל אויף די פויערים־מאַסן, האָט געבראַכט דערצו, אַז די גוטבאַזיצער פאַרטיי האָט זיך ספּעציעל באַמיט צו צעשפּליטערן די פויערים דורך שליסן באַזונדערע קאָנטראַקטן צום שפּאַלטן די פויערים־אָרגאַניזאַציע, די „קריסטלעכע פאַראייניקונג". די מעסיקע פויערים־פאַרטיי, וועלכע האָט געשטרעבט צו באַקומען די אָנערקענונג פון „שוואַבישן בונד", האָט זיך באַמיט צו איבערצייגן די פירער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, אַז די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וועלכע זענען קעגן הסכם מיט די גוטבאַזיצער, זאָלן ווערן איזאָלירט און אַזוי אַרום זאָל ביי זיי אָפּגענומען ווערן די מעגלעכקייט צו ווירקן אויף די פויערים. אין דין־וחשבון וועגן גאַנג פון די אונטער־האַנדלונגען אין אולם, האָט דעם 24־טן מערץ דערציילט אולריך אַרצט, אַז די פויערים־פאַרשטייער האָבן איבערצייגט דעם „שוואַבישן בונד" אָנצונעמען די פאַרגעלייגטע ליסטע פון פערזאָנען, וועלכע האָבן געדאַרפט באַשליסן וועגן די שטרייט־פראַגן. צווישן אַנדערע האָבן

זיי דאָס מאָטיווירט דערמיט, וואָס די דאָזיקע פּערזאָנען האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַזייטיקן דעם איינפלוס פון יענע עלעמענטן, וועלכע זענען קעגן די קאָנטראַקטן מיט די גוטבאַזיצער. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער מעסיקער פליגל האָט פאַרשפּרייט די „12 פּאַראַגראַפן" אַלס שריט צום פרידלעכן לעזן די פראַגן, האָט ער אָביעקטיוו דאָך געווירקט אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן אויף די פּויערים־מאַסן פון יענער צייט.

# דער איבערגאַנג צום גרויסן אויפשטאַנד

דער איבערגאַנג צום גרויסן אויפשטאַנד פון די פויערים, סוף אַפּריל און אָנהייב מאַי 1525, איז געווען אַן אַלזייטיקער קאָמפּליצירטער געזעלשאַפטלעכער פּראָצעס. דער דאָזיקער פּראָצעס איז רייף געוואָרן דורך דער קוואַנטיטאַטיווער אַנטוויקלונג פון איינצלנע בונטן און דער קוואַליטאַטיווער אַנטוויקלונג אַלס איבער־גאַנג פון אַרויסשטעלן לאָקאַלע, באַגרענעצטע פויערים־פאַרלאַנגען צום פאָרמולירן פאָדערונגען, וועלכע האָבן געהאַט אַ ברייטערן אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

אין גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון דער קאַמפס־באַוועגונג האָבן די „12 פאַראַגראַפן" באַקומען די באַדייטונג פון אַ קאַמפס־פאַן, וועלכע האָט פאַראייניקט אַרום זיך די פויערים־מאַסן און זיי צוגעגרייט צום אַלגעמיינעם אויפשטאַנד.

דער אינהאַלט פון דעם דאָזיקן דאָקומענט ווייזט, אַז אין אים זענען צונויפגעפלאָכטן די מעסיקע מיט די רעוואָלוציאָנערע פאַראַגראַפן. אָבער די אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פון דעם דאָזיקן דאָקומענט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער קאַמפס־מאַניפעסט פון דער פויערים־באַ־וועגונג

ווי באַוווּסט, איז איינער פון די פאַראַגראַפן פונעם וואָפן־שטילשטאַנד צווישן דער פויערים־באַוועגונג און דער פירשטן־אָרגאַניזאַציע געווען, אַז די פויערים זאָלן ניט פאַרשטאַרקן זייער אָרגאַניזאַציע פאַרן סוף פון טערמין פון דעם וואָפן־שטילשטאַנד. דער פויערים־לאַגער נעבן לייפּהיים האָט זיך געווענדט מיט אַן אָנקלאַגע קעגן דעם „שוואַבישן בונד" אין דעם בריוו צום ראַט פון ווייסהאָרן (דעם 30־טן מערץ 1525), נאָך דעם איבערפאַל פון דעם פירשטן־מיליטער אויף אַ פויערים־וואַך, נעבן ווייסהאָרן.

ווילהעלם צימערמאַן און פרידריך ענגעלס שאַצן אָפּ דעם אויפשטאַנד פון די פויערים קעגן די פּאַלאַצן און קלויסטערס אַלס

ענטפּער אויפֿן ברעכן די אולם־באַדינגונגען פֿונעם וואַפֿן־שטילשטאַנד דורך די גוטבאַזיצער פֿון דעם „שוואַבישן בונד". זיי ווייזן אויף, אַז די פּויערים האָבן געשטרעבט צו אַ פֿרידלעכער לעזונג פֿון קאָנפֿליקט מיט די פּירשטן און האָבן געהאָפֿט צו דערגרייכן די פֿאַרווירקלעכונג פֿון זייערע פֿאָדערונגען דורך גוזעלשאַפֿטלעכער אָרגאַניזאַציע און גזעלשאַפֿטלעכן דרוק. צימערמאַן באַצייכנט דעם איבערפֿאַל אויף דער פּויערים־וואָך אַלס ערשטן פֿאַל פֿון ברעכן דעם וואַפֿנשטילשטאַנד דורך די זעלנער פֿונעם „שוואַבישן בונד".

פֿון דער אַנדערער זייט, שרייבן די כראָניקער, וועלכע באַציען זיך נעגאַטיוו צו דער פּויערים־באַוועגונג, אַז די ערשטע, וועלכע האָבן געבראָכן דעם וואַפֿנשטילשטאַנד זענען געווען די פּויערים. דעם 27־טן מערץ האָט דער „שוואַבישער בונד" געשריבן צום ראַט, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט די דריי פּויערים־לאַגערן, אַז די לאַגערן נעבן לייפּהיים און לאַנגאַו האָבן געפּרוווט זיך אַנשליסן צו דער „קריסטלעכער פֿאַראייניקונג", צו די פּויערים פֿון די נאָענטע ערטער. אין די אויגן פֿון דער פּירשטן־פּאַרטיי האָט עס אויסגעזען ניט אין הסכם מיט די פֿאַרפּליכטונגען פֿון די פּויערים ניט צו פֿאַרגרעסערן זייער לאַגער פֿאַר דער צייט אײדער עס ענדיקט זיך דער וואַפֿנשטילשטאַנד. אין דער לעצטער וואָך פֿון חודש מערץ 1525 איז פֿאָרגעקומען אַ בריוו־אויסטויש צווישן דער פּירערשאַפֿט פֿון דער „קריסטלעכער פֿאַראייניקונג" פֿון די דריי פּויערים־לאַגערן מיט דעם „שוואַבישן בונד" וועגן אַ צייטווייליקן אויסגלייך־אָפּמאַך.

צווישן די היסטאָריקער פֿירט זיך אַ דיסקוסיע וועגן דעם, ווער עס האָט דער ערשטער געבראָכן דעם וואַפֿנשטילשטאַנד. דער היסטאָריקער ווילהעלם צימערמאַן דערמאָנט פֿאַרשיידענע אויסדרוקן פֿון די פּירשטן־פּירער וועגן דעם, אַז דער פֿרידלעכער אָפּמאַך איז פֿון זייער זייט געווען בלויז אַ מיטל כדי צו געווינען צייט, כדי צוצוגרייטן די מיליטערישע מפּלה פֿון די פּויערים־לאַגערן.

דער בריוו־אויסטויש צווישן לעאָנאַרד עק און וויסענפֿעלד מיט די הערצאָגן פֿון בייערן, ווי אויך די בריוו פֿון אולריך אַרצט באַווייזן, אַז דער „שוואַבישער בונד" האָט באַשלאָסן אָנצוהויבן דעם קאַמף פֿון די מיליטער־טיילן, ווייל ס'איז, לויט זיין מיינונג, ניט מעגלעך געווען ווייטער צו וואַרטן. דעם 27־טן מערץ 1525 האָט עק געשריבן, אַז דער וואַפֿנשטילשטאַנד פֿון אולם באַמרואיקט אים.

ווען ער אַליין וואָלט געווען דערביי, וואָלט דער ענין אַוועק אין אַן אַנדערער ריכטונג. אינעם בריוו פון 28־טן מערץ, איז צו באַמערקן אַ פאַרשטאַרקונג פון זיין אומרו. ער איז איבערצייגט, אַז ס'איז נויטיק אָפּצוזונדערן די פויערים פון עלגאַו פון די איבעריקע פויערים.

די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג האָט געשאַפן אַ מעגלעכקייט פון אַן אַלגעמיינער אַנטי־פעאָדאַלער רעוואָלוציע. אין דער דאָזיקער רעוואָלוציע האָבן די שטעט געקענט אויספילן אַ וויכטיקע אויפגאַבע. די פּאַרטיי פון די גוטבאַזיצער האָט אָנגענומען מיליטערישע און פּאָליטישע שריט, כדי צו צעשטערן די פויערים־רייען אין באַדינגונגען, וועלכע זענען געווען באַקוועם פאַר דעם „שוואַבישן בונד".

דער אַלגעמיינער אויפמאַרש קעגן די פּאַלאַצן און קלויסטערס איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג פאַר דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

צווישן די פויערים האָבן זיך אַנטוויקלט צוויי ריכטונגען מיט צוויי ליניעס פון געדאַנק און אַקציע. איין טייל האָט זיך געהאַלטן ביי דער ליניע פון פאַרלענגערן דעם הסכם מיט דער פירשטן־אָרגאַניזאַציע.

דער צווייטער פליגל האָט געהאַלטן, אַז מ'דאַרף אָנהייבן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן די גוטבאַזיצער און פירשטן און זוכן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער שטאָטישער פּלעביאישער באַפעלקערונג.

סוף מערץ 1525 האָט זיך אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון פויערים־אויפשטאַנדן, אין רעזולטאַט פון וועלכער די פויערים האָבן פאַרנומען און באַהערשט פּאַלאַצן און קלויסטערס. אין דער זעלבער צייט האָט ווייסענפעלד געשריבן אין אַ בריוו, אַז עס אַנטוויקלט זיך אַן אַלגעמיינער אויפמאַרש פון די פויערים פון אַלע דערפער „מיט פאַנאַנדערגעוויקלטע פענער". די דאָזיקע געשעענישן פאַרבינדט ווייסענפעלד מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג, מיט די אַרויסטרעטונגען קעגן די פּאַלאַצן און קלויסטערס אויך מצד די פויערים פון אַנדערע לאַגערן. אייניקע טעג נאָך דעם האָבן די פויערים פאַרנומען צוויי פּאַלאַצן פון אוגוסבורגער בישאָף.

די קאַמפן קעגן די פּאַלאַצן און קלויסטערס האָבן ניט אויפגע־הערט אויך נאָכן 25־טן מערץ 1525, דאָס הייסט אין דער צייט פונעם וואָפנשטילשטאַנד פון אולם. אין אַלע טיילן פון דער אויבער־

שטער שוואָביע, האָבן זיך אַנטוויקלט פּויערים־אַנגריפן קעגן די קלויסטערס און פּאַלאַצן. פיל כראָניק־שרייבער האָבן געשילדערט דאָס אונטערגעבן זיך פון ליליענטהאַמער־שלאָס, אַלס אַ וויכטיקע געשעעניש. דער דאָזיקער שלאָס איז געווען אַ מקום־מקלט פאַר רייכע, ווו זיי האָבן באַהאַלטן זייער צירונג, האָפנדיק, אַז די דאָזיקע פעסטונג איז ניט צום באַזיגן. אין דער אויספאָרשונג נאָכן דערדריקן




א פלאַקאַט מיט די נעמען פון די קלויסטערס און פּאַלאַצן צעשטערטע דורך די אויפשטענדלערישע פּויערים

דעם אויפשטאַנד, האָט מען געפרעגט ביי יערג שמידט, צי האָט אים, ביים איינגעמען דעם ליליענטהאַמער־שלאָס, געהאָלפן אַ פאַרראַט פון אינעווייניק? ער האָט עס אָפּגעלייקנט און צוגעגעבן, אַז ער איז שטאָלץ מיטן איינגעמען דעם דאָזיקן שלאָס.

די אויפשטאַנד־באַוועגונג האָט זיך זייער שנעל פאַרשפּרייט אויך אין די פּראָטעסטאַנטישע געביטן, וועלכע זענען געווען אונטער דער הערשאַפט פון די פירשטן, גוטבאַזיצער און פון שטעט, וועלכע האָבן געהאַט סימפּאַטיע צו לוטערס לערע.

דער עקסטרעמער פליגל פון די אויפשטענדלער, אונטער דער אָנפירונג פון טאָמאַס מינצער, האָט באַשטימט דאָס אָרט פאַר זיין קאָמאַנדאַטור אין דער סאַמע נאָענטער סביבה פון לוטערן — אין טירינגען.

דער ביישפּיל פון מילהאַוזען און די אויפקלערונג פון מינצערן האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין גאַנץ דייטשלאַנד. דער אָפּקלאַנג פונעם אויפשטאַנד האָט דערגרייכט זייער ווייט. אין טירינגען, אייכספעלד, האַרץ, זאַקסן, העסען, פולדאַ, אויבערשטע פראַנקאָניע און פאָגטלאַנד — זענען געווען פויערים־אויפשטאַנדן. די פויערים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פאָלקן און אָנגעהויבן פאַרברענען דאָס אייגנטום פון די גרויסע גוטבאַזיצער, פון די קלויסטערס און פאַלאַצן. די אויפשטענדלער האָבן אַרומגעכאַפּט צוויי דריטל פון דייטשלאַנד.

# מאַרטין לוטער און די יידן

דער באַציאונג פון דער רעפאָרמאַציע צו די יידן זענען געווידמעט אייניקע קאַפּיטלען אינעם ווערק פונעם היסטאָריקער שמעון דובנאָוו: „די געשיכטע פון אייביקן פאָלק“. („דברי ימי עם עולם“). צום אָנהויב פון דער רעפאָרמאַציע, בעת די דאָזיקע באַוועגונג איז געווען גערודפט און אירע פירער פלעגן פּרעדיקן קעגן די קאַטוילישע געצנדינער, פלעגן זיי אויסדריקן מיטגעפיל און צער פאַרן פאָלק, וואָס איז צום שטאַרקסטן גערודפט געוואָרן דורך דער קאַטוילישער היעראַרכיע. מאַרטין לוטער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די גוואַלדטאָטן פון די דאָמיניקאַנער. אין 1523־טן יאָר האָט לוטער געשריבן אין זיין ווערק, אַז „יעזוס קריסטוס איז געבוירן געוואָרן אַ ייד“. ("Jesus Christus ein geborener Jude sei".)

אין דעם דאָזיקן ווערק טרעט לוטער שאַרף אַרויס קעגן די שונאים פון די יידן: „די נאַראָנים, די פּויפּסטן, די בישאָפן, די סאָפיסטן, מאָנאַכן און אייזל־מוחות פלעגן ביז איצט זיך באַציען צו די יידן אויף אַזאַ אופן, אַז אַ גוטער קריסט וואָלט בעסער אויסגעקליבן דאָס אַריבערגיין צום יידנטום“.

לוטער האָט גערופן צו ענדערן צום גוטן די באַציאונג לגבי די יידן. ער האָט געשריבן: „אויב מיר ווילן קומען צו זיי מיט גוואַלט און זיי באַשולדיקן, אַז זיי נויטיקן זיך אין קריסטלעך בלוט און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי וועלן מיר קענען ווירקן אויף זיי צום גוטן? אָדער אַז מיר פאַרבאָטן זיי צו פאַרנעמען זיך צווישן אונדז מיט מלאכה׳ס און צו האַנדלען מיט אונדז, און צווינגען זיי זיך צו פאַרנעמען מיט וווכעריי, טאָ ווי קענען זיי זיך אומקערן צום גוטן? אויב מיר ווילן זיי העלפן, דאַרפן מיר פאַרווירקלעכן צווישן זיי די מצוות פון קריסטלעכער, אָבער ניט פון פּויפּסטלעכער ליבע, אויפנעמען זיי מיט פריינטשאַפט, געבן זיי די מעגלעכקייט צו אַרבעטן, כדי זיי זאָלן דערקענען מיט זייערע אייגענע אויגן די לערע און דאָס לעבן פון די קריסטן“.

דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו שרייבט, אַז לוטער האָט געגלויבט אין דער נבואה פון אַפּאָסטאָל פּאַולוס, אַז די יידן וועלן חוזר בתשובה זיין.* אָבער ווען זיין האָפנונג איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָט ער געענדערט צום שלעכטן זיין באַציאונג צו די יידן. ווען דער קורפירשט יאָהאַן פרידריך פון זאַקסן, האָט אין 1537 באַשלאָסן אַרויסצוטרייבן די יידן פון זיין לאַנד, מיטן אויסרייד, אַז איניקע יידן זענען באַשולדיקט געוועגן אין קרימינעלע טאַטן, האָט דער שתדלן פון די יידן אין דייטשלאַנד, יוסף איש ראָסהיים, זיך געוואָנדן צו לוטערן. לוטער איז אָבער ניט מסכים געווען צו געבן אַ רעקאָמענדאַציע, וואָס האָט געדאַרפט באַגלייטן די ווענדונג פון שתדלן צום קורפירשט און האָט אים געראָטן זיך צו ווענדן צו אַן אַנדערן פאַרמיטלער.

* שמעון דובנאָוו: „געשיכטע פון אייביקן פאָלק", זעקסטער באַנד, זייט 100.

# יוסף יוזעלמאַן אינעם לאַגער
# פון די פּויערים־אויפשטענדלער

נאָך די גרויסע גירושים פון די יידן אין מיטלאַלטער פון שפּאַניע, פון פּאָרטוגאַל, פון די דרומדיקע איטאַליענישע מדינות, און נאָך פריער פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, זענען אין מערב־אייראָפּע געבליבן ווייניק יידן. בלויז אין מיטל־אייראָפּע, אין דייטשלאַנד, זענען געבליבן יידישע ישובים אין אייניקע גרויסע שטעט און אין אַ גרעסערער צאָל שטאָטישע קלענערע ישובים. קיין אַלגעמיינער גירוש פון יידן, אַזוי ווי אין שפּאַניע, איז אין דייטשלאַנד ניט געווען. דייטשלאַנד איז אין מיטלאַלטער געווען צעשפּליטערט אויף הונדערטער טיילן, וווּ ס'האָבן געהערשט הערצאָגן, פירשטן און ערצבישאָפן. ווען אַ געוויסער הערצאָג אָדער פירשט פלעגט אַרויסטרייבן די יידן פון זיין לאַנד, האָט זיך געפונען אַ הערשער פון אַ שכנותדיק לאַנד, וועלכער איז געווען מסכים אויפצונעמען די פאַרטריבענע יידן ביי זיך אין לאַנד.

די קאָנקורענץ מצד די קריסטלעכע סוחרים און האַנטווערקער קעגן די יידישע סוחרים, איז געווען איינע פון די עקאָנאָמיש־וויכטיקע סיבות, צוליב וועלכע די קריסטן האָבן געפאָדערט צו באַזייטיקן די יידן. אין דער צייט פון די פּויערים־אויפשטאַנדן איז צווישן דער יידישער באַפעלקערונג באַרימט געווען דער געזעלשאַפט־לעכער טוער יוסף יוזעלמאַן, וועלכער האָט זיך גאָר שטאַרק אָנגע־שטרענגט צו באַזוכן דייטשע מלכים און אַנדערע הערשנדיקע פּערזאָנען, כדי אויסצופּועלן, אַז די גזירות וועגן פאַרטרייבן יידן זאָל אָפּגעשטעלט ווערן.

שמואל פּנחס ראַבינאָוויטש (שפּ״ר) באַשרייבט אויספירלעך אין זיין בוך * די אומדערמידלעכע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פונעם

* שמואל פּנחס ראַבינאָוויטש (שפּ״ר): „יוסף איש רוסהיים", דערשינען אין וואַרשע אין 1902־טן יאָר, אינעם פאַרלאַג „תושיה", אין עברית.

יידישן שתדלן יוסף יוזעלמאַן (יוסף איש רוסהיים) כדי צו ראַטעווען די יידן אין דייטשלאַנד פון גירושים און פון אַנדערע גזירות אין דער ערשטער העלפט פונעם 16־טן יאָרהונדערט.

ער גיט איבער די אַרגומענטאַציע און די גרויסע איבערצייגונגס־קראַפט פון יוסף יוזעלמאַן בעת זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט די פירער פון די פויערים־אויפשטענדלער, כדי זיי זאָלן אויסמיידן אָנצופאַלן אויף יידן.

שמואל פנחס ראַבינאָוויטש שרייבט: „דאַן האָט געשטורעמט דאָס גאַנצע דייטשע לאַנד מיט דעם פויערים־אויפשטאַנד, וועלכער האָט געדויערט צוויי יאָר, 1526, 1525. דער אויפשטאַנד האָט אַרומגעכאַפּט אַלע דייטשע מדינות, נאָר מיט אַ ספּעציעלער קראַפט האָט ער זיך אַנטפּלעקט אין די דרומדיקע מדינות. דער פויערים־בונט האָט באַקומען אַ דרייפאַכיקע באַצייכענונג: אַלס באַוועגונג מיט אַ רעלי־גיעזן, פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

די יידן פון די דרומדיקע טיילן פון דייטשלאַנד זענען געווען לרוב צעשפּרייט אין די דערפער, אַ סך מער ווי אין די גרויסע שטעט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין די גרויסע שטעט זענען זיי געשטאַנען פאַר דער געפאַר פון רדיפות מצד די קאָנקו־רירנדיקע סוחרים, אָדער מצד פאַנאַטישע גייסטלעכע.

פנחס שאול ראַבינאָוויטש שילדערט אין זיין בוך אַ גרויסן פויערים־לאַגער, אין וועלכן עס זענען געווען 15 טויזנט מענטשן. דאָס איז געווען אינעם קלויסטער פונעם אַלטדאָרף, נעבן דער שטאָט ראָסהיים, דעם וווינאָרט פון ר׳ יוסף יוזעלמאַן. אין דער צייט, ווען דער יידישער ישוב אין דער דאָרטיקער געגנט איז געווען זייער איבערגעשראָקן צוליב דער מעגלעכקייט פון רדיפות און רויב, האָט דער יידישער שתדלן יוסף יוזעלמאַן געהאַט געגוג מוט, כדי צו גיין אינעם פויערים־לאַגער און דאָרט פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די פירער פון די אויפשטענדלער. ער האָט אַרויסגעוויזן חכמה און טאַקט, כדי צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט די פירער פונעם פויערים־לאַגער. אַ ריי שרייבער פון יענער צייט האָבן געשילדערט די באַגעגענישן צווישן ר׳ יוסף יוזעלמאַן מיט די אָנפירער פון דער פויערים־באַוועגונג. אייניקע פון זיי האָבן געשריבן, אַז עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו טרעפן מיט „דעם גרויסן פויערים־פּראָפעט״ טאָמאַס מינצער.

אַ ייד אַנטלויפט

יוסף יוזעלמאַן האָט דערקלערט די פּויערים־פירער, אַז די יידן זענען ניט שולדיק אין דער אָרעמקייט און דערנידעריקונג פון די פּויערים־מאַסן. ער האָט זיי אויפגעוויזן, אַז די יידן האָבן אין זייער לאַנגער געשיכטע געליטן, ניט ווייניקער ווי די פּויערים, פון שרעקלעכע רדיפות, פון אינקוויזיציע און גירושים.

אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע אויפקלערונגען, האָבן די פירער פון דער פּויערים־באַוועגונג באַשלאָסן אַרויסצושיקן בריוו צו אַלע פירער פון די פּויערים־לאַגערן מיט קלאָרע אינסטרוקציעס ניט

צו טאָן קיין שום שלעכטס דער יידישער באַפעלקערונג. יוסף יוזעלמאַן האָט זיך צונויפגערעדט מיט דער צענטראַלער פויערים־אָנפירונג מ׳זאָל געבן די יידן ספּעציעלע דאָקומענטן, אַזוי־גערופענע „גלייט־בריוו״ אַלס צייכן, אַז זיי דאַרפן ווערן רעספּעקטירט און בשום אופן ניט גערודפט ווערן.

וועגן דער דאָזיקער געשעעניש דערציילט יוסף איש רוסהיים אַליין אין זיין אויטאָביאָגראַפישער שריפט „מגילת הזכרונות״. ער שרייבט דאָרט צווישן אַנדערן, אַז אין יאָר 1525 (רפ״ה) איז געווען אומרואיק אין די דערפער, ווען די פויערים פון גאַנץ דייטשלאַנד, בעיקר פון עלזאַס, האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָבן אויפגעהויבן זייערע קעפּ און זיך געקליבן אונדז „איינצושלינגען לעבעדיקערהייט״. „ווען דער מיקראָב האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן, ,בין איך געקומען צו זיי אין זייער גייסטיק־הויז, אין אַלטדאָרף. כ׳האָב זיך געוואָנדן צו די הויפּט־פירער פון זייערע אַרמייען און גערעדט צו זייער האַרץ, מ׳זאָל ניט טאָן קיין שלעכטס די יידן. דאָן זענען אָנגעשריבן געוואָרן פיל אָנווייזונגען פאַר יעדער שטאָט אין יעדן לאַנד, אַז מ׳זאָל ניט רודפן די יידן. דורך דער דאָזיקער דעקלאַראַציע — שרייבט יוסף איש רוסהיים — האָבן די יידן געפונען אַ רעטונג, ביז עס איז געקומען די צייט, אַז די נאָטאַבלען פון לאָטאַרינגען האָבן באַזיגט די פויערים־לאַגערן און אויסגעהרגעט זייער אַ סך פון זיי״.

נאָכן אונטערדריקן דעם פויערים־אויפשטאַנד איז דער דרומדיקער טייל פון דייטשלאַנד געווען רואינירט. די וועגן זענען געווען פול מיט קערפּערס פון טויזנטער אויפגעהאָנגענע פויערים. צוזאַמען מיטן דערדריקן דעם פויערים־אויפשטאַנד איז געמאַכט געוואָרן אין לאַנד אַ גרויסער חורבן. כדי אויפצושטעלן פונסניי דאָס עקאָנאָמישע לעבן האָט זיך געפאָדערט אַ סך געלט. די אַדעליקע האָבן גענומען געלט ביי יידן, כדי אויפצולעבן די ווירטשאַפט און גלייכצייטיק האָבן זיי אויפגעהויבן אַ געשריי קעגן די יידן פאַרן נעמען פּראָצענטער. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די יידן האָבן געהאָלפן די פויערים־אויפשטענדלער. דער ריטער פרעכטער איז אין יענער צייט געקומען קיין עלזאַס מיט אַן אונטערגעשריבענער אינסטרוקציע פונעם אויבערפירשט פערדינאַנד צו דעם הערשער פון עלזאַס —

זיין ברודער, — וועגן אַרויסטרייבן אין די נאָוועמבער־טעג פון 1527 אַלע יידן פון יענער מדינה. יוסף יוזעלמאַן איז דאַן געקומען צום פירשט און אים האָט זיך איינגעגעבן צו איבערצייגן דעם הערשער, אַז די יידן זענען ניט געווען אין דער אויפשטאַנד־באַוועגונג קעגן די אַדעליקע און גייסטלעכע. ער האָט דערקלערט, אַז אויב די יידן האָבן געקויפט פון די פויערים, פאַר אַ פרייז, טייערע זאַכן, וועלכע די פויערים האָבן גענומען אין די פּאַלאַצן, זענען זיי געווען געצוווּנגען דאָס צו טאָן, ווייל אין קעגנפאַל וואָלטן די פויערים, לויט זיין מיינונג, דערהרגעט די יידן. יוסף יוזעלמאַנען האָט אַזוי אַרום זיך איינגעגעבן צו ווירקן, אַז די גזירה וועגן גירוש זאָל אָפּגערופן ווערן. דער אויבערפירשט האָט אונטערגעשריבן אַן אָפיציעלן דאָקומענט וועגן פאַרווירקלעכן די פריווילעגיעס, וואָס זענען געגעבן געוואָרן די יידן דורך די פריערדיקע מלכים און אָפּשאַפן די גירוש־פאַראָרדענונג.

## די ענדערונגען אין דער באַציאונג
## פון דער פויערים־באַוועגונג לגבי די יידן

אין דער באַציאונג צו די יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין דייטשלאַנד, קען מען אין יענער צייט זען אַן ענדערונג מצד דער פויערים־באַוועגונג. די ענדערונג האָט זיך אויסגעדריקט אין אָפּזאָגן זיך פון דער נעגאַטיווער באַציאונג אין דער ערשטער צייט פון דער אָרגאַניזירונג פון דער באַוועגונג און אין איבערגאַנג צו אַ פּאָזיטיווער באַציאונג אין דער צייט, ווען די פויערים־באַוועגונג איז רייף געוואָרן און זיך קאָנסאָלידירט.

די קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1493 דורך פויערים און פּלעבייער אין עלזאַס, האָט צוזאַמען מיט די פאָדערונגען צו אַנולירן די חובות, דעם גרענעץ־אָפּצאָל, די קירכלעכע געריכטן, אויך גערופן צו באַרויבן די יידן אַלס וווּכערער.

דער פויערים־רוף, וואָס האָט בדרך כלל באַצייכנט די יידן אַלס וווּכערער, האָט אויסגעדריקט די אָפּגעשטאַנענקייט פון פויערישן באַוווּסטזיין, ווען דער באַגריף „ייד" האָט זיך אידענטיפיצירט אויף אַ פּרימיטיוון אופן מיט דעם באַגריף „וווּכערער".

אין דער ערשטער צייט פון אויספאָרמירן זיך האָט די פויערים־באַוועגונג ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן דער נאַטירלעכער נעגאַטיווער באַציאונג צום וווּכערער און צווישן דער יידישער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג פון טייל מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט וווּכעריי. דער דאָזיקער עלעמענט אין דעם פויערים־אויפשטאַנד געהערט, אָן ספק, צו זיינע נעגאַטיווע אויסדרוקן.

פונקט ווי די סוחרים פון אַנדערע פעלקער, האָבן אויך די יידישע סוחרים אין יענער צייט זיך פאַרנומען מיט געבן הלוואות אויף פּראָצענט. דאָס איז געווען איינע פון זייערע באַשעפטיקונגען. בעת פאַר יידן איז באַגרענעצט געוואָרן דער צוטריט צו אַנדערע באַשעפטיקונגען און אין זייערע הענט האָבן זיך געהאַט אָנגעזאַמלט

באַדייטנדע געלט־סומען, האָבן זיי גענומען געבן הלוואות אויף פּראָצענט. ניט געקוקט דערויף, וואָס עס זענען געווען אויך אַ סך ניט יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט געבן הלוואות אויף פּראָצענט, פלעגן קריסטן אַלץ מער און מער זיך ווענדן צו די יידן מיט דער ביטע זיי צו געבן הלוואות. דאָס דערקלערט זיך דערמיט וואָס די יידן זענען ניט געווען אונטערגעוואָרפן דער קאַטוילישער קירך און דערפאַר האָבן אירע פאַרבאָטן ניט פאַרפליכטעט. ספּעציעל האָבן צו די יידן זיך געוואָנדן פּויערים און שטאָטישע מענטשן, וועלכע האָבן זיך גענייטיקט אין קליינע און מיטעלע הלוואות, צוליב וועלכע ס'איז ניט כדאי געווען פאַר די קריסטן זיך צו שטעלן אין געפאַר צוליב די פאַרבאָטן פון דער קירך.

אין יענער צייט איז געווען ווייניק געלט. דער ווערט פון מטבעות איז געווען אין דעם טייערן מעטאַל. היות ווי אויף געלט איז געווען אַ גרויסער נאָכפרעג, איז דער פּרייז אויף געלט, וואָס איז געגעבן געוואָרן אַלס הלוואה, געווען אַ הויכער. דער פּראָצענט־אַפּצאָל איז געווען אַ הויכער. ער איז דערגאַנגען ביז צו אַ דריטל און אַפילו צו 40 פּראָצענט פון דער גאַנצער סומע.

ווען די הלוואה־נעמערס פלעגן ניט האָבן קיין מעגלעכקייטן אָפּצוגעבן דאָס געלט צו דער צייט, פלעגט זיך אָנזאַמלען אַ גרויסער פּראָצענט, אַ „פּראָצענט אין קוואַדראַט". דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן אומצופרידנקייט און צאָרן ביי די פּויערים און אויך ביי די שטאָטישע איינוווינער, וועלכע האָבן צוליבן נויטיקן זיך אין הלוואות געמוזט צאָלן גרויסע פּראָצענטער.

מיט דער קאָנסאָלידאַציע פון דער פּויערים־באַוועגונג און דער קלאָרער פאָרמולירונג פון אירע געזעלשאַפטלעכע פּרינציפּן, איז פאָרגעקומען אַ גרינטעלעכע ענדערונג ביי געוויסע טיילן אין דער באַציאונג צו די יידן.

די ענדערונג האָט זיך אויסגעדריקט אינעם בפירושן אונטערשייד צווישן דער באַציאונג צו די וווכערער און דער באַציאונג צו די זין פון יידישן פאָלק. די ענדערונג איז געקומען צום אויסדרוק אין דער בפירושער דערקלערונג וועגן דער גרייטקייט אָנצונעמען יידן אין דעם פּויערים־לאַגער. דער דאָזיקער דאָקומענט, וועגן דער פּאָזיטיווער ענדערונג צו יידן, איז איינגעשלאָסן אין דעם בוך פונעם סאָוויעטישן היסטאָריקער מ. סמירין וועגן טאָמאָס מינצערן און דער פאָלקס־

רעפאָרמאַציע. דאָרט איז פאַרעפנטלעכט דער באַשלוס פון דעם בילדהאַוזער לאַגער. אין אים ווערט געזאָגט:

„יעדער ייד, וועלכער שטרעבט אָנגענומען צו ווערן אין דער פאַרזאַמלונג פונעם לאַגער, איז די דורכגעטראַכטע מיינונג פון דעם גאַנצן לאַגער, אַז מ׳זאָל אים אָננעמען מיט גוטן ווילן, מיט אָנשטענדיקייט און אָן יעדער שטערונג. די דאָזיקע יידן, וועלכע וועלן ניט אָננעמען די פאַראַגראַפן אָדער פונקטן פון די פויערים, וועלן בלייבן אין זייערע הייזער אונטער דער אויפזיכט פון דעם לאַגער".

דער דאָזיקער פאַראַגראַף, וועלכער דערקלערט וועגן אָננעמען אויף אַ פריינדלעכן אופן די יידן אין דער פויערים-באַוועגונג, דריקט אויס די העכערע, רייפערע שטופע פון פאַרגעשריטענע טיילן פון דער פויערים-באַוועגונג. די דאָזיקע ענדערונג איז אַ רעזולטאַט פון איינפלוס פון די געדאַנקען פון מינצערן, וועלכער האָט געשטיצט זיינע לעבנס-אָנשויאונגען אויף אַן אוניווערסאַלן יסוד.

אין דער זעלבער צייט איז אויך פאָרמולירט געוואָרן דורך די פויערים אַ פאַראַגראַף וועגן דעם אַדל. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די אַדעליקע, וועלכע ווילן זיך אָנשליסן אין דער פויערים-אָרגאַניזאַציע, וועלן ניט קענען פאַרלאָזן דעם פויערים-לאַגער אָן אַ דערלויבניש און וועלן ניט קענען פירן קיין בריוו-אויסטויש מיט מענטשן מחוץ דעם לאַגער.

די פּאָזיטיווע ענדערונגען ביי אַ טייל פון דער פויערים-באַוועגונג לגבי די יידן, איז אַ וויכטיקער באַווייז פונעם פּראָצעס פון אידעאָלאָגישן רייף ווערן פון דער פויערים-באַוועגונג, פון אויס-אַרבעטן אַ מער קריסטאַליזירטע שטעלונג לגבי די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון באַקומען די מעגלעכקייט צו דיפערענצירן צווישן דער נעגאַטיווער שטעלונג לגבי דעם וווכערער און דער אָביעקטיווער באַציונג צו די יידן, האַלטנדיק פאַר מעגלעך צו זען אין די יידן פאַרבינדעטע. די דאָזיקע דיפערענצירונג איז פאַרגעקומען אויפן יסוד פון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

## די אונטערדריקונג פונעם פויערים־בונט
## דורך די פירשטן-אַרמייען

צום סוף פון חודש אַפּריל 1525־טן יאָר האָט זיך איינגעגעבן דעם לאַנדגראַף פיליפּ פון העסן צו מאָביליזירן זיין אַרמיי קעגן די פויערים. מיט שנעלע אָנגריפן און גרויסער אכזריות האָט זיך אים אין אַ קורצער צייט איינגעגעבן צו באַזיגן דעם גרעסטן טייל פון די פויערים־אויפשטענדלער. דעם 3־טן מאַי 1525 האָט ער באַזיגט נעבן פראַונבערג דעם פאַלק פון די פולדער פויערים. ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באַפרייען זיך פון זיין אונטערגעוואָרפן דעם אַבט. עס האָט זיך אים איינגעגעבן איבערצוגעבן די ערד פון קלויסטער פון פולדאַ אונטער דער אויפזיכט פון דער העסען־מדינה, האָפנדיק דערביי, אַז שפּעטער וועט פאָרקומען זייער סעקולאַריזאַציע.

די אַרמייען פון לאַנדגראַף פיליפּ פאָן העסען האָבן זיך פאַר־אייניקט מיט די אַרמייען פון זאַקסישן נאַטאַבל און צוזאַמען זענען זיי אַרויס אין אָנגריף קעגן דער צענטראַלער אויפשטענדלערישער שטאָט מילהאַוזען.

אין מילהאַוזען איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די געמיינזאַמקייט פון אַלע גיטער. ס'איז געמאָלדן געוואָרן, אַז די אַרבעטס־פליכט איז חל אויף יעדן מענטשן און יעדע ווילקיר־מאַכט ווערט אָפּגעשאַפט. מילהאַוזען איז געבליבן אַ רעפּובליקאַנישע שטאַט־מדינה, מיט אַ דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע און סענאַט, אויסגעקליבן דורך אַלגע־מיינע וואַלן. דער סענאַט איז געשטאַנען אונטער דער קאָנטראָל פון פאָלק.

טאָמאַס מינצער האָט אויפגעשטעלט אין מילהאַוזען אַ רעוואָ־לוציאָנערע קאָמענדאַנטור. מיט אויסערגעוויינלעכן שווונג האָט ער אַנטוויקלט די אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

נעמענדיק אין באַטראַכט דעם ניט־אַנטוויקלטן טראַנספּאָרט פון

יענער צייט, איז דער ברייטער פאַרנעם פון זיינע פאַרבינדונגען, די צאָל שליחים און לויפער, וועלכע ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט אין אַלע קאַנטן, דאָס שרייבן און צעשיקן בריוו און אַפּעלן, געווען דער אויסדרוק פון אַ פּרעצעדענטלאָזן שווונג, פון ברייטע האָריזאָנטן, פון טיפן גלויבן אין פאָלק. מילהאַוזען האָט געדינט אַלס צענטראַלע שטאָט פאַר דער טעטיקייט פונעם רעוואָלוציאָנערן פליגל פון דער פּויערים־באַוועגונג. אין ערפורט דאַקעגן האָט געזיגט אַן אויסגע־שפּראָכן בירגערלעכע באַוועגונג. די הערשנדיקע פּאַרטיי האָט דאָרט אָנגענומען אַ צווייזייטיקע שטעלונג לגבי די פּויערים.

טאָמאַס מינצער האָט געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען כדי צוזאַמענצושליסן די מיליטערישע כוחות. בערך אַכט טויזנט מענטשן און אייניקע האַרמאַטן אין דער נאָענט פון פראַנקענהאַוזען. די באַוואָפנונג איז געווען אַ באַגרענעצטע. גאָר ווייניק אויפשטענדלער האָבן געהאַט מיליטערישע דערפאַרונג. קיין מיליטערישע קאָמאַנדירן זענען אינעם פּויערים־לאַגער ניט געווען.

די פירשן האָבן זיך באַנוצט מיט שווינדל, מיט ברעכן דעם געשלאָסענעם הסכם. דעם 16־טן מאַי האָבן זיך אָנגעהויבן די אונטערהאַנדלונגען, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט אַ וואָפנ־שטילשטאַנד. אַ קורצע צייט נאָך דעם זענען די זעלנער פון די פירשטן פלוצעם אָנגעפאַלן אויף די פּויערים. מינצער און זיינע פריינד האָבן פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויפן באַרג און זיך פאַרפעסטיקט הינטער אַ באַריקאַדע פון וועגענער. אַלס אָנדענק פון יענער געשעעניש ווערט ביז היינט אָנגערופן דער דאָזיקער פּלאַץ — „דער באַרג פון קריג". די פירשטן האָבן צוגעזאָגט צו געבן אַן אַלגעמיינע אַמנעסטיע, אויב די פּויערים־אַרמייען וועלן זיי איבערגעבן לעבעדיקערהייט דעם פירער פון דער רעוואָלוציע, מינצערן. די פּויערים האָבן אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע פאָדערונג. אין ווידערשפּרוך צום וואָפנשטילשטאַנד האָט די אַרמיי פון די פירשטן אַרומגערינגלט דעם גאַנצן באַרג, דורכגעריסן די פראָנט־ליניעס פון די אויפ־שטענדלער און געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה צווישן די פּויערים.

בערך פינף טויזנט פון די אַכט טויזנט פּויערים זענען דערהרגעט געוואָרן. די רעשט זענען אַנטלאָפן און דערגאַנגען ביז פראַנקענ־האַוזען. נאָך זיי זענען אין דער שטאָט אַריינגעדרונגען די ריטער פון דעם פירשט. די שטאָט איז איינגענומען געוואָרן. מינצער איז אַ

די שווידערלעכע נקמה פון די פירשטן

פֿאַרוווּנדעטער אין קאָפּ אַריינגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. דעם 25־טן מאַי איז איינגענומען געוואָרן אויך מילהאַוזען. מינצערן האָט מען אויסגעצויגן אויף דער פּייניקונגס־באַנק און אין דער אַנוועזנהייט פון די פירשטן האָט מען אָפּגעהאַקט זיין קאָפּ. מינצערס לעבן איז איבערגעריסן געוואָרן אין בליענדיקן עלטער פון 28 יאָר. מילהאַוזען איז געצוווּנגען געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן פון אירע רעכט אַלס פרייע רייכט־שטאָט און איז אַנעקסירט געוואָרן דורך זאַקסן.

אין עלזאַס איז אַביסל שפּעטער אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד. די פויערים־אָפּטיילונגען פונעם אונטערשטן עלזאַס האָבן זיך אָר־גאַניזירט נעבן עבערסהיים און אין טאָל פון ווילאַר און אָרביס. נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן אין אַ גרויסער מיליטערישער איינהייט פון די פויערים פון אונטערשטן עלזאַס, האָבן אָרגאַניזירט דאָס איינעמען שטעט און שטעטלעך און האָבן צעשטערט קלויסטערס. אין יעדן אָרט איז אויפגעפֿאָדערט געוואָרן איינער פון יעדע דריי איינוווינער אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי. די „12 אַרטיקלען" פון דער אַרמיי זענען געווען מער רעוואָלוציאָנערע פון די פּאַראַגראַפֿן פון שוואַביע און פראַנקאָניע.

אַן אָפּטיילונג פון דער פּויערים־אַרמיי פון אונטערשטן עלזאַס האָט דעם 10־טן מאַי פאַרנומען די שטאָט באַרקען, דעם 13־טן מאַי — ראַפּאָלסטווײַלער און דעם 14־טן מאַי — רײַכענווײַער. די אַלע שטעט זענען אײַנגענומען געוואָרן מיטן הסכם פון די שטאָטישע בירגער.

אַ צווייטע אָפּטיילונג פון דער פּויערים־אַרמיי האָט זיך געלאָזט צו דער לאָטערינגער גרענעץ און דאָרט אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד־באַוועגונג אין דער נאָענטסטער געגנט.

גרויסע פּויערים־לאַגערן זענען אויפגעקומען לעבן נויבורג, סאַרגמאַינד א.אַ. אין די וואָגעזישע בערג. נעבן שטירצעלברון און ווייסענבורג זענען אַנטשטאַנען נאָך פּויערים־אָפּטיילונגען. אַחוץ אייניקע שטעט איז ביז דער העלפט מאַי 1525 גאַנץ עלזאַס שוין געווען אין די הענט פון די פּויערים־אויפשטענדלער.

דער אויפשטאַנד איז אונטערדריקט געוואָרן ניט מיט די אייגענע מיליטערישע קרעפטן פון די דײַטשישע פירשטן. צום צעברעכן די קאַמפס־כוחות פון די עלזאַסער פּויערים האָט צוגעהאָלפן די פראַנצויזישע אַרמיי, וועלכע האָט געהאָלפן די דײַטשע פירשטן צו רעסטאַווירן די מאַכט פון די פעאָדאַלן.

דער פראַנצויזישער אַדל און די אַרמיי־רעזערוון פון שפּאַניע, פּיעמאָנט, לאָמבאַרדיע, גריכנלאַנד און אַלבאַניע, זענען אַרויס אין קאַמף מיט דרײַסיק טויזנט באַוואָפנטע מענטשן און האָבן דערשטיקט דעם אויפשטאַנד אין עלזאַס. דאָס ענדגילטיקע דערשטיקונג פונעם פּויערים־בונט איז געווען דער רעזולטאַט פון דער געמיינזאַמער מיליטערישער אינטערווענץ פון די אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציאָנערע כוחות, וועלכע האָבן צוזאַמענגעאַרבעט כדי צו באַזיגן די פּויערים און אַלע אַנדערע אַנטי־פעאָדאַלע כוחות אין דײַטשלאַנד.

# די סיבות פונעם דורכפאַל פון אויפשטאַנד

דער דורכפאַל פון פויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד איז געווען אַ רעזולטאַט פון פאַרשידענע סיבות. טייל פון זיי האָבן געהאַט אַן אָביעקטיוון כאַראַקטער, זיי האָבן געשטאַמט פון די באַדינגונגען פון יענער עפּאָכע. אַנדערע האָבן געהאַט אַ סוביעקטיוון כאַראַקטער, זיי זענען אַרויסגעדרונגען פון דעם נידעריקן ניוואָ פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע זענען אַרויס צום אויפשטאַנד.

די גרויסע צעשפּליטערונג פון דייטשלאַנד, די אָפּגעזונדערטקייט פון אירע פאַרשיידענע טיילן און די אוממעגלעכקייט בייצוקומען די צעשפּליטערונג אין יענער צייט איז געווען אַ וועזנטלעכער פאַקטאָר, וואָס האָט געבראַכט צום דורכפאַל. אַ ווייטערדיקער פאַקטאָר איז געווען דאָס פעלן פון צוזאַמענאַרבעט צווישן די אָפּאָזיציאָנעלע אַנטי־פעאָדאַלע כוחות. אַפילו יענע צוויי געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע זענען געווען צום נאָענטסטן איינער צום צווייטן — די פויערים און די פּלעבייער, האָבן אין דער מערהייט ערטער ניט געפירט קיין געמיינזאַמע טעטיקייט, נאָר זענען געבליבן אין צושטאַנד פון אָפּגעפרעמדקייט. אין דער מערהייט ראַיאָנען זענען די פויערים געווען טעטיק לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו און האָבן ניט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט אויפצושטעלן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט די פויערים פון דער שכנותדיקער געגנט. דערפאַר זענען די אָפּטיילונגען פון דער פויערים־באַוועגונג, ניט געקוקט אויף זייער מאַסן־כאַראַקטער, צעשלאָגן געוואָרן דורך די באַזונדערע פירשטן־אַרמייען. די צעשפּליטערונג פון די פויערים־כוחות האָט דערמעגלעכט זיי צו צעקלאַפּן. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די פירשטן־אַרמיי האָט מיט זיך ניט פאַרגעשטעלט אַפילו קיין צענט חלק פון די אויפשטענדלערישע כוחות.

טאָמאַס מינצער׳ס גרויסע פערזענלעכקייט האָט אויסגעשטראַלט איבער די פויערים־מאַסן, זיי דערמוטיקט צום באַשלוס אַרויסצוגיין אין קאַמף קעגן זייערע אונטערדריקער. כדי אָבער די אַל־דייטשע

די פירשטן שעכטן מאַסנווייז די אויפשטענדלערישע פויערים

פויערים־באַוועגונג זאָל זיגן, האָט זי זיך געניטיקט אין אַ קאָלעקטיוו פון פערזענלעכקייטן, וואָס וואָלטן געהאַט אָנפירונגס־פעאיקייט און טיפן וויסן ווי אַזוי צו פירן דעם קאַמף. אַזאַ פירער־קאָלעקטיוו איז אין יענער צייט ניט געווען. אין דעם דעמלטדיקן קאַמף האָט דער עיקר געווירקט די ספּאָנטאַנישקייט, די עמאָציאָנעלקייט און דער מיסטיציזם, אָבער ניט די ראַציאָנעלע פּלאַנירונג.

אין זיין ווערק וועגן פויערים־אויפשטאַנד פירט דורך ענגעלס אַ פאַרגלייך צווישן דעם דאָזיקן אויפשטאַנד מיט דער באַוועגונג פון 1848—50 אין דייטשלאַנד. ער שטעלט פעסט, אַז אויך אין יאָר 1848 זענען געווען קעגנזאַצן צווישן די אינטערעסן פון די אָפּאָזיציאָנעלע קלאַסן, און יעדער קלאַס האָט געפירט דעם קאַמף לויט זיין אייגענעם איינזען. די בורזשואַזיע איז שוין אין אַ געוויסער מאָס געווען אַנטוויקלט און איז ניט גרייט געווען איינצוגיין אויף דעם אַבסאָלוטיסטישן פעאָדאַלן רעזשים. אָבער זי איז נאָך ניט געווען גענוג שטאַרק און רייף, כדי דערפירן צו אַ קאָאָרדינאַציע פון די פאָדערונגען פון אַלע אַנדערע אַנטי־פעאָדאַלע קלאַסן מיט

אירע אייגענע פאָדערונגען. די פאָלקס־מענטשן, די קליינבירגער, האַנטווערקער, פויערים און די לוין־אַרבעטער זענען געווען אָפּגעזונדערט איינער פון צווייטן. די לאָקאַלע באַגרענעצטקייט וועלכע האָט געהערשט צווישן די פויערים אין יאָר 1525, האָט אויך געהאַט אַן אָרט צווישן די קלאַסן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג פון 1848. אין דער צייט אָבער, ווען דער אויפשטאַנד פון 1525 איז געווען אַ לאָקאַלע דערשיינונג בלויז אין דייטשלאַנד, איז די רעוואָלוציע פון 1848 ניט געווען קיין לאָקאַלע דערשיינונג, נאָר אַ טייל פון אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער אויפוואַכונג כמעט אין גאַנץ אייראָפּע.

דער פויערים־אויפשטאַנד איז אויף אַן אַכזריותדיקן אופן דערשטיקט געוואָרן אין 1525־טן יאָר דורך די אַרמייען פון די דייטשע פירשטן, ווי אויך דורך פרעמדע אַרמייען. אָבער די וויזיע, וועלכע האָט באַוויגן די פויערים צו אָרגאַניזירן די אויפשטאַנד־באַוועגונג, די וויזיע פון קאַמף צום פאַרניכטן די פעאָדאַלע פאַרשקלאַפונג, פאַר פרייהייט, גלייכהייט און סאָציאַלן יושר, האָט אויך ווייטער פאַרגעזעצט צו באַווירקן גרויסע געזעלשאַפטלעכע כוחות און האָט געבראַכט צום נצחון.

די פרויען פון מילהאַוזען נאָכן אויפשטאַנד

צווייטער טייל

# דער פארגייער פון די שפּעטערדיקע סאציאלע רעוואלוציעס

אין דעם גרויסן פּויערים־אויפשטאַנד האָבן לויט דער אָפּשאַצונג פון פרידריך ענגעלס זיך אַנטפּלעקט אויף אַן עמבריאָנעלן אופן, אַלע אַנטוויקלונגס־שטריכן וועלכע זענען געווען כאַראַקטעריס־טיש פאַר די שפּעטערדיקע רעוואָלוציעס. און באמת — אינעם אויפשטאַנד פון די פּויערים, פּלעבייער און שטאָט־בירגער קעגן דער לייבאייגנשאַפט, פאַר דער פּערזענלעכער פרייהייט, אין דעם אופן פון פאָרמולירן די פאָדערונגען, אינעם זוכן פאַרבינדעטע, אינעם שאַפן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און אין די ראַנגלענישן פאַר אַן אַנטשפּרעכנדיקער סטראַטעגיע און טאַקטיק, ווי אויך אין דער אַלגעמיינער באַפרייאונגס־וויזיע — אין דעם אַלעמען האָט גע־שטעקט אַ מעכטיקער, אידעאישער, געזעלשאַפטלעכער פּאָטענציאַל.

צווישן דעם גרויסן פּויערים־אויפשטאַנד און די שפּעטערדיקע סאָציאַלע רעוואָלוציעס איז פאַראַן סיי אַן ענלעכקייט און סיי אַ גרויסער אונטערשייד.

די סאָציאַלע קאַמפן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען פון דעם פּויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד, זענען פאַרגעזעצט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע דורות און האָבן זיך אַנטוויקלט מיט אַ גרויסן פאַרנעם, מיט אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער מאָראַלישער קראַפט, בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון יאָר 1789. די אינעווייניקסטע אַנטוויקלונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד אין יאָר 1525 און האָט געטראָגן אַ פּראָגרעסיוו־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, האָט ניט באַוויזן צו זיגן. זי האָט אָבער געזיגט מיט אייניקע דורות שפּעטער. מיר וועלן דאָ, בקיצור, פאָרשטעלן אייניקע פון די דאָזיקע אַנטוויקלונגען.

# דער קאַמף פאַר אָפּשאַפן די פעאָדאַלע אָרדנונג

דער גרויסער פּויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד איז געווען דער פאָרגייער פון די סאָציאַלע רעוואָלוציעס, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די שפּעטערדיקע דורות אין דייטשלאַנד, אין גאַנץ אייראָפּע און אויף אַנדערע קאָנטינענטן קעגן דער פעאָדאַלער אָרדנונג. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָפיציעל אָפּגעשאַפט דעם פעאָדאַלן סיסטעם. דאָס איז געשען דעם 4־טן אויגוסט 1789, נאָך אַ סך פּויערים־אויפשטאַנדן אין גאַנץ פראַנקרייך.

די „12 פּאַראַגראַפן", וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דער פּויערים־באַוועגונג אין דייטשלאַנד, זענען בעצם דער ערשטער אַלגעמיינער מאַניפעסט, וואָס האָט אין אַברייטן פאַרנעם אויסגעדריקט דעם פּראָטעסט קעגן די קאָנקרעטע פאָרמען פון פאַרשקלאַפונג, דערנידעריקונג און ווילקיר פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג. דער דאָזיקער דאָקומענט האָט גענוי פאָרמולירט די פאָדערונגען פון די פּויערים־מאַסן וועגן אָפּשאַפן צוואַנגס־אַרבעט, פערזענלעכע פאַרשקלאַפונג, ווילקירלעכע משפּטים, באַרויבן אלמנות, אַנווענדן די פליכט פון צענטחלק, ווילקירלעכע אָפּצאָלן א.דגל., ניט דערפירנדיק דערוויייל צו אַן אַלגעמיינער דעפינירונג, וואָס שייך דעם אַנטי־פעאָדאַלן אינהאַלט פון דעם דאָזיקן קאַמף.

נאָך אַ לענגערער היסטאָרישער אַנטוויקלונג אין משך פון צוויי הונדערט פיר און זעכציק יאָר איז אויסגעבראָכן די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע. די נאַציאָנאַלע פראַנצויזישע פאַרזאַמלונג האָט אין דער נאַכט פון 4־טן אויגוסט 1789־טן יאָר באַשלאָסן אָפּצושאַפן אַלע שטייערן־פּריווילעגיעס און אַלע פאָרמען פון פערזענלעכער פאַרשקלאַפונג פון די פּויערים אין פראַנקרייך. ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אָפּצושאַפן דאָס רעכט פון די גוטבאַזיצער אויף יאַגד, די רעכט פון די האַרן לגבי דער יוסטיף, דאָס רעכט צו קויפן שטעלעס, דעם צענטחלק פאַר די גייסטלעכע, קאָרפּאָראַציעס א.ד.גל.

די דאָזיקע באַשלוסן זענען אָנגענומען געוואָרן אונטערן דרוק פון גרויסע פּויערים־בונטן. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די דאָזיקע וויכטיקע באַשלוסן זענען אָנגענומען געוואָרן אָן אַ פּרווו פון רעוויזיע, אָדער אַז זיי זענען גלייך פאַרווירקלעכט געוואָרן. פאַרקערט: בעת מ׳איז צוגעטראָטן צום פּינקטלעכן פאָרמולירן די באַשלוסן, האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג זיך באַמיט צו באַגרענעצן ווי ווייט מעגלעך דעם פאַרנעם פון זייער פאַרווירקלעכונג.

אַרום דער פראַגע וועגן צעטיילן דעם קירכלעכן באָדן האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ געזעלשאַפטלעכער פּאָליטישער קאַמף, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן אין משך פון דורות. די דאָזיקע פאָדערונג איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויף אַן עמבריאָנעלן, אָבער אַנטשלאָסענעם און אַרגומענטירטן אופן דורך די פּויערים אין דייטשלאַנד אין אָנהייב פון 16־טן יאָרהונדערט. דער צווייטער פּאַראַגראַף פון די „12 פּאַראַגראַפן" דריקט אויס די פאָדערונג, אַז די דאָרפישע געמיינדע זאָל באַגרענעצן די הכנסה פון די גייסטלעכע. דער דאָזיקער דאָקומענט האָט אויך געפאָדערט פון די קלעריקאַלע און סעקולערע גוטבאַזיצער אומצוקערן אַלס געזעלשאַפטלעך אייגנטום פון דער דאָרפישער געמיינדע די טייכן (פערטער פּאַראַגראַף) די וועלדער (פינפטער פּאַראַגראַף) און די פּאַשע־לאַנקעס (צענטער פּאַראַגראַף), וועלכע זענען אַוועקגענומען געוואָרן ביי די פּויערים מיט כוח. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער גרויסער פּויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד, אין יאָר 1525 האָט זיך ניט געענדיקט מיט אַ נצחון, זענען די דאָזיקע פאָדערונגען געבליבן אין צענטער פון די פּויערים־קאַמפן אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער.

דעם 2־טן נאָוועמבער 1789 זענען אין פראַנקרייך אָפיציעל נאַציאָנאַליזירט געוואָרן די גיטער פון די גייסטלעכע. ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אַ ספּעציעלער געזעץ וועגן איבערגעבן דאָס קירכלעכע אייגנטום אין רשות פונעם פאָלק, וועגן אַ קירכלעכער רעפאָרם, וועגן שטעלן די גייסטלעכע אונטער דער פולער קאָנטראָל פון דער מלוכה און אַנולירן די רעגלאַמענטאַציע און די באַגרענעצונגען, וואָס האָבן געשטערט דער אַנטוויקלונג פונעם האַנדל און פון דער אינדוסטריע.

אין פרילינג 1525־טן יאָר האָבן די פּויערים־אויפשטענדלער אין דעם גרעסטן טייל פון דייטשלאַנד גענומען זייער גורל אין די הענט.

**זיי האָבן** קאָנפיסקירט די קירכלעכע ערד און זי צעטיילט צווישן די אָרעמע פויערים, אין הסכם מיט מינצער׳ס אָנווייזונגען. **דאָס דערשטיקן דעם אויפשטאַנד דורך די פירשטן־אַרמייען און דורכן פרעמדן מיליטער (פון פראַנקרייך, שפּאַניע, פּיעמאָנט און לאָמ־באַרדיע), האָט אין יענער עפּאָכע געבראַכט צום צוריקקערן דעם באָדן־אייגנטום צו דער פריערדיקער לאַגע.**

**דאַקעגן** אין 1789־טן יאָר איז דער קאַמף אין פראַנקרייך פאַר קאָנפיסקירן די קירכלעכע גיטער און דאָס פאַרוואַנדלען זיי אין מלוכה־אייגנטום געענדיקט געוואָרן מיט אַ זיג.

# די פרייהייט פון מענטש
# און די פּאָלקס־סוּווערעניטעט

דער באַוווּסטזיין, אַז דער מענטש דאַרף זיין פריי, אַז דער אַנטשלאָסענער ווילן צום אָפּשאַפן די פערזענלעכע פאַרשקלאַפונג און דער אַקטיווער קאַמף פאַר פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן יסודותדיקן פּרינציפּ, זענען געווען די שטויסקראַפט וואָס האָט געפירט צום פּויערים־אויפשטאַנד אין 1525־טן יאָר. דער דאָזיקער געדאַנק איז אין יענער עפּאָכע אויסגעדריקט געוואָרן אויף אַ דרייסטן אופן, אָבער אָן טעאָרעטישער פאַרטיפונג און באַגרינדונג.

אינעם דריטן פּאַראַגראַף פון דעם יסודותדיקן דאָקומענט פון דער פּויערים־באַוועגונג, אין די „12 פּאַראַגראַפן" ווערט געזאָגט: „ביז איצט פלעגן די האַרן אונדז באַטראַכטן ווי זייער שקלאַפן־אייגנטום. דערויף באַקלאָגן מיר זיך, און ס׳איז אונדז זייער פאַר־דריסלעך, ווייל קריסטוס האָט פאַרגאָסן זיין בלוט פאַר אַלעמען. ער האָט אַלעמען אויסגעלייזט אַלס זיינע ווירדיקע פּאַסטעכער. ס׳קומט דעריבער אויס, לויט די הייליקע שריפטן, אַז מיר זענען פריי און מיר ווילן לעבן פריי".

וואָס שייך דער געהאָרכזאַמקייט צו דער מאַכט, ווערט אינעם זעלבן פּאַראַגראַף געזאָגט: „מיר וועלן ניט זיין געהאָרכזאַם צו קיין ווילקירלעכע מאַכט". צוזאַמען אָבער מיט דער נעגאַציע, שטעלט פעסט דער פּאַראַגראַף, אַז „מיר וועלן גערן זיין געהאָרכזאַם צו דער מאַכט, וואָס מיר האָבן אַליין אויסגעקליבן און באַשטימט איבער זיך".

ס׳געפינט זיך אַזוי אַרום אין דעם דאָזיקן דאָקומענט אַ לאָגישער צוזאַמענהאַנג צווישן געדאַנק וועגן דעם מענטשנ׳ס פרייהייט און דער געהאָרכזאַמקייט בלויז צו אַזאַ מאַכט, וועלכע דער מענטש האָט אַליין אויסגעקליבן.

דער דאָזיקער געדאַנק איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דעם דאָקומענט פון דער פּויערים־באַוועגונג אויף אַן אורשפּרינגלעכן, דרייסטן און קאַטעגאָרישן אופן. אַן אַנטשלאָסענע פעסטשטעלונג, אַז „יעדער מענטש איז געבוירן פריי", איז פאַראַן אין די 69 פּאַראַ־גראַפן פון די שטילינגער פּויערים, וועלכע זענען דעפינירט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערב דעם גרויסן אויפשטאַנד. זיי האָבן געשילדערט דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער פעאָדאַלער־פאַר־שקלאַפונג און געבראַכט צום אויספיר די פאָדערונג פון פולשטענדיקן אָפּשאַפן די פאַרשקלאַפונג.

דער דאָזיקער גרויסער אוניווערסאַלער געדאַנק, איז אַנטוויקלט געוואָרן דורכן פילאָזאָף זשאַן זשאַק רוסאָ אין דעם „סאָציאַלן קאָנ־טראַקט". דער דאָזיקער געדאַנק איז געוואָרן דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן זיך זייער אַקטיוו באַטייליקט אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זענען באַגייסטערט געוואָרן דורך דעם גרויסן אידעאַל, וועלכער איז פאַרטיפט געוואָרן דורך די פילאָזאָפן פון 18־טן יאָרהונדערט. אין דער „דעקלאַראַציע פון די רעכט פונעם מענטשן און בירגער", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, דעם 26־טן אויגוסט 1789־טן יאָר איז דער דאָזיקער געדאַנק פּראָקלאַמירט געוואָרן אויף אַן אַנטוויקלטן און באַגרינדעטן אופן. ער איז פאַראַן אינעם ערשטן פּאַראַגראַף פון דער דאָזיקער היסטאָרישער דעקלאַ־ראַציע. אויף אַ זאַכלעכן און ראַציאָנעלן אופן און אין אַ פייערלעכער אַטמאָספער איז דאָרט געזאָגט געוואָרן:

„די מענטשן ווערן געבוירן און זענען פריי און גלייכבאַרעכטיקט. ס'וועלן ניט זיין קיין שום געזעלשאַפטלעכע אונטערשיידן, אַלץ וועט זיין אויפן יסוד פון אַלגעמיינעם נוצן".

אינעם דריטן פּאַראַגראַף פון דער דאָזיקער דעקלאַראַציע ווערט געזאָגט, אַז דער פּרינציפּ פון יעדער סוווערעניטעט איז פאַרקערפּערט אינעם וועזן פונעם פאָלק. קיין שום קערפּערשאַפט, קיין שום פּרט קען ניט פּרעטענדירן אויף אַזאַ מין קאָמפּעטענץ, וואָס קומט ניט אויסדריקלעך פונעם פאָלק.

דער געדאַנק וועגן מענטשנ'ס פרייהייט און וועגן דער פאָלקס־

סוווערעניטעט, וואָס איז אויף אַן אורשפּרינגלעכן, עמבריאָנעלן אופן געקומען צום אויסדרוק אין דער שטרעבונג פון דער פויערים־באַוועגונג, האָט באַקומען אַ צענטראַלן פּלאַץ אין די צילן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט די פרייהייט פון מענטשן און די פאָלקס־סוווערעניטעט באַגרינדעט אויף אַ גרינטלעכן, טיפן, אוניווערסאַלן און קאַטעגאָרישן אופן.

# די פֿאָלקס־מאַסן אַלס פֿאַקטאָר וואָס שאַפֿט געשיכטע

דער פּויערים־אויפֿשטאַנד פֿון יאָר 1525־טן יאָר האָט אויף אַ בולטן און נייעם אופֿן דערהויבן די פֿאָלקס־מאַסן אַלס געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַקטאָר, וועלכער שאַפֿט די געשיכטע, אַלס געזעלשאַפֿטלעך־באַוווּסטזיניקער טרעגער, וועלכער גייט אַרויס אין קאַמף צום צע־שטערן די פֿאַרשקלאַפֿונג פֿונעם מענטשן. ניט געקוקט דערויף וואָס דאָס פֿאַררופֿן זיך אויף גאָטס געבאָט, איז געווען אַן אַלגעמיין־כאַראַקטעריסטישע ליניע אין דעם פּויערים־קאַמף, איז דאָך דאָס נייע, וואָס ס'ברענגט מיט זיך די פּויערים־באַוועגונג די גרויסע, אָנגע־שטרענגטע געזעלשאַפֿטלעכע, אויפֿקלערערישע און אָרגאַניזאַציאָ־נעלע אַרבעט פֿון די פּויערים־מאַסן, פֿון פֿלעבייער ביים שאַפֿן די געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג און אָרגאַניזירן דעם אויפֿשטאַנד.

דער רוף פֿון טאָמאַס מינצער צו די קוילן־גרעבער פֿון מאַנספֿעלד שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ דאָקומענט, וואָס דריקט אויס די געפֿילן פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, דעם באַוווּסטזיין, אַז פֿון זיי הענגט אָפּ דער זיגרייכער אויסגאַנג פֿונעם קאַמף. אינעם דאָזיקן רוף איז פֿאַראַן אַ דרייסטע ווענדונג צו די אַרבעטער־מאַסן פֿון די קוילן־גרובן, זיי זאָלן „אויפֿשטיין און אַרויס אין קאַמף".

די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע ווענדונג איז אַ ביישפּיל פֿון דעם יסודותדיקן געדאַנק, ווי נויטיק עס איז אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן די פּויערים און די לוין־אַרבעטער פֿאַר דעם דערפֿאָלג פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף קעגן אומגערעכטיקייט.

אין דעם דאָזיקן בריוו ווערט, צווישן אַנדערן, געזאָגט: „גאָט קען זיך מער ניט באַווייזן צו די מענטשן. איר מוזט אַליין זיין אַנטשלאָסן, ווייל אויב ניט, וועלן אַלע אייערע קרבנות זיין אומזיסטע. זייט ניט פֿאַרצווייפֿלט, וואַכט אויף!

נעמט אין אייערע הענט גאָטס טאַט און גייט אַרויס אויף דעם שלאַכט־פֿעלד. ס'איז געקומען די צייט פֿון מעשים! רעדט

צו די הערצער פון אייערע ברידער, זיי זאָלן ניט אַוועקגיין פון גאָטס געבאָט. אַנדערש וועט זיי דראָען פאַרניכטונג. גאַנץ דייטשלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע זענען שויך אויפגעוואַכט. גאָט וויל, אַז איר זאָלט אָנהויבן טאָן זיינע מעשים און די רשעים וועלן אונטערגיין.

וועקט אויף אייערע ברידער, כדי זיי זאָלן אונטערשטעלן זייערע פּלייצעס און רעדט צו זייערע הערצער זיי זאָלן זיין גרייט. עס האָט געשלאָגן די שעה! איילט זיך און נעמט זיך צו מעשים!"

אַן ענלעכן גלויבן אין די פאָלקס־מאַסן, אָבער אַ סך מער אַנטוויקלטער, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם „דריטן קלאַס", בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

דער באַוווּסטזיין, אַז די פאָלקסמאַסן, וואָס זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס אָנגעהעריקע צום „דריטן קלאַס", שטעלן מיט זיך פאַר דעם צענטראַלן געזעלשאַפטלעכן טרעגער פונעם קאַמף קעגן פעאָ־דאַליזם, קעגן דער מאָנאַרכיע און אַבסאָלוטיזם, איז געווען אַן אַלגעמיינער.

דער רוף צו די פאָלקס־מאַסן בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פונעם 1789־טן יאָר, אַז זיי זאָלן דורכפירן דעמאָקראַטישע ענדערונגען, איז געווען דאָס פּרינציפּיעל נייע אין יענער צייט. דער אַקטיווער אָנטייל פון די פאָלקסמאַסן אין די שפּעטערדיקע רעוואָלוציעס, אין דער עפּאָכע פון פעלקער־פרילינג אין 1848־טן יאָר אין גאַנץ אייראָפּע, בעת דער פּאַריזער קאָמונע אין 1871־טן יאָר, איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין דער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע.

אין דער צייטונג פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק (נומער 108 פונעם 17־טן יאַנואַר 1793) איז פאַרעפנטלעכט זייער אַ כאַראַק־טעריסטישער רוף א.ג. „דאָס אָרעמע פאָלק — דער אמתער פאַרטיי־דיקער פון דער רעוואָלוציע". אין דעם דאָזיקן רוף ווערט געזאָגט: „די באַסטיליע איז צעשמעטערט געוואָרן ביזן יסוד, די טיראַניע איז באַזיגט, צוויי נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונגען זענען דורכגעפאַלן צוליב דער גרויסער פאַרביטערטקייט פונעם פאָלק. די שחיטות, וועלכע האָבן געזאָלט צעשמעטערן די פרייהייט, ברענגען צו איר צוריקקער. די מלוכה, צו וועלכער מ'האָט זיך געבוקט ווי צו דער שענסטער פאָרם פון רעגירן, איז אויסגעשפּיגן געוואָרן אַלס שטערונג פאַר דער מענטשהייט.

די שוואַרץ־אַרבעטער, די אַרבעטנדיקע, די האַנטווערקער און נויטבאַדערפטיקע, — פאַרענדיקט דער רוף — זיי זענען עס די איינציקע, וועלכע האָבן איר געשיצט מיט זייערע אַלע כוחות און האָבן איר פאַרגעטערט, קעגנשטעלנדיק זייערע שונאים דעם כוח פון זייערע הענט און די אוצרות פון זייער גייסטרייכן מוט".

די דאָזיקע ווענדונג צום פאָלק איז אַ באַווייז, ווי אַזוי עס האָט זיך אויספאָרמירט דער באַוווסטזיין וועגן דער אַנטשיידנדיקער ראָל פון די פאָלקסמאַסן בעת גרויסע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען.

## דער פּראָטעסט קעגן ווילקירלעכע שטייערן
## די אַלטערנאַטיוו פון הכנסות און הוצאות

די פּויערים־באַוועגונג האָט אויף דער טאָג־אָרדנונג אַוועקגע־שטעלט די פראַגע וועגן שווערן שטייערן־יאָך אַלס פּראָבלעם, וואָס האָט געפאָדערט אַן ענדערונג. דער פּראָטעסט קעגן דעם ווילקיר ביים אַרויפלייגן שטייערן, קעגן דער אומגערעכטיקייט ביים באַשטימען דעם אופן פון באַשטייערן איז געקומען צום אויסדרוק אין די „12 פּאַראַגראַפן" פון דער פּויערים־באַוועגונג.

אינעם 2־טן פּאַראַגראַף פונעם דאָזיקן דאָקומענט ווערט אויס־געדריקט דער פּראָטעסט קעגן דעם צענטחלק שטייער, דעם קירכ־לעכן און דעם סעקולערן. ס'ווערט דאָרט געזאָגט, אַז „מיר ווילן אים ניט געבן בכלל". ס'ווערט דאָרט אויך אויסגעדריקט די קעג־נערשאַפט צום אַרויפלייגן מדינה־שטייערן אויף אָרעמעלייט. „אויב מ'וועט דאַרפן מאַכן רייזעס לטובת מדינה־צוועקן — ווערט דאָרט געזאָגט — וועט ניט דערלויבט ווערן אַרויפצולייגן פאַר דעם צוועק קיין מדינה־שטייער אויף די אָרעמעלייט. די הוצאות וועט מען דעקן פונעם רעשט, וואָס וועט זיך צונויפקלייבן פון יענע הכנסות, וואָס ווערן דורך די פּויערים באַטראַכט אַלס באַרעכטיקטע".

אין 8־טן פּאַראַגראַף ווערט געזאָגט, אַז „אויב עס איז דאָ באָדן וואָס קען ניט אויסטראָגן דעם באָדנס־שטייער און די פּויערים ווערן דעריבער רואינירט, דאַרף מען אויספאָרשן דעם באָדן און באַשטימען דעם באָדן־שטייער לויט אַ גערעכטער־מאָס".

די קעגנערשאַפט צו די פיל ווילקירלעכע שטייערן, איז פאָרמו־לירט אינעם דאָזיקן דאָקומענט אויף אַ האַלב־שעמעוודיקן, מעסיקן און עמבריאָנעלן אופן.

אין גאַנג פון די בונטן, האָבן די פּויערים אָנגעהויבן ניט צו אָנערקענען די מאָראַלישע קאָמפּעטענץ פון די גייסטלעכע און פירשטן צו באַשטימען די סיסטעם פון הכנסות און הוצאות. אין די „12 פּאַראַגראַפן" זענען פּאַקטיש געגעבן געוואָרן די ערשטע

שטריכן פון אַן אַלטערנאַטיוו פון אַ פאָלקס־סיסטעם פון שטייערן־הכנסות און הוצאות. דאָס איז נאָך געווען אין אַ פּרימיטיווער פאָרם, אָבער דאָך איז עס געווען מער צוגעפּאַסט צו די געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן. דאָס אַנטפּלעקט זיך אויף אַן עמבריאָנעלן אופן אין דעם צווייטן טייל פון די „12 פּאַראַגראַפן". דאָרט לייגן פאָר די פויערים זיך צו באַנוצן מיט אַ טייל פון רעשט פון צענטחלק, כדי עס צעטיילן צווישן די אָרעמעלייט און אויך אויף אַלגעמיינע הוצאות פון דער מדינה. זיי פאָדערן זיך צו באַנוצן מיט אַ טייל פון רעשט פון צענטחלק, כדי צו צעטיילן צווישן די אָרעמעלייט און אויך פאַר אַלגעמיינע מלוכה׳שע הוצאות. זיי פאָדערן אויך זיך צו באַגנוגענען דערמיט און ניט אָרויפלייגן קיין ספּעציעלע שטייערן לטובת „רייזע־הוצאות".

אין דער „גלאָררייכער רעוואָלוציע" אין ענגלאַנד (אין 1689־טן יאָר) האָט דער קעניג וויליאַם אונטערגעשריבן די „דעקלאַראַציע פון רעכט" (Bill of Rights), וואָס האָט געהערט צו די יסודותדיקע געזעצן פונעם לאַנד. אין דער דאָזיקער דעקלאַראַציע איז פאָראַן די בפירושע פאַרפליכטונג ניט צו נעמען קיין שטייערן אָן דער הסכמה פון פּאַרלאַמענט, וועלכער וועט זיך צונויפקומען, אויפן יסוד פון פרייע וואַלן, לכל הפחות איין מאָל אין דריי יאָר און יעדן אויסגעוויילטן וועט דאָרט געגעבן ווערן פרייהייט פון וואָרט. דאָס רעכט פון די אויסגעוויילטע צו באַשטימען די באַדערפעניש פון שטייערן און די קאָנטראָל פון די פאָלקס־פאָרשטייער איבער דעם אופן פון באַנוצן זיך מיט די שטייערן, איז געקומען בולט צום אַנטשיידענעם אויסדרוק אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אין דעם 14־טן פּאַראַגראַף פון דער „דעקלאַראַציע פון מענטש און בירגער" ווערט געזאָגט, אַז אַלע בירגער האָבן די רעכט זיך צו איבערצייגן אַליין, אָדער, דורך זייערע געוויילטע פאָרשטייער, צי ס׳איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט אַרויפצולייגן דעם אָדער אַנדערן שטייער, צו באַשטימען וועגן שטייערן לויט זייער אייגענעם ווילן, וועגן אופן פון באַנוצן זיך מיט די שטייערן, זייער הויך, פאַרנעם, אופן פון אויפמאָנען און די צייט פון זייער גילטיקייט.

## דער בונט פון די נאָטאַבלען
## צעטרייסלט די פעאָדאַלע געזעלשאַפט

ערב דעם גרויסן פויערים־אויפשטאַנד, אין יאָר 1522, איז אין דייטשלאַנד פאָרגעקומען אַ בונט פונעם אַדל קעגן די פירשטן. דער דאָזיקער בונט איז דורכגעפאַלן, אָבער ער האָט באַוויזן צו צעטרייסלען די פעאָדאַלע געזעלשאַפט פון 16־טן יאָרהונדערט. ער האָט פאַרגרעסערט די אינעווייניקסטע געזעלשאַפטלעכע יוירונג, צוגעגעבן מוט ברייטערע טיילן פון די פויערים זיך אָנצושליסן אין דער אויפשטאַנד־באַוועגונג. דער דאָזיקער בונט איז פאַקטיש געווען אַן אַריינפיר צו דעם אַלגעמיינעם פויערים־אויפשטאַנד אין פרילינג 1525.

דער אינעווייניקסטער ווידערשפרוך, וואָס האָט זיך אויסגעברייטערט צווישן די פריווילעגירטע קלאַסן, איז אַזוי אַרום אָביעקטיוו געווען אַ הילפס־פאַקטאָר פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג פון דער פויערים־באַוועגונג.

אַן ענלעכע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג האָט געהאַט אַן אָרט אין פראַנקרייך, ערב דער גרויסער רעוואָלוציע. אַ יאָר פאַרן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, אין 1788־טן יאָר, האָט אין פראַנקרייך זיך אָנגעהויבן אַ בונט פון דעם אַדל קעגן אַבסאָלוטיזם. אין זיין קאַמף קעגן דער מאָנאַרכיע, פאַר אירע אייגענע רעכט האָט דער אַדל זיך באַנוצט מיט געוויסע רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן. די פראַנצויזישע נאָטאַבלען האָבן אָנגעצייכנט אַ פּלאַן צום אויפשטעלן אַ קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים. מיט דער פאָדערונג, אַז צו דער פאַרזאַמלונג פון די שטאַנדן זאָל געהערן די קאָמפּעטענץ צו באַשטימען שטייערן האָט דער אַדל געשטרעבט צו האָבן אין אַלע מאַכט־אינסטיטוציעס זיין אייגענע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע רעפּרעזענטאַנץ.

אויך בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז דער אַדל געווען יענער קלאַס, וואָס האָט אָנגעהויבן דעם אינעווייניקסטן אויפשטאַנד קעגן דער מאָנאַרכיע. אין דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן

קאַמף האָט דער אַדל מיטגעצויגן מיט זיך דעם דריטן קלאַס. די שטרעבונג פון פראַנצויזישן אַדל איז געווען אָפּצוהיטן אירע אייגענע רעכט און אויפן חורבן פון אַבסאָלוטיזם — פּאַרפּעסטיקן איר פּאָליטישע הערשאַפט. דער בונט פון אַדל האָט זיך אין פראַנקרייך פון יענער צייט געענדיקט מיט אַ נצחון. ער האָט געבראַכט ניט בלויז צו אַ טיפער אויפטרייסלונג פון די יסודות פון דער מאָנאַרכיע, נאָר האָט אויסגעלייגט דעם וועג צו אַ גרויסער און טיפער רעוואָלוציע — צו דער רעוואָלוציע פונעם דריטן קלאַס.

## דער געדאַנק וועגן אָפּשאַפן די מאָנאַרכיע — אַ טייל פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף

אין יאָר 1514 האָט אין אונגאַרן זיך צונויפגעגאָסן דער גרויסער אויפשטאַנדס־שטראָם פון די פּויערים קעגן זייער פאַרקנעכטונג מיט דעם קאַמף קעגן דער הערשאַפט פון קעניג. אין גאַנג פונעם אויפשטאַנד אין אונגאַרן איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן די מאָנאַרכיע און ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעפּובליק, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן נאָר עטלעכע טעג. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אַנטוויקלט אין די ראַמען פון דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד קעגן דער פעאָדאַלער פאַרקנעכטונג. די נקמה פון די מלוכה־אָנהענגער אין דעם פירער פונעם אויפשטאַנד איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך־אַכזריותדיקע. די פאַרשטייער פון דער מאָנאַרכיע האָבן מיט אָנגעגליטע אייזנס געברענט דעם קערפּער פון רעפּובליקאַנישן פירער. דער גרויסער בונט קעגן די גוטבאַזיצער, וועלכע האָבן ניט מסכים געווען צו באַפרייען די פּויערים, האָט אין דעם אויפשטאַנד זיך צונויפגעגאָסן מיט אַ מעכטיקן פּראָטעסט קעגן דער מאָנאַרכיע, מיטן פּרווו צו פאַרענדיקן מיט איר. דער דאָזיקער פּרווו האָט זיך דעמלט אין אָנהייב פון 16־טן יאָרהונדערט געענדיקט מיט אַ מפּלה.

אין דער פּאָליטישער אויפקלערונג פון טאָמאַס מינצער איז געווען זייער אַ קלאָרע קעגנערשאַפט לגבי דער מאַכט פון די טיראַנען, די פירשטן און קעניגן. מינצער האָט גערופן די אונטער־דריקטע פאָלקס־מאַסן צו שאַפן אַ רעפּובליקאַנישע מלוכה־אָרדנונג. אין דעם פּויערים־אויפשטאַנד איז אַזוי אַרום צונויפגעפלאָכטן געוואָרן אויף אַן אַלגעמיינעם אידעישן אופן, דער געדאַנק וועגן אָפּשאַפן די מאָנאַרכיע און איינשטעלן אַ מער דעמאָקראַטישע אָרדע־נונג, אַ רעפּובליקאַנישע. די באַדינגונגען אין דייטשלאַנד ביים אָנהייב פון 16־טן יאָרהונדערט זענען נאָך ניט געווען רייף צום פאַרווירקלעכן אַזאַ טיפע ענדערונג, אָבער דער קאַמף פאַר אָפּשאַפן

די מאָנאַרכיע, פאַר אַ רעפּובליקאַנישן רעזשים איז ווייטער פאָרגע־
זעצט געוואָרן.

אין 17־טן יאָרהונדערט האָט אין ענגלאַנד זיך געפירט אַ גרויסער פאַרלאַמענטאַרישער קאַמף איינצייטיק קעגן ווילקיר ביים אַרויפלייגן שטייערן און פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה־אָרדנונג, דורך ליקווידירן די מאָנאַרכיע. אין 1648־טן יאָר האָט דער ענגלישער פאַרלאַמענט באַשלאָסן פאַרמשפּטן צום טויט דעם קעניג טשאַרלס סטיואַרט דעם ערשטן. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן אין לאָנדאָן עפנטלעך אין 1649־טן יאָר. דאָס אָפּשאַפן די מאָנאַרכיע אין ענגלאַנד איז דאַן געווען בלויז אַ צייטווייליקע געשעעניש. נאָך אַ קורצער צייט איז דאָרט די מאָנאַרכיע צוריק איינגעשטעלט געוואָרן. אָבער דער פּרינציפּיעלער באַדייט פון יענעם קאַמף אין ענגלאַנד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס שוין אין יענער צייט האָט זיך אויף אַ בולטן אופן צוזאַמענגעפלאָכטן דער סאָציאַלער קאַמף מיט דעם דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישן געדאַנק.

איינע פון די אַנטשיידנדיקע געשעענישן בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען דאָס אַנטלויפן פונעם קעניג לואי דער 16־טער (אין יוני 1790־טן יאָר). ער האָט זיך געגרייט צוזשטיין צו דער עסטרייכישער אַרמיי כדי איינצונעמען פּאַריז, צעטרייבן די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג און באַנייען זיין מאָנאַרכיסטישע הערשאַפט. דאָס אַנטלויפן פונעם קעניג האָט געווירקט צום פאַרשטאַרקן די דעמאָקראַטישע באַוועגונג. די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן אַראָפּצוזעצן דעם קעניג, אָפּשאַפן דעם וועטאָ און פּראָקלאַמירן פראַנקרייך אַלס רעפּובליק. דער קאַמף פאַר דער רעפּובליק האָט זיך געפירט אַ לאַנגע צייט, געהאַט הויך־פּונקטן און קריזיסן, דערפאָלגן און דורכפאַלן. דער דאָזיקער קאַמף איז געווען אַן אומטיילבאַר גליד פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג ביז צום אַנטגילטיקן נצחון פון דעם רעפּובליקאַנישן געדאַנק.

די ליקווידאַציע פון דער מאָנאַרכיע אין דייטשלאַנד איז ענדגילטיק פאָרגעקומען בעת דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע אין 1918־טן יאָר, אַלס טייל פונעם קאַמף צום פאַרענדיקן די 1־טע וועלט־מלחמה און פאַר פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען. דעם 9־טן נאָוועמבער 1918, אין דער צייט פון די גרויסע אַרבעטער־

דעמאָנסטראַציעס אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן געפאָדערט אָפּצו־
שטעלן די מלחמה און אָפּשאַפן די מאָנאַרכיע, האָט דער קייזער
ווילהעלם דער 2־טער געמאָלדן דעם רייכסקאַנצלער, אַז ער האָט
באַשלאָסן צו אַבדיקירן. דעם 9־טן נאָוועמבער 1918־טן יאָר האָט
שײַדעמאַן פּראָקלאַמירט דאָס שאַפן אַ „פרייע דייטשע רעפּובליק".
דעם 10־טן נאָוועמבער 1918־טן יאָר האָט די גרויסע פאַרזאַמלונג
פון אַרבעטער און זעלנער־ראַטן אין בערלין געפאָדערט אויפצושטעלן
אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק און תיכף דורכפירן אַ פולע נאַציאָ־
נאַליזאַציע פון די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־מיטלען. אין דעם
זעלבן טאָג האָט די דייטשע רעגירונג פאַרעפנטלעכט אַ פּראָקלאַמאַציע
אין וועלכער זי מעלדעט וועגן אַראָפּזעצן די דורותדיקע האַלב־
אַבסאָלוטיסטישע מאַכט און וועגן די פרייהייטן, וועלכע זענען
דערגרייכט געוואָרן דורך די אַרבעטער (אָפּשאַפן פון דער צענזור,
פרייהייט פון אָרגאַניזירונג, פון פאַרזאַמלונגען און פון וואָרט, 8־
שעה'דיקער אַרבעטס־טאָג א.ד.גל.).

אין רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע פון 1918־טן יאָר אין
דייטשלאַנד איז ליקווידירט געוואָרן די מאָנאַרכיע, איז געקומען אַ
סוף צו דער 1־טער וועלט־מלחמה. אין די באַזונדערע דייטשישע
מדינות איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די מאַכט פון די פירשטן. עס איז
געשאַפן געוואָרן אַ בורזשואַז־פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק. אין
דייטשלאַנד זענען אַנטשטאַנען אַרבעטער־ראַטן און עס זענען גע־
זיכערט געוואָרן אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע וואַלן.

## דער אַנטייל פון די פּלעבייאישע קרייזן און טייל אינטעליגענץ אינעם אויפשטאַנד

אײנע פון די דערשײנונגען מיט װעלכע עס האָט זיך אונטערשײדט דער גרויסער פּויערים־אויפשטאַנד פון די פריערדיקע אויפשטאַנדן, איז געװען דער אַנטייל אין אים מצד שטאָטישע פּלעבייער און פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. בעתן צוגרייטן דעם אויפשטאַנד זענען אויפגעקומען ספּעציעלע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, עס זענען געשאַפן געװאָרן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציס. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, אַזעלכע װי דער „בונד־שו" און דער „אָרעמער קאָנראַד" האָבן אײנגעשטעלט אַ ספּעציעלן אופן פון אָננעמען אין זייערע רייען, װאָס איז געװען באַגלייט מיט אַ שבועה. עס איז איינגעשטעלט געװאָרן אַ נייער לעבנס־נוסח לויט װעלכן דער אָנגעהעריקער צו דער אָרגאַניזאַציע זאָגט זיך אָפּ פון לעבנס־פאַרגעניגנס און גיט אָפּ אַלע זיינע כוחות לטובת דעם ציל — צוגרייטן דעם אויפשטאַנד. דער אויפקום פון אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, כדי צוצוגרייטן רעװאָלוציאָנערע מעשים, האָט אין די שפּעטערדיקע דורות געהאַט אַן אָרט אין אַנדערע רעװאָלוציאָנערע באַװעגונגען.

אַ װייטערדיקער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם פּויערים־אויפשטאַנד, איז דאָס פּראָקלאַמירן די פאָדערונג פון אַלגעמיינעם אייגנטום־רעכט אויף די גיטער פון געזעלשאַפטלעכן געברויך, אַזעלכע װי װעלדער, לאָנקעס, טייכן, װי אויך די פאָדערונג צו צעטיילן די ערד פון די קירכלעכע און סעקולערע גוטבאַזיצער צװישן די פּויערים.

די פאָדערונג פון קאָלעקטיװן אייגנטום אויף לעבנס־װיכטיקע גיטער, איז אויפגעקומען בעת פאַרשיידענע װייטערדיקע דעמאָקראַטישע רעװאָלוציעס, בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעװאָלוציע, אין די סאָציאַלע רעװאָלוציעס פון 19־טן יאָרהונדערט. אין רעזולטאַט דערפון זענען דערגרייכט געװאָרן װעזנטלעכע רעזולטאַטן.

קאָלעקטיװ געזעלשאַפטלעך אייגנטום אויף אַלע גרונטיקע

פראָדוקציע־מיטלען, אויף באָדן, פאַבריקן, באַנקן, נאַטור־אוצרות א.א. איז געווען די צענטראַלע פאָדערונג בעת דער גרויסער סאָציאַ־ליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין 1917־טן יאָר, אין רוסלאַנד.

אין דער צייט פונעם פויערים־אויפשטאַנד האָט זיך דער פּלעבייאישער טייל פון דער אינטעליגענץ געשטעלט אויף דער זייט פון די קעמפנדע מאַסן. דער אַנטייל פון אַ טייל אינטעליגענץ אין די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען פון 16־טן יאָר־הונדערט איז געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג.

אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך דער גרעסטער טייל פון דער אינטעליגענץ, גרויסע דענקער, פילאָזאָפן, שרייבער, געשטעלט אויף דער זייט פון די קעמפנדיקע מאַסן.

קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, די גרויסע דענקער, די באַגרינדער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, זענען אין דער זעלבער צייט געשטאַנען בראש פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין 19־טן יאָרהונדערט.

אין דעם פויערים־אויפשטאַנד פון אָנהייב 16־טן יאָרהונדערט קעגן פעאָדאַלער פאַרקנעכטונג, איז צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן געוואָרן די רויטע פאָן. אין משך פון דורות איז די דאָזיקע רויטע פאָן דער סימבאָל פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות, קודם כל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פון 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט.

אינעווייניק, אין דעם אַנטי־פעאָדאַלן לאַגער פון אָנהייב 16־טן יאָרהונדערט, האָבן זיך אַנטוויקלט פאַרשידענע שטרעמונגען — באַזונדערס: אַ מעסיקע און אַ רעוואָלוציאָנערע. דאָס האָט זיך אויף אַן עמבריאָנעלן אופן שוין באַוויזן אין יאָר 1525. אַזעלכע און ענלעכע אונטערשיידן האָבן זיך אויך אַנטוויקלט אין די רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונגען פון דער שפּעטערדיקער צייט. די אונטערשיידן אין דער אָריענטאַציע פון פאַרשיידענע טיילן פון דער פויערים־באַוועגונג איז ניט געבליבן קיין אָפּגעזונדערטע, איינמאָליקע דערשיינונג, נאָר האָט זיך אַנטוויקלט און אַרויסגעבראַכט ברייטע און קאָמפּלי־צירטע פּראָבלעמאַטיק.

# דאָס פּראָבלעם פון ערד־אייגנטום

דער קאַמף פאַר ענדערן די אַגראַרע און סאָציאַלע באַציאונגען, וואָס האָבן געשטאַמט פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג, איז געווען ניט נאָר לטובת די פאַרקנעכטעטע פּויערים, נאָר אויך לטובת דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, לטובת דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

דער היסטאָריקער האָבסבוים שרייבט מיט רעכט אין זיין בוך „די עפּאָכע פון רעוואָלוציע", אַז די פראַגע פון באָדן־אייגנטום האָט באַשטימט דעם פּראָבלעם: לעבן אָדער טויט פון דער מערהייט מענטשן אין די יאָרן 1789—1848.

דער איינפלוס פון דער רעוואָלוציע אויף דעם באָדן אייגנטום, אויף דער אָרענדע, אויף דער אַגריקולטור און אינדוסטריע און אויף דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, איז געווען אַ דעצידירנדע דערשיינונג פון יענער עפּאָכע. סיי די פּאָליטישע רעוואָלוציע, סיי די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, האָבן בשום אופן ניט געקענט פאַרבייגיין די פראַגע וועגן באָדן, וואָס איז דורך דער ערשטער עקאָנאָמישער שול, דורך די פיזיאָקראַטן, באַטראַכט געוואָרן אַלס איינציקער קוואַל פון רייכטום. אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג אין די אַגראַרע באַציונגען איז געווען דער ערשטער נייטיקער פאַרבאַדינג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

דער פעאָדאַלער אַגראַר־סיסטעם און די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין פּערזענלעכער אָפּ־הענגיקייט, פאַרשקלאַפונג און דערנידעריקונג, וואָס האָט זיך באַזירט אויף דעם דאָזיקן סיסטעם, האָבן געמוזט פאַרשווינדן. דאָס איז געווען אַ נויטווענדיקייט, כדי די פּראָדוקציע־כוחות זאָלן זיך קענען אַנטוויקלען, כדי צו אַקערן די ערד, כדי אויף אַ פרייען אופן קויפן און פאַרקויפן די פּראָדוקטן, באַשעפטיקן אַרבעטער, באַקומען רווחים און שטויסן פאָרויס די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, די ווירט־שאַפט בכלל, די וויסנשאַפט און אַלגעמיינע קולטור. דעם באָדן האָט מען געמוזט פאַרוואַנדלען אין אַ געברויך־אַרטיקל, אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען לגבי ירושה־רעכט און אַנדערע פאַרבאָטן, וואָס שייך

פאַרקויפן און פאַרטיילן אַדל־פאַלוואַרקן, קאָנפיסקירן די גרויסע באַדן־גיטער פון די רייכע גייסטלעכע און באַשטימען, אַז אַ גוט־באַזיצער האָט מער ניט קיין רעכט זיך צו פירן לויט די דערני־דעריקנדיקע מנהגים פון מיטלאַלטער, וועלכע האָבן פאַרקנעכט די פויערים און פאַרהאַלטן דעם אַלגעמיינעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס.

די קאָנפיסקאַציע פון קירכלעכן באָדן און דאָס אַרויסנעמען אים פון דער מיטלאַלטערלעכער קאָנטראָל, האָט געעפנט ברייטע מעג־לעכקייטן פאַרן מאַרק. דאָס באַפרייען די פויערים פון די פעאָדאַלע פאַרפליכטונגען, פון דער פאַרקנעכטונג, די ליקווידאַציע פון לייב־אייגנטום, פון די אָפּצאָלונגען, פון דער צוואַנגס־אַרבעט א.א., איז געווען דער געבאָט פון הומאַניזם, פון דער שטרעבונג צו פרייהייט און פון דער עקאָנאָמישער נויטווענדיקייט פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, פאַר דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

דער געדאַנק פון גלייכהייט צווישן מענטשן, וואָס איז עמבריאָנעל פאָרמולירט געוואָרן אין די „12 פאַראַגראַפן“ פון דער פויערים־באַוועגונג פון 1525־טן יאָר, איז אַרגומענטירט געוואָרן דורך דענקער און פילאָזאָפן פון די שפּעטערדיקע צייטן אויף אַ ראַציאָנעלן, וויסנשאַפטלעכן און טעאָרעטישן אופן. די אַרבעט פונעם פויער, וועלכער האָט זיך באַפרייט פונעם פעאָדאַליזם און די אַרבעט פונעם פרייען לוין־אַרבעטער זענען געווען אַ סך עפעקטיווער ווי די צוואַנגס־אַרבעט פון די פאַרשקלאַפטע לייבאייגענע. מאַסן פויערים, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה פון דער ערד, צו וועלכער זיי זענען געווען צוגעבונדן מיט טויזנטער פעדים אין משך פון דער היסטאָרי־שער אַנטוויקלונג, האָבן אָנגעהויבן אַריבערגיין אין די שטעט, ווו עס האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינדוסטריע און ווו זייער אַרבעטס־קראַפט איז געווען נייטיק און לעבנסוויכטיק.

קאָמפּליצירטע אַגראַרע, מענטשלעכע, יורידישע און פּאָליטישע באַציונגען, וועלכע זענען געווען אייגנטימלעך דעם פעאָדאַלן סיסטעם, זענען אָפּגעטראָטן אונטערן דרוק פון די רעוואָלוציאָנערע פויערים־אויפשטאַנדן, וועלכע האָבן געעפנט דעם וועג פאַר אַ מער אַנטוויקלטן, העכערן סאָציאַלן סיסטעם. די אַנטי־פעאָדאַלע ענדערונגען זענען בדרך־כלל פאָרגעקומען צווישן די יאָרן 1789—1848 אונטער דער דירעקטער אָדער אומדירעקטער ווירקונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — פון גיבראַלטאַר ביז מזרח־פּרייסן און פון באַלטישן

ים ביז סיציליע. טיפע ענדערונגען זענען אין צענטראַל־אייראָפּע פֿאָרגעקומען אין 1848־טן יאָר. אַ גרויסער אויפשטאַנד פון די לייבאייגענע פויערים איז פֿאָרגעקומען אין גאַליציע, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער עסטרייך, אין 1846־טן יאָר. דער דאָזיקער אויפשטאַנד איז געווען דער אָנהייב פון אַלגעמיינעם קאַמף פאַר באַפרייונג דורך די רעוואָלוציעס פון 1848־טן יאָר. אין רוסלאַנד זענען געווען 148 פויערים־בונטן אין די יאָרן 1826—1834, שפּעטער זענען פאָרגעקומען 216 פויערים בונטן אין די יאָרן 1835—1844, און נאָך דעם 348 בונטן אין די יאָרן 54—1844. צו אַ הויך־פונקט זענען דערגאַנגען די פויערים־בונטן אין רוסלאַנד אין די לעצטע יאָרן פאַר דער באַפרייונג, אין 1861־טן יאָר.

די דאָזיקע פויערים־בונטן האָבן טאַקע געצוווּנגען די רעגירונג צו דערקלערן זייער באַפרייונג.

אינעם האַבסבורגער קייזערטום האָט יאָזעף דער צווייטער אָפּגעשאַפט דאָס לייבאייגנטום און אַריבערגעפירט גרויסע טיילן פונעם קירכלעכן באָדן אינעם סעקולערן רשות, אין די 80־ער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט.

די עקאָנאָמישע נויטוועדיקייט פון דער אַנטוויקלונג און דער איינפלוס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן געבראַכט צו דער פויערים־באַפרייונג אין פּרייסן, אין די יאָרן 1807—1816. דער איינפלוס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען אַן אַנטשיידנדיקער דורך אירע אידייען, ווי אויך אין רעזולטאַט פון דער גרויסער מפּלה, וואָס די פּרייסן האָבן באַקומען פון די פראַנצויזישע אַרמייען.

די פויערים זענען געווען געצוווּנגען צו געבן זייערע האַרן, פאַר אַנולירן די צוואַנגס־אַרבעט און די פעאָדאַלע שטייערן, פאַר די אייגנטום־רעכט — אַ דריטל אָדער אַ העלפט פון זייער פּריערדיקן ערד־חלק, אָדער אויסצאָלן מיט געלט דעם ווערט. די איבערקערעניש אין די אייגנטום־באַציונגען פון באָדן איז געווען דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אויסדרוק פון דער צעפאַלונג פון דער אַלטער פעאָדאַלער געזעלשאַפט.

דאָס אַנולירן דעם פעאָדאַליזם האָט געשאַפן וועזנטלעך נויטווענדיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

## די פאַרוואַנדלונג פון דער אויסערלעכער מלחמה אין אַ בירגער־קריג

דער פויערים־אויפשטאַנד אין אונגאַרן, אין 1514־טן יאָר, האָט זיך אַנטוויקלט פון אַן אויסערלעכער מלחמה קעגן טערקיי — אין אַ בירגער־קריג קעגן די גוטסבאַזיצער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַפרייען די פאַרשקלאַפטע פויערים. די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם קרייץ־צוג קעגן די טערקן האָבן צוגעזאָגט אין דער זעלבער צייט, אַז די פויערים, וועלכע וועלן זיך באַטייליקן אין דער מלחמה, וועלן באַקומען אַלס געשאַנק פערזענלעכע פרייהייט. די גוטסבאַזיצער זענען אָבער ניט מסכים געווען זיך אָפּצוזאָגן פון זייער הערשאַפט איבער די פויערים.

דער בונט, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דאָזשאַ, קעגן דעם אַדל און די גוטסבאַזיצער, איז געווען די פּאַקטישע פאַרוואַנדלונג פון דער אויסערלעכער מלחמה אין אַ געזעלשאַפטלעכן, אינעווייניקסטן קאַמף פאַר דער פרייהייט פון די פויערים.

אַ טיילווייז ענלעכע דערשיינונג האָט געהאַט אַן אָרט אין פראַנקרייך, ווען די פראַנצויזיש־פּרייסישע מלחמה אין דער צווייטער העלפט פון 1870 יאָר האָט נאָכן אָפּשטעלן זי — זיך אַנטוויקלט אין אַ בירגער קריג און דעם 18־טן מערץ 1871־טן יאָר האָט געזיגט די פּאַריזער קאָמונע.

אַ טיפע טעאָרעטישע אַנטוויקלונג האָט דער דאָזיקער געדאַנק דערגרייכט אין רוסלאַנד, אין 1917־טן יאָר, ווען די מאַסן אַרבעטער, פויערים און סאָלדאַטן, אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיט לענינען בראש, האָבן איינגעשטעלט די מאַכט פון די אַרבעטער־פּוערים־און סאָלדאַטן־ראַטן, באַשליסנדיק אַרויסצוציען רוסלאַנד פונעם ערשטן וועלט־קריג דורכן פּראָקלאַמירן דעם 7־טן נאָוועמבער 1917־טן יאָר דעם „שלום דעקרעט" — אַלס ערשטן געזעץ פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

* * *

# שלום־וואָרט

די באַדייטונג פֿון גרויסן פּויערים־אויפֿשטאַנד, אין 1525־טן יאָר, באַשטייט אין דעם, ווי דאָס באַצייכנט פֿרידריך ענגעלס, וואָס ער איז געווען דער ערשטער עטאַפּ פֿון דער אייראָפּעישער בורזשואַזער רעוואָלוציע.

די פּויערים, וועלכע האָבן דרייסט און מוטיק אָרגאַניזירט דעם אויפֿשטאַנד אין 1525־טן יאָר, האָבן ניט פֿאַרמאָגט גענוג דערפֿאַרונג. זיי האָט געפֿעלט די נייטיקע איינהייט פֿאַר אַזאַ גרויסן סאָציאַלן קאַמף, ווי דער קאַמף קעגן פֿעאָדאַליזם. עס האָט זיי געפֿעלט אַ געהעריקער קאָלעקטיוו פֿירער, ווי אויך די פֿאַרבינדונג מיט אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע שיכטן, וועמענס אינטערעסן זענען געווען אין קעגנזאַץ צו דער פֿעאָדאַלער אָרדנונג. ניט געקוקט אויף דעם האָבן די פּויערים באַוויזן צו פֿירן קאַמפֿן פֿון גרויסן געזעלשאַפֿטלעכן, אידייאישן און מאָראַלישן באַדייט. נאָך דורות־לאַנגע קאַמפֿן האָט געזיגט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, ווייל זי איז געווען אַ העכערע און פּראָגרעסיווערע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמאַציע אין פֿאַרגלייך מיטן פֿעאָדאַליזם. דערמיט האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט דער פֿאָרויסגאַנג פֿון דער געשיכטע. אין זייער ערשטער סטאַדיע איז דער קאַפּיטאַליזם געווען פּראָגרעסיוו, אָבער שפּעטער, אין זיין אימפּעריאַליסטישן עטאַפּ, איז ער געוואָרן אַ שטערונג פֿאַרן סאָציאַלן פּראָגרעס, פֿאַרן שלום.

דער טיפֿער אינהאַלט פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז דער רעוואָלוציאָנערער איבערגאַנג פֿונעם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם. אינעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן איבערגאַנג זענען דאָ קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען, ווי אויך דערשיינונגען פֿון פֿאַרקריפּלונג און דעגענעראַציע. מ׳קען לערנען פֿון דער געשיכטע, אַז די פֿאָלקס־מאַסן פֿון יעדן לאַנד זענען אַ מעכטיקע קראַפֿט, וועלכע וועט גובר זיין אַלע שטערונגען אויפֿן וועג צום דערגרייכן געזעלשאַפֿטלעכן יושר, שלום און פֿריינדשאַפֿט צווישן די פֿעלקער, נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. דאָס איז דער גרויסער אידייאישער, מאָראַלישער, פּאָליטישער און אַלזייטיקער געראַנגל פֿון אונדזער דור, וועלכער וועט זיכער דערגרייכן אַן ענדגילטיקן זיג.

# ביבליאָגראַפיע


ווילהעלם צימערמאַן — דער גרויסער פויערים־קריג אין דייטשלאַנד (אין דייטש), בערלין, דיץ־פאַרלאַג, 1953. 796 זייטן.

פרידריך ענגעלס — דער פויערים־קריג אין דייטשלאַנד, „ספרית פועלים", (איבערגעזעצט אין עברית) 1948. 213 זייטן.

דזשאָרדזש דיבי — די דאָרפישע ווירטשאַפט אין מיטלאַלטער. (אין ענגליש).

טאָמאַס מינצער — בריוו, דאָקומענטן. (אין דייטש).

מ. מ. סמירין — די פאָלקס־רעפאָרמאַציע פון טאָמאַס מינצער און דער גרויסער פויערים־קריג (איבערגעזעצט פון רוסיש אויף דייטש — דיץ־פאַרלאַג, 1952), 674 זייטן.

מאַרקס און ענגעלס — דער בירגערקריג אין פראַנקרייך.

מאַנפרעד בענסינג — די פאָלקס־רעפאָרמאַציע אין דייטשלאַנד (אין דייטש).

פריץ קערן — דאָס ווידערשטאַנדסרעכט אין מיטלאַלטער, (אין דייטש).

א. סאבאל — די פראַנצויזישע רעוואָלוציע (איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש אויף עברית, פאַרלאַג הקיבוץ המאוחד, 1965), 369 זייטן.

א. י. האָבסבוים — די עפּאָכע פון רעוואָלוציע (איבערגעזעצט פון ענגליש אויף עברית, פאַרלאַג „הדר", 1965), 424 זייטן.

שאול פנחס רבינוביץ — יוסף איש רוסהיים (אין עברית), פאַרלאַג „תושיה",

יוסף יוזעלמאַן — מגילת הזכרונות (אין עברית).

שמעון דובנאָוו — די געשיכטע פון אייביקן פאָלק, 6־טער באַנד (אין עברית). פאַרלאַג „דביר", תל־אביב 1958.


די צייכענונג: האַנס באַלצער

# אינהאַלט

ערשטער טייל:


דער גרויסער פּויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד — — — — 10
דער איינפלוס פון דער רעפאַרמאַציע אויף דער פּויערים־באַוועגונג — 12
די מאַטעריעלע און סאָציאַלע באַדינגונגען פון די פּויערים — — 15
דער אורבאַניזאַציע־פּראָצעס און זיין איינפלוס אויף די פּויערים — 19
אַנוווקס פון די פּויערים־בונטן — — — — — — — — 21
די גרויסע קאָנספּיראַציע־באַוועגונגען — — — — — — 25
צוזאַמענאַרבעט צווישן די אַנטיפעאָדאַלע כוחות — — — — 31
דער „לאַנדטאַג” אין 1514 מיטן אַנטייל פון שטאָטישע בירגער
און פּויערים — — — — — — — — — — — 33
דער פּויערים־אויפשטאַנד אין אונגאַרן, די פּראָקלאַמירונג פון
דער רעפּובליק — — — — — — — — — 34
דער רעוואָלוציאָנערער שטראָם קעגן מעסיקן — — — — 38
די „12 פּאַראַגראַפן” — מאַניפעסט פון דער פּויערים־באַוועגונג — — 42
דאָס אויפשטאַנד־רעכט און די טעאָריעס פון מיטלאַלטער — — — 51
די פירשטן בראש פון דער מלחמה קעגן די פּויערים — — — 55
מאַרטין לוטער׳ס שטעלונג צו די פּויערים — — — — — 58
די וועלט־אַנשויונג פון מינצער — דעם פירער פון אויפשטאַנד — — 62
די צעטיילונג פון דער קירכלעכער ערד דורך די פּויערים — — — 69
דער אויפשטענדס־פּרוּוו פונעם אַדל קעגן די פירשטן — — — 74
רעליגיעזער שטרייט אין וואַלדסהוט וועגן פירשטן־קאָמפּעטענצן — 78
די שטעלונג פון די שטעט לגבי דער פּויערים־באַוועגונג — — — 82
דער צונויפטרעף פון די אויבערשלעזישע שטעט — — — — 89
דער הסכם אין שאַפהאַוזען — פּרוּוו צו צוימען דעם אויפשטאַנד — 92
וווּקס פון דער ניט־געאָרכזאַמקייט צווישן די פּויערים — — — 96
די רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען פון די בערגטאַלער פּויערים — — 97
די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין מילהאַוזן — — — — — 100
גרינדונג פון דער „קריסטלעכער פאַראייניקונג” — — — — 104
באַמיאונגען פון די פירשטן צו שפּאַלטן די פּויערים באַוועגונג — — 109
דער איבערגאַנג צום גרויסן אויפשטאַנד — — — — — — 112

מאַרטין לוטער און די יידן — — — — — — — — — 117
יוסף יוזעלמאַן אינעם לאַגער פון די פויערים — — — — — 119
ענדערונגען אין דער שטעלונג פון דער פויערים־באַוועגונג
לגבי די יידן — — — — — — — — — — — 124
די אונטערדריקונג פונעם פויערים־בונט — — — — — — 127
די סיבות פונעם דורכפאַל פון אויפשטאַנד — — — — — — 131

צווייטער טייל:

פאַרגייער פון די שפּעטערדיקע סאָציאַלע רעוואָלוציעס — — — — 134
דער קאַמף אַפּצושאַפן די פעאָדאַלע אָרדנונג — — — — — 135
פרייהייט פון מענטש און פאָלקס־סוווערעניטעט — — — — 138
מאַלקס־מאַסן אַלס פאַקטאָר וואָס שאַפט די געשיכטע — — — 141
פּראָטעסט קעגן ווירקלעכע שטייערן — — — — — — 144
בונט פון די נאָטאַבלען — — — — — — — — 146
אָפּשאַפן די מאָנאַרכיע — טייל פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף — — 148
אַנטייל פון די פּלעבייאישע קרייזן אינעם אויפשטאַנד — — — 151
דאָס פּראָבלעם פון ערד־אייגנטום — — — — — — 154
אויסערלעכע מלחמה פאַרוואַנדלט אין אַ בירגער־קריג — — — 157
שלוס־וואָרט — — — — — — — — — — 158
ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — 159